STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05541

DER MAN FUN LE MIL

Hanan J. Ayalti

Permanent preservation of this book was made possible
by Harriet Colman
in memory of her parents
Samuel & Anna Greenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנן אַיאַלטי

דער מאַן פון לע מיל

ביכער פון חנן אַיאַלטי:

במחילות ראָמאַן, העברעיש
טאַטע און זון ראָמאַן, פּרעמירט פון לואיס לאַמעד פאָנד, 1943
דער האָטעל וואָס עקזיסטירט ניט ראָמאַן אין צוויי בענד
יידישע שפּריכווערטער זאַמלונג, יידיש און ענגליש
דער טשעק און די אייביקייט דערציילונגען
ווײַטער פֿון ברוקלין ראָמאַן, פּרעמירט מיטן בימקאָ-פּרייז
פון יידישן קולטור-קאָנגרעס, 1959
אָן אַ פֿאָרהאַנג נאָטיצן פון אַ רייזע-טאָגבוך

העברעיש:

כי תמול אנחנו (איבערזעצונג פון „טאַטע און זון״)
אין מנוס מברוקלין (איבערזעצונג פון „ווייטער פון ברוקלין״)

ענגליש:

No escape from Brooklyn
(איבערזעצונג פון „ווייטער פון ברוקלין״)

שפּאַניש:

Padre e Hijo
(איבערזעצונג פון „טאַטע און זון״)

חנן אַיאַלטי

דער מאַן פון לע מיל

און אַנדערע דערציילונגען

הוצאת י.ל. פרץ ישראל

תל-אביב, ה'תשל"ד - 1974

DER MAN FUN LES MILLES

(The Man from Les Milles)

by HANAN J. AYALTI

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, ALLENBY ST. TEL-AVIV, ISRAEL

©
COPYRIGHT 1974 BY HANAN J. AYALTI
NEW YORK, N. Y.

PRINTED IN ISRAEL
נדפס בישראל ה׳תשל״ד

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
דעם זרובבל-גאָלדמאַן קרייז, פועלי-ציון,
ניו-יאָרק

TYPESETTING: MOSHE HAMIEL

PRINTING: "HAVATZELET", HERZLIA

דער מאַן פֿון לע מיל

די אותיות און ציפֿערן האָבן אויפֿגעלויכטן, זיך געיאָגט און זייַנען נעלם געוואָרן. GM 77½ X 41 IBM 336... ס׳האָט מיר אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן און כ׳האָב אַוועקגעקוקט אין אַ זייַט. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אָנגעטאָן אין אַ געקעסטלטן רעקל, אַן אויסגעלאָשענע לולקע אין מויל, די גאָמבע אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דער לויפֿנדיקער לענטע פֿאַרנט אויף דער וואַנט. אַ ווײַלע האָב איך זיך געקווענקלט.

— מיסטער טראָומבערג ?! — האָב איך אַ זאָג געטאָן האַלב־פֿרעגנדיק. ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּוסטן בליק.

— הער קאָמערציען־ראַט... — האָב איך זיך באַמיט צו שמייכלען. איצט איז ביי מיר ניט פֿאַרבליבן קיין צווייפֿל, אַז ס׳איז טאַקע ער. ער האָט זיך כּמעט ניט געענדערט, נאָר זייַנע האָר זייַנען גרוי געוואָרן.

— איר דערקענט מיך ניט? — האָב איך אַ שפּרייז געטאָן נענטער צו אים — לע מיל, איר געדענקט?

— אַה? — האָט ער פֿאַרקנייטשט דעם שטערן.

— איר האָט מיר פֿאַרקויפֿט צוויי סיגאַרעטן דעם טאָג ווען מען האָט מיך געבראַכט אַהינצו.

זייַנע אויגן האָבן אויפֿגעלעבט:

— וואָס פֿאַר אַ?

— איינער אַן עכטער, אַ בלויער „גאָלואַז״, און דער צווייטער געדרייט מיט דער האַנט, פֿון אַ קאַפּיטשקע טאַבאַק און ס׳רוב קוקורודזע־פּעדים.

— אַה, יאָ, מיין פריינד, יאָ — האָט ער אַ מורמל געטאָן און געוואָרפן אַן אויג אויף די לייכטנדיקע צאָלן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מפסיק צו זיין אַ רגע.

כ׳האָב זיך צוגעבויגן צו אים:

— און אַ השתנה־פּושקע האָב איך אויך איינגעהאַנדלט ביי אייך — האָב איך אַ פליסטער געטאָן.

— אַה? יאָ... ס׳וואָלט געוואָרן אַ גרויסע ביזנעס, ווען זיי שלעפן מיך ניט אָוועק פונקט ערב־סעזאָן. גיט נאָר אַ קוק וואָס עס טוט זיך דאָרטן!

— האָט ער אָנגעוויזן מיט דער לולקע אויף דער באַלויכטענער לענטע — זיי וועלן אפשר היינט דערגיין צו צוואַנציק מיליאָן אַקציעס, אויב ניט נאָך מער. איר ווינט דאָ אין דער געגנט?

— יאָ.

— וואַרט־צו אַ ווײַלע, דער מאַרקעט שליסט זיך אין אַ האַלבע שעה אַרום, מיר׳ן אַרויסגיין צוזאַמען.

— גוט — האָב איך מסכּים געווען.

— הערט וואָס כ׳על אייך זאָגן — איז זיין קול געוואָרן אויפגערעגט — כ׳זאָג אייך, אַז די דאַו־דזשאָונס וועלן היינט אַרויפגיין 19 פונקטן. אפשר 20... 21... — ער האָט פאַררויכערט די לולקע — און דער „טיקער“ וועט היינט לויפן שפּעט, איר וועט זען.

כ׳האָב געקוקט אויף די לייכטנדיקע ציפערן, וואָס האָבן זיך איצט געיאָגט אין אַ משוגענעם גאַלאָפּ, און אין מיין זכרון זיינען אויפגעשוווּמען די טעג פון לע מיל. ווען מען האָט מיך אַהינגעבראַכט, איז שוין הער טראַומבערג דאָרט געווען אַ שטיקל תּושב, אַן אַלט־איינגעזעסענער. לע מיל איז געווען דער גן־עדן צווישן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט זיך געפונען אין ניט־אָקופּירטן דרום־פראַנקרייך, ניט ווייט פון מאַרסעי, און איז געפירט געוואָרן דורך ווישי־פראַנצויזן. אַריינגעזעצט האָט מען דאָרט נאָר מענטשן מיט פּריווילעגיעס, מיוחסים, ס׳הייסט אַזעלכע וואָס האָבן געקענט באַווייזן דורך אַ בריוו פון אַ קאָנסול, אַז זיי קלייבן זיך אויס־צוּוואַנדערן מעבר־לים און אַז מיט דער צייט וועלן זיי אפשר באַקומען אַ וויזע.

אין לע מיל האָט מען ניט געשלאָגן און ניט געפּייניקט. מיר האָבן בלויז געפּראָרן אין ווינטער און געהונגערט אַלע טעג פון יאָר. אין דער פרי האָבן מיר באַקומען אַ פּעניץ ברויט, און פאַר מיטאָג און וועטשערע — אַ טעלער אַרטישאָקן־זופּ. אַזוי ווי די פראַנצויזישע וועכטער האָבן אַליין אויפגעגעסן די הערצלעך פון די אַרטישאָקן, איז אונדזער חלק באַשטאַנען פון די האַרטע, ניט־געוואַשענע בלעטער, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס געקעכץ מיט זאַמד.

נאָך ערגער איז געווען מיט די קלאַנגען. מען האָט דערציילט, אַז אַ דייטשע קאָמיסיע קלייבט זיך קומען אַ ליאַדע טאָג פון פּאַריז און אַז זי וועט אָפּקלייבן מענטשן פאַר דעפּאָרטאַציע. מען וועט פאַרשיקן אין די גרובנס פון סאַהאַראַ, קיין פּוילן, קיין אוישוויץ, ווער ווייסט וווהין.

הער טראַומבערג האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן די אַלע שוואַרצע נביאות׳ן. ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע עסקים. ספּעציאַליזירט האָט ער זיך אין פּאַפּיראָסן און השתנה־פּושקעס. אין משך פון דער צייט האָט זיך אין לאַגער איינגעשטעלט אַ געוויסער סדר־העולם. געווען אינטערנירטע, וואָס האָבן מיטגעבראַכט אַ ביסל געלט. אַנדערע האָבן געטאָן וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט, כּדי צו פאַרדינען עטלעכע פראַנק. אַ געוועזענער קצב פון רומעניע מיט אַן עקס־באַנקיר פון האָלאַנד האָבן געעפנט בשותּפות אַ מין באַוועגלעכן רעסטאָראַן: זיי האָבן געקאָכט זופּ פון אַריינגעשמוגלטע פּראָדוקטן און זי אַרומגעטראָגן אין אַ גרויסן עמער צווישן די לאַנגע רייען בעטן. איינער האָט באַקומען אַ שרייב־מאַשינקע און האָט געשריבן פּראָשעניעס. ער איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ, וואָרעם דער עולם האָט געהאַלטן אין איין שרייבן: צו קאָנסולאַטן, צו פּעטערס אין אַמעריקע, צו פּרעזידענטן. פאַר אַ שיבוש האָט מען אייך אָפּגעשוירן די האָר אָדער פאַרריכט די הויזן. אַפילו אַ פּראָפעסיאָנעלן שיך־פּוצער האָבן מיר געהאַט אין לע מיל.

די אַלע בעלי־מלאכות האָבן געטאָן זייער אַרבעט צוליב פאַרדינסט — כּדי צו דערהאַלטן די נשמה. הער טראַומבערג האָט עס געטאָן אויך צוליב ליבשאַפט צו דער פּראָפעסיע — מיט האַרץ. דערפאַר טאַקע האָט דער עולם אים געגעבן דעם ערן־טיטל „קאָמערציען־ראַט". מען האָט דער־

ציילט, אַז אין דער היים, אין האַמבורג, האָט ער געהאַט אַ גרויסן אימפּאָרט־עקספּאָרט־געשעפט מיט פאַרבינדונגען אויף עטלעכע קאָנטינענטן.

— וואָס איז די נפקא־מינה? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, ווען כ׳האָב אים איין מאָל געפרעגט וועגן זיינע אַמאָליקע מסחרים — אַ טראַנזאַקציע איז אַ טראַנזאַקציע. אַמאָליקע צייטן פלעג איך אימפּאָרטירן אַ וואַגאָן טאַבאַק פון האָלאַנד; דאָ איז עס אַ ביסל וויניקער. ווי האָט געזאָגט מיין באַרימטער לאַנדסמאַן? אַלץ איז רעלאַטיוו.

פון זיינע לאַנדסלייט אין לאַגער האָב איך געהערט, אַז זיינע צוויי זין זיינען נאָך דער „קריסטאַל״־נאַכט פאַרשוווּנדן אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ. זיין פרוי האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט צו וואַרטן אויף די קינדער. זי איז שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן. טראַומבערג גופא האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם. דאַקעגן איז ער געווען שטאַרק באַרעדעוו־דיק, ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן זיינע ביזנעס אין לע מיל:

— איר פאַרשטייט, פאַראַן דאָ סעזאָן־געשעפטן און געשעפטן פון אַ גאַנץ יאָר. נעמט אַ שטייגער די פּושקעס. זומער איז עס גאָר קיין מסחר ניט. ווער דאַרף דאַן אַ פּושקע? מען כאַפּט זיך אַרויס אין דרויסן און פּטור אַן עסק. אָבער ווינטער, אַז די קאַלטע ווינטן הייבן־אָן צו בלאָזן דורך די צעבראָכענע שויבן און דער עולם פאַרקילט די פענצטערס, און מען מוז לויפן זיבן מאָל אַ נאַכט אין קאַלטן דרויסן — דער שטורעם פון ים בושעוועט און אַ שלאַקס־רעגן פּאַטשט אין פּנים — דעמאָלט, אָה, ברעכט־אויס די גרויסע בהלה. יעדער איינער וויל האָבן אַ פּושקע אונטערן בעט. די פּרייזן שטייגן אין הימל אַריין. אַ האָסע מיט אַלע פּיטשעווקעס! אפילו אַ סאַרדינען־פּושקע איז דעמאָלט אַ סחורה.

ער האָט אָנגעזאַמלט אַ זאַפּאַס פון אַלערליי פּושקעס און געדולדיק געוואַרט אויפן ווינטער:

— קיין קונים וועלן ניט פעלן — האָט ער מיר פאַרזיכערט — מען ברענגט כּסדר נייע מענטשן, נאָך און נאָך.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך מיט אים געשמועסט אין טאָג ווען די געסטאַפּאָ־קאָמיסיע איז אָנגעקומען. אין לאַגער האָט געהערשט אַ גרויסע אויפרעגונג. מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיצן ביים פראַנצויזישן קאָמאַנדיר

אין דער קאַנצעלאַריע און שטודירן די ליסטעס פאַר אַ סעלעקציע. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט קלאַנגען.

הער טראַומבערג איז געזעסן אין דרויסן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט, און זיך געוואַרעמט אין דער שפּעט-האַרבסטיקער זון. בשעת-מעשׂה האָט ער פאַרצייכנט חשבונות אין זיין קליינעם נאָטיץ-ביכל. ער האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ:

— איר זעט, מיינע קאָנקורענטן שלאָפן — האָט ער אויסגערופן מיט טריומף — און איך האָב זיך דערווייל פאַרזאָרגט מיט אַ רעזערוו פון פּרימאַ וואַרע: אַן עכטער שווייצער ציגאַר און אַ בייטעלע ענגלישע לולקע־טאַבאַק. פון פאַרן מבול מסתמא. כ׳על עס פאַרמישן מיט אַניס-בלעטלעך און מ׳עט עס צעכאַפּן ווי מצה-וואַסער.

אין מיטן נאַכט האָט מען אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון די בעטן און זיי אָנגעלאָדן אויף לאַסט-וואַגנס. אַ גערויש פון מאָטאָרן האָט צעריסן די אַרומיקע שטילקייט. מער האָבן מיר זיי ניט געזען.

אין דער פרי איז טראַומבערגס בעט געווען ליידיק. נאָך מיטאָג האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט אַ נייער לאַגערניק.

*

מיסטער טראַומבערג איז געווען גערעכט: דער „טיקער" האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע זיבן מינוט און די דאַו-דזשאָונס זיינען אַרויף 20½ פּונקטן.

— איר קומט אָפט אַהערצו? — האָב איך אים געפרעגט, ווען מיר זענען אַרויס אין דרויסן.

— יעדן טאָג, פון צען אין דער פרי ביז צום שליסן.

אין העלן טאָגליכט האָב איך באַמערקט, אַז זיין גאַרניטער איז ערטער־ווייז אָפּגעבליאַקעוועט, און אָפּגעריבן אַרום די עלנבויגנס.

— ווי גייט עס אייך אויף דער בירזשע? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— נישקשה. גוט. היינט זיינען צום מערסטן אַרויף אויטאָס און לופט־ליניעס — די ציקלישע און סעזאָן-אַקציעס, וואָס שפּרינגען אַרויף און

אַראָפּ. איר ווייסט דאָך, ווי די פּושקעס אין לע מיל. איך בין בעיקר אין טעכנאָלאָגיע.

— למשל?

— כ׳האָב געקויפט זיראָקס, ווען ס׳איז נאָך געווען אַן עקספּערימענט ערגעץ אין אַ קעלער־שאַפּ. אַ דאָלער אַן אַקציע. איצט שטייען זיי איבער 100 נאָך אַ שפּאַלטונג פון 5 פאַר איינס. כ׳בין אַריין אין אַי.בי.עם. ווען דער ברייטער עולם האָט נאָך ניט געוווסט וואָס אַ קאָמפּיוטער איז.

— זענט איר דאָך שוין מסתמא אַ מיליאָנער?

מיר האָבן געשפּרייזט איבער בראָדוויי, ביי די זיבעציקער גאַסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ראָג.

— קומט אַרויף צו מיר — האָט ער געזאָגט — כ׳וויין דאָ באַלד, אַט אין יענעם האָטעל דאָרטן. כ׳על אייך ווייזן מיין פּאָרטפּאָליאָ.

מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט צו מערב־צו. דער האָטעל, וואָס האָט אויפגעהאַלטן שפּורן פון זיין אַמאָליקן גלאַנץ, האָט אויסגעזען ווי אַ יורד. די ווענט אין אַריינגאַנג זיינען געווען באַשמירט מיט אויפשריפטן אין שפּאַניש און ענגליש. די מאָזאַיִק־פּאָדלאָגע אין רחבות׳דיקן האָל איז גע־ווען פאַרלאַטעט און ניט איבעריקס ריין. מיר זיינען אַרויפגעפאָרן צום צווייטן גאָרן. אין קאָרידאָר האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געפּרעגלטע פיש. מר׳ טראָומבערגס צימער איז געווען טונקל. דאָס פענצטער האָט אַרויס־געקוקט אין אַן ענגן הייפל.

„איינער פון יענע משוגענע מיליאָנערן?״ — האָב איך אַ טראַכט גע־טאָן — „אָדער ליגט אים נאָך דער הונגער פון לע מיל אין די ביינער?״

ער האָט אָנגעצונדן די עלעקטריע און צעעפנט איינס פון די דיקע העפטן, וואָס זיינען געלעגן אויף אַ טישל. יעדע אַקציע האָט דאָרט געהאַט איר בלעטל און יעדע טראַנזאַקציע איר גענויע רובריק: קויף און פאַר־קויף, פּרייז און דאַטע, פאַרדינסט אָדער פאַרלוסט. כ׳האָב אַ בלעטער גע־טאָן דאָס העפט און באַמערקט, אַז ער האָט כמעט ניט געהאַט קיין פאַר־לוסטן.

— ווער איז אייער בראָוקער? — האָב איך געפרעגט.

— איין בראָוקער? אַ גאַנצע טוץ! — האָט ער אַ שמייכל געטאָן סודות׳דיק.

דער שלאָס פון אַריינגאַנג האָט אַ סקריפּע געטאָן. די טיר האָט זיך צעעפנט און אויפן שוועל איז דערשינען אַ יונגע העל־הויטיקע נעגערין מיט אַ שליסל אין דער האַנט.

— העללאָו מר׳ טראַומבערג! — האָט זי אויסגערופן און זיך פאַר־האַקט — אָה, איר האָט אַ גאַסט...

— אַן אַלטער באַקאַנטער. שטער זיך ניט! ער איז אַרויפגעקומען אויף אַ ווײַלע בלויז.

כ׳האָב איר נאָכגעקוקט, ווי כ׳וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל. אַ שלאַנקע, אין אַן איינגעפּאַסטן קלייד, האָט זי זיך אַ וויג געטאָן איבערן צימער צום ווינקל וווּ עס זײַנען געשטאַנען אַ גאַז־פּליטע און אַ קליינער קיל־שראַנק, און זיך גענומען אויספּאַקן פּרוכט פון אַ טאָרבקע.

— גלעדיס פירט מיין באַלעבאַטישקייט — האָט געזאָגט מר׳ טראַומ־בערג — זי איז אייגנטלעך אַ פּרינצעסין. איר עלטער־באָבע איז געווען אַ קעניגין פון אַ שוואַרצן שבט אין אַפריקע. איר ווייסער עלטער־זיידע האָט געוועלטיקט איבער צוויי הונדערט נפשות און צען טויזנט אַקער־לאַנד אין מיסיסיפּי.

ער האָט גערעדט דייטש, אָבער ביים וואָרט „פּרינצעסין״ האָט גלעדיס אומגעדרייט דעם קאָפּ. אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. זי האָט לייכט אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג. מיר האָבן זיך געקענט. כ׳האָב זי אָפט געזען שטייענדיק בײַ נאַכט אויף איינעם פון די ראָגן פון בראָדוויי, בײַ די זיבעציקער גאַסן. טייל מאָל האָט זי בײַ מיר געבעטן אַ סיגאַרעט און מיר פלעגן אַ ווײַלע שמועסן.

— מר׳ טראַומבערג, כ׳על אייך אַנוואַרעמען אַ קענדל אַרבעס־זופּ פאַר וועטשערע, אָ. קעי.? — האָט זי געפרעגט.

— אָ. קעי. כ׳האָב ליב אַרבעס־זופּ — האָט געזאָגט מר׳ טראַומבערג און מיך באַגלייט צו דער טיר.

בײַ נאַכט האָב איך אָפּגעזוכט גלעדיסן אויף בראָדוויי.

— דו קענסט אים שוין פון לאַנג? — האָב איך זי געפרעגט.

— וועמען ?

— מר׳ טראַומבערגן.

— אַה, דעם אַלטן ? יאָ. מיר זיינען שכנים אין האָטעל אויפן זעלביקן גאָרן. אַ פיינער מאַן ביז גאָר.

— וואָס טוט ער ?

— ער איז אויף וועלפעיר.

— אויף וועלפעיר ?

— וואָס דען ? די מערסטע שכנים פון האָטעל זיינען אויף וועלפעיר. אָבער ער איז אַן אַנדער קלאַס מענטש. ער רופט מיך פרינצעסין — האָט זי אַ לאַך געטאָן — אָבער אַן אָפּגעלאָזענער. כ׳באַמי זיך אים צו העלפן: אָפּקאָכן אַ מאָלצייט, איינקויפן אַ פּאָר קלייניקייטן, פאַרריכטן די וועש. ער גיט ווייניק אַכטונג אויף זיך. כ׳וואָלט אים געהאָלפן מער, אָבער ס׳קלעקט קוים פאַר מיר.

— אַ שיין מיידל ווי דו ?

— נו, און דזשימי ? האָסט פאַרגעסן דזשימין ?

— ווער איז דזשימי ?

— מיין באָי־פרענד. כ׳האָב דיר ניט דערציילט ? ער איז שטאַרק מקפיד אויף זיין חלק. און פון טראַומבערגן האַלט ער אַ וועלט.

— דזשימי וווינט אויך אין האָטעל ?

— אַה, ניין, דזשימי וווינט ערגעץ־אַנדערש. אָבער זיי קענען זיך. טייל מאָל קאָך איך אָפּ אַ מאָלצייט פאַר אַלע דריי. עטלעכע מאָל האָבן מיר אַפילו אַרויסגענומען דעם אַלטן אין כינעזישן רעסטאָראַן אויף דער אַנדער זייט גאַס.

*

אין משך פון עטלעכע חדשים פלעג איך טרעפן טראַומבערגן אויף בראָדוויי, ס׳רוב אויף זיין וועג צום בראָוקער אָדער צוריק אַהיים. איין מאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט אפשר עפעס געהערט פאַר דער צייט וועגן אייער משפחה ?

— משפחה? וועלכע משפחה?

אין זיינע אויגן האָט אַ גלאַנץ געטאָן די שיין פון חסר־דעה. אַ סקרוך האָט מיך דורכגענומען.

— ווי האַלטן היינט די דאַו־דזשאָנס? — בין איך אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע.

און מיט אַ מאָל איז מר׳ טראַומבערג נעלם געוואָרן. ער איז ניט געקומען קוקן אויפן „טיקער“ און אויך אויף בראָדוויי האָט ער זיך ניט געוויזן. אפשר איז ער קראַנק? איין מאָל אַ פאַרנאַכט בין איך אַריין אין האָטעל און האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אים ביים אויפנאַם־טיש.

— מר׳ טראַומבערג? ער וווינט דאָ ניט מער! — האָט דער אָנגעשטעלטער זיך אָנגעכמורעט.

— ער האָט איבערגעלאָזן אַן אַדרעס?

די ליפּן פון אָנגעשטעלטן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל פון שפּאָט:

— ניין. מיר ווייסן גאָרניט וועגן אים. גאָרניט!

נאָך אַזאַ קבלת־פּנים האָב איך שוין ניט געוואָגט זיך נאָכצופרעגן אויף דער „פּרינצעסין“. אויך זי האָט זיך זינט אַ לענגערער צייט ניט געוויזן — נישט אויף אירע געוויינלעכע פּאָסטנס און ניט אין די קאַפע־לאָקאַלן פון דער געגנט.

אין אָוונט האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זי זוכן. כ׳בין אַרויף מיט בראָדוויי ביז צו דער 96סטער גאַס, און נאָך ווייטער — אַזש ביז דער קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט. ערשט אויף צוריקוועגס האָב איך זי סוף־סוף דערזען לעבן אַ גרויסן טוריסטן־האָטעל אויף דער זיבעטער עוועניו, אין מידטאַון. זי איז געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס מיט אַ מיטליעריקן גוט־געקליידטן מאַן. כ׳האָב געדולדיק געוואַרט. ווען זי האָט מיך דערזען האָבן אירע אויגן זיך ברייט צעעפנט מיט שרעק. זי האָט שנעל אָוועקגעקוקט אין אַ זייט. דער מאַן האָט עפּעס געזאָגט. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ער איז אַוועק. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר:

— וווּ איז מר׳ טראַומבערג?

— איך ווייס ניט! — האָט זי אויסגערופן מיט פיינטשאַפט.

— ער וווינט ניט מער אין האָטעל — האָב איך געזאָגט.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק:

— איר ווייסט גאָרניט?

— וואָס גאָרניט? וואָס איז געשען?

— זיי האָבן אים צוגענומען אין חד־גדיא אַריין.

— פאַר וואָס?

— דראַגס.

— וואָס מיינט איר?

— קומט, מיר׳ן שמועסן אויפן וועג. דער קליענט וואַרט. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳על קומען אין צען מינוט. ער איז אַ פאַרנומענער מענטש, געקומען אויף אַ ביזנעס־רייזע פון דער פּראָווינץ און וויל אַריינכאַפּן אַ „גוד טאַים״ איידער ער טרעפט זיך צו דינער מיט פינאַנץ־לייט.

מיר האָבן זיך פאַרנומען אין אַ זייטיקער גאַס. גלעדיס האָט זיך אַרומגעקוקט און גערעדט זייער שטיל:

— זיי האָבן ביי אים געפונען עטלעכע פּעקלעך — האָט זי געזאָגט — ביים אַלטן אין צימער. די אמת׳ע סחורה: הערויִן. אַפילו פּאַרטיקע קאָנווערטן צום פאַרקויף. ס׳איז געשטאַנען אין אַלע צייטונגען. איר׳ט ניט געלייענט?

— ניין.

— אין ווערט פון אַ פערטל מיליאָן דאָלער, האָבן זיי געשריבן. אַ גוזמא מסתמא. זיי איבערטרייבן שטענדיק, די הירן־זין.

— ווי קומט עס צו מר׳ טראַומבערג? איר׳ט דאָך געזאָגט, אַז ער לעבט פון צדקה, וועלפער.

— איז וואָס? שוין געזען אַזעלכע זאַכן. אָט־דאָ שטייט ער איין, מיין חברה־מאַן — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג צו אַ האָטעל. — זע נאָר, עס זעט־אויס זייער באַלעבאַטיש, „שיק״, טאָ קומט, באַגלייט מיך בעסער אַריין אינעווייניק. און וואָס שייך יענער מעשה, מישט זיך בעסער ניט צו פיל, אויב איר ווילט ניט... — האָט זי געמאַכט אַ צייכן מיט צוויי פינגער אַרום איר האַלדז און זיך אַריינגעשאַרט אין דער ווינדע.

כ'האָב זיך צוגעזעצט אין אַ פאָטעל אין דער „לאָבי" און געוואַרט. פאַר וואָס זאַמט זי זיך אַזוי לאַנג? מײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן און כ'האָב מורא געהאַט אַנדרימלט צו ווערן. כ'בין אַרויס אין דרויסן און האָב זיך אַרומגעדרייט איבערן טראָטואַר, האַלטנדיק אַן אויג אויף דער טיר. און טאָמער בלײַבט זי בײַ אים איבער נאַכט? פאַרפאַלן, זי איז איצט געווען דער איינציקער שפּור צום קאָמערציען־ראַט. און אויב זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט דורך אַ הינטער־טיר?

סוף־סוף איז זי דערשינען. אירע באַקן זײַנען געווען פאַררויטלט און זי האָט זיך לייכט געוואַקלט אויף די פיס.

— אָה, דו? — האָט זי אויסגערופן — וואָס טוסטו דאָ?

— ס'האָט געדויערט לאַנג — האָב איך געזאָגט — שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן!

— ווייס איך וואָס. מיר'ן געטרונקען. דער יאָלד האָט מיך געוואָלט איינ'שיכור'ן, כדי אָפּצוטאָן אַלערליי חזיר'ייען — האָט זי אַרויסגעשטעקט די צונג. — ער'ט אַליין אויך געטרונקען, כדי זיך צוגעבן קוראַזש. קום, לאָמיר עפּעס נעמען אין מויל — האָט זי מיך אָנגענומען ביים אָרעם — איך פונדעווע!

— האָסט אַרײַנגעכאַפּט די אמת'ע אַפּותיקו, וואָס?

— זעסט? — האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ הויפן באַנקנאָטן פון קעשענע

— ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און משוגע אויפן קאָפּ איז ער אויך. כ'האָב זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אים אויף די קני, ווי אַ שקלאַפן־מיידל, און דערנאָך האָט ער מיר אָנגעטאָן אַ קראַנץ קאַרעלן און כ'בין געוואָרן די קעניגין פון פראַנקרייך, ווי ט'מען זי גערופן? וואָס מען האָט איר אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ...

— מאַרי אַנטואַנעט?

— דאַכט זיך. אַפילו זײַן „מאַמי" האָב איך געדאַרפט שפּילן. דער מאַדהער פאַקער! וואָס אַזאַ איינעם חלומ'ט זיך אַלץ.

— און דו האָסט געטאָן אַלץ וואָס ער'ט געוואָלט?

— ער'ט כסדר געצאָלט, פאַר יעדער שטיקל אַרבעט. און ס'איז אין גאַנצן פאַר מיר. אויס מיט דזשימי'ן!

— ווי קומט עס?

— ער איז נעלם געוואָרן.

— ווו איז ער?

— כ'ווייס ניט. כאַפּט אים דער טייוול!

מיר זיינען אַריין אין אַ קאַפּעטעריע. גלעדיס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און איך בין אַוועק צו דער פּאַרבאַנק. ווען איך בין צוריק־געקומען מיט אַן אָנגעלאָדענעם טאַץ, האָט זי שוין האַלב־געדרימלט. זי האָט געעפנט די אויגן:

— אָה, אַ דאַנק, ס'איז אַזוי שיין פון דיר — האָט זי אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און מיך אַ ווײַלע באַטראַכט מיט אַ פאַרשלאָפענעם בליק

— זאָג נאָר, ביסט ניט אַ מאָל מיין טאַטע?

— איך?

— פאַר וואָס ניט? כ'האָב אים קיין מאָל ניט געזען, מיין פאָטער. ער איז געווען אַ ווייסער. מיין מאַמע וואָלט אים אויך ניט דערקענט. זי האָט אים געזען נאָר איין מאָל.

— ווי אַלט ביסטו, גלעדיס?

— פינף־און־צוואַנציק.

— מיט 25 יאָר צוריק בין איך געווען אין לע מיל, זייער ווייט פון דאַנען, אויף יענער זייט ים, און הינטער שטעכלדראָטן דערצו.

— איז אפשר מיסטער טראָומבערג?

— ער איז דאָרט געווען צוזאַמען מיט מיר, אין לע מיל.

— רבונו־של־עולם, אַלע זיינען דאָרטן געווען?

— כמעט. זאָג מיר, ווי קומט די דאָזיקע סחורה צו אים אין צימער?

גלעדיס האָט זיך ווי אויסגעניכטערט און מיך אָנגעקוקט מיט פאַר־דאַכט. מיט אַ מאָל האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט:

— אַ פערטל מיליאָן דאָלער, כאַ־כאַ־כאַ!

זי האָט אַ ביס געטאָן פון סענדוויטש און אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש:

— דער ממזר! — איר געלעכטער איז אַריבער אין צאָרן — די פּיאַווקע! פאַר אונדזערע פאַרהאָרעוועטע ניקלס. דער הירן־זון!

— ווער?

— דזשימי, ווער־זשע דען?

— אַה, דיין באַי־פרענד!

— יאָ, מיין פּימפּ. ס'איז ביי אים געווען אַ זייטיקע ביזנעס, מסתּמא. כ'האָב אים געגעבן אַ שליסל צו טראַומבערגס צימער, ווייל ער האָט גע־טענה'ט, אַז ער דאַרף האָבן אַ רויִק ווינקל ווו זיך צושפּאַרן ביי טאָג. ביי נאַכט איז ער דאָך געווען פאַרנומען מיט איינקאַסירן די ממתּקים ביי זיינע נקבות.

— ווו איז ער איצט, דזשימי?

— נאָך דעם ווי זיי האָבן אַוועקגענומען טראַומבערגן אין קיטשמע, איז ער ווי אין וואַסער אַריין. אין דר'ערד זאָל ער גיין!

זי האָט פאַרענדיקט דעם סענדוויטש און פאַרטרונקען מיט קאַווע:

— קום, לאָמיר גיין — האָט זי זיך אויפגעהויבן — כ'על היינט מער ניט אַרבעטן. גענוג!

— ווו ווילנסטו איצט?

— ווו סע מאַכט זיך. היינט וועל איך מיר נעמען דאָס ריכטיקע צימער, ערשטע קלאַס, מיט אַ באַד, טעלעוויזיע, כּל־טוב. חי געלעבט!

ווען מיר זיינען אַרויס אין דרויסן, האָט זי מיך אָנגענומען ביי דער האַנט:

— קום מיט מיר! דיר וועל איך גאָרנישט ניט רעכענען. על חשבון הגביר!

— אַ שיינעם דאַנק, פּרינצעסין, אָבער כ'דאַרף מאָרגן אויפשטיין זייער פרי.

— דו ביסט אויך אַ ממזר, ווי זיי אַלע. קיינער האָט מיך ניט ליב. קיינער ניט!

*

צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָב איך אָפּגערופן דזשעקסאָן מאַנהיים, מיין לאָיער. ער האָט אויסגעהערט מיין געשיכטע און געזאָגט:

— כ'על אייך געבן אַן עצה: מישט זיך בעסער ניט!

— ער איז אומשולדיק.

— איר׳ט זיך פאַרפּלאָנטערן מיט דער אונטערוועלט, פּאָליציי, פּראָ־צעסן — אַ מעשׂה אָן אַן עק.

— כ׳קאָן אים ניט לאָזן פאַלן. איר פאַרשטייט, דזשעקסאָן, מיר זײַנען געווען אין לאַגער צוזאַמען. איר פאַרשטייט?

— ווו?

— אין לע מיל, לעבן מאַרסעי.

— אַט זעט איר שוין — האָט ער געזאָגט — ס׳מערסטע הערויִן קומט אַהערצו איבער מאַרסעי.

— ער איז איינזאַם, איינער אַליין, אָן משפּחה, אָן פריינד.

מר׳ מאַנהיים האָט מיר סוף־סוף צוגעזאָגט צו באַזוכן טראַומבערגן אין תּפיסה און זען וואָס ער קאָן טאָן פאַר אים. אין דריי טעג אַרום האָט זײַן סעקרעטאַרשע מיר טעלעפאָנירט און באַשטעלט אין זײַן אָפיס. כ׳בין גלייך אַהינגעגאַנגען.

— כ׳האָב זיך געזען מיט אייער פריינד — האָט געזאָגט דער לאָיער נאָך דעם ווי ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול און אָנגעבאָטן אַ ציגאַר.

— וואָס מאַכט ער?

— גוט. ער פילט זיך דאָרט ווי אַ פיש אין וואַסער.

— וואָס איז די גדולה אויף זײַן קאָפּ?

— ער איז דאָרט אַ גאַנצער יאַ־טעביע־דאַם — האָט דער לאָיער אַ שמייכל געטאָן — אַ פּרינץ פון דער אונטערוועלט, אַזוי צו זאָגן. ווען זיי האָבן געהערט, אַז מען האָט ביי אים געפונען פאַר אַ פערטל מיליאָן דאָלער הערויִן, האָבן אַלע באַקומען גרויס דרך־ארץ פאַר אים. ער האָט זיי אַלע־מען צוגעזאָגט צו ליפערן גאָר בקרוב פון דער סחורה וויפל זייער האַרץ גלוסט.

— דער גרויסער צעלייגער! פּונקט ווי אין לע מיל. איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, דזשעקסאָן? מיר דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך אַלץ דאָרטן, אין לע מיל.

— ער האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז אויב ער האָט געקענט פאַרזאָרגן

אַ גאַנצן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט טאַבאַק, וועט ער זיך זיכער אַן עצה געבן מיט די וועגנס פון אַ ניו־יאָרקער תּפיסה.

— איר גלויבט איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט אייך געזאָגט?

— ס'איז ניט וויכטיק, צי איך גלויב אים. די צרה איז, וואָס ער איז זיך מודה אין אַלץ, שטעלט זיך פאַר, אַז ער קומט אַרויס אין געריכט מיט אַזאַ מענה־לשון...

— און אַז מיר וועלן ברענגען פאַרקערטע באַווייזן? עדות?

— איר האָט אַזעלכע עדות? באַווייזן?

— כ'מיין, אַז יאָ.

✶

אין משך פון עטלעכע מעת־לעת האָב איך אַרומגעזוכט די „פּרינצעסין" — אויף דעם אויבערשטן בראָדוויי, אין דער טוריסטן־געגנט, אַרום טאַימס־סקווער, אומעטום. זי איז נעלם געוואָרן אָן אַ שפּור. אפשר האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט צו פיל געפּלאַפּלט שיכּור'ערהייט, און האָט געקראָגן קאַלטע פיס. ס'קען זיין, אַז זי האָט זיך אָפּגעטראָגן פון ניו־יאָרק עד יעבור זעם.

כ'האָב באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט טראַומבערגן. איין מאָל אַ פאַרמיטאָג בין איך אַוועק אין תּפיסה. מען האָט מיך אַרומגעשיקט פון אָפיס צו אָפיס און סוף־סוף מיר דערקלערט, אַז מר' טראַומבערג איז אָפּגעשיקט געוואָרן פאַר אָבסערוואַציע אין בעלוויו שפּיטאָל.

כ'האָב באַוויזן אָנצוקומען אַהין ביים סוף פון די וויזיט־שעה'ען. דער קאָמערציען־ראַט האָט זיך דערפרייט מיט מיר און מיר גלייך געלאָזט וויסן אַז ער נעמט אייגנטלעך ניט אויף קיין פריוואַטע באַזוכער, אָבער אַזוי ווי מיר זיינען אַלטע גוטע־פריינד — —

— כ'וואָלט אייך אַ ביסל אַרומגעפירט, געוויזן דאָס הויז, די פאַרש־קאַבינעטן, לאַבאָראַטאָריעס, אָבער... — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן.

— וואָס איז געשען?

— אין דער אמת'ן בין איך דאָ דער דירעקטאָר, איר פאַרשטייט? צו

ערשט האָבן זיי מיך אַריינגעוואָרפן אין לייבן־גרוב, אַזוי ווי דניאלן, און דערנאָך... איר קענט די געשיכטע פון דניאל?

— יאָ, ער האָט פּותר־חלום געווען נבוכדנצרס טרוימען.

— דניאל איז ניט געווען גלאַט אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער; ער האָט ניט בלויז באַשיידן די חלומות פון מלך בבל, נאָר ער האָט אַנטפּלעקט די חלומות, וואָס דער מלך גופא האָט געהאַט פאַרגעסן. ער האָט געוווּסט די פאַרבאָרגענע טרוימען פון יעדן איינעם און ער האָט פאַרשטאַנען די שריפט אויף דער וואַנט. זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין גרוב פון די לייבן, און דערנאָך איז ער געוואָרן דער גרעסטער זעער פון גאַנצן קעניגרייך. ער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם קץ, דעם סוף פון די טעג. מיך האָבן זיי דאָ געמאַכט פאַר דעם הויפּט־דאָקטער.

— איך זע... כ׳פאַרשטיי... ווען הייבט איר אָן צו אַרבעטן?

— כ׳האָב שוין אָנגעהויבן. מיינע ערשטע דריי פּאַציענטן האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר דאָקטוירים. איך האָב אָבער גלייך דערזען, אַז זיי זיינען... קרימינעלע משוגעים. פון זייערע פראַגעס און דריידלעך האָב איך עס פאַרשטאַנען. זיי האָבן מיך טאַקע פאַרשפּאַרט צווישן די פיר ווענט און אַליין זיינען זיי אַנטלאָפן...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט זיך ניט צו, און צוגעגעבן שטילערהייט:

— מיר זיינען דאָך אַלטע פריינד, באַשטים איך אייך ווי מיין שליח צו דער וועלט. גייט און זאָגט דער וועלט, אַזוי האָט געזאָגט טראַומבערג: דער קץ איז געקומען, ער איז שוין דאָ! אַ כאַפּטע משוגעים, וואָס פאָזירן ווי דאָקטוירים, זיינען אַנטלאָפן פון שפּיטאָל און...

— „די וויזיט־שעה איז געענדיקט!" — האָט אַ שטימע פון אַ הויך־רעדער פאַרהילכט טראַומבערגס קול — „אַלע באַזוכער ווערן געבעטן גל־יך צו פאַרלאָזן די געביידע".

ווען ס׳איז שטילער געוואָרן, האָט מיין פריינד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, גוט... איר וועט שוין וויסן וואָס צו זאָגן... — האָט ער אַ פּליס־טער געטאָן מיט אַ מיסטעריעזן שמייכל.

בערקע דער ישוב׳ניק
אַנטדעקט די וועלט

א

ער איז געלעגן אויף דער לאָנקע, אויסגעצויגן אויפן רוקן, און האָט געקוקט אין הימל. דאָס גראָז איז געווען ווייך און די זון האָט געוואַרעמט זיינע באָרוועסע פיס. העלע, געקרייזלטע וואָלקנדלעך האָבן זיך געגליטשט אין רוים: משה רבנו, מיט אַ ווייסער באָרד און אַ לאַנגן שטעקן, האָט געפירט אַ סטאַדע שאָף אויף פּאַשע. דערנעבן איז סיוואָק אונטערגעשפּרונגען אויף זיינע געפּענטעטע פיס און געצופּט גרעזער און פאַרבלאָנדזשעטע קאָניטשינע־שטענגלעך.

די וואָלקנס זיינען זיך צעשווומען און פון דער אַנדער זייט טייכל איז דערגאַנגען דאָס גראַגערן פון גענדז. בערקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן און אַריבערגעקוקט. צווישן די געבויגענע ווערבעס איז דערשינען מאַרישקע, אירע פלאַקסענע האָר צעווייעט אין ווינט. זי האָט אָפּגעריסן אַ צווייגל און עס אַ פאָך געטאָן אין דער לופטן. די גענדז זיינען אַריין אין וואַסער און זיך געלאָזט שווימען. טאַפּנדיק דעם גרונט מיט די פיס, האָט דאָס מיידל אונטערגעהויבן איר קליידל ביז איבער די קני.

— כ׳על מער ניט גיין מיט איר, סיוואָק — האָט בערקע אַ פליסטער געטאָן צום פערד. סיוואָק האָט אַ פאָך געטאָן מיטן וויידל און פאַרטריבן אַ זלידנע פליג פון רוקן.

— העי, בערקאָ, דזיען דאָברי! — האָט מאַרישקע אַ רוף געטאָן, ווען זי איז אַרויס אויפן ברעג. שפּרייזנדיק הינטער די עופות, האָט זי געריסן בלעטלעך פון צווייגל און געמורמלט: „ער האָט מיך ליב... ער האָט מיך ניט ליב... ליב...״

זי האָט אַ גלעט געטאָן סיוואָקן איבער דער גריוועז:

— כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳על אייך דאָ טרעפן — האָבן אירע אויגן געלאַכט צו בערקען.

— ניט אויף לאַנג — האָט ער געקוקט אין דער ווייט.

— וואָס מיינסטו?

— זיי שיקן מיך אַוועק.

— וווּהין?

— אין שטאָט אַריין. קיין ליפּסק.

— פאַר אַ טשעלאַדניק? אַ שניידער?

— נייך, לערנען. דאַווענען, תּורה, אַלץ.

מאַרישקע האָט אַראָפּגענידערט נעבן אים אויף געבויגענע קני:

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין פאַרטיק מיט דיין... באַר... ווי רופט מען עס ביי אייך?

— בר־מצווה.

— דער יונגער ראַבין איז דאָך ביי אייך געווען אַ שטיק צייט.

— אָבער... — בערקע האָט אָפּגעריסן אַ זאַנג און אים געקײַט — ס׳איז אפשר דערפאַר וואָס כ׳בין געגאַנגען מיט דיר אַהינצו — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן טורעם, וואָס האָט זיך געהויבן צווישן די כאַטעס פון דערפל.

— אין קאָשציאָל?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— און אַז דו ביסט איין מאָל מיטגעגאַנגען, איז וואָס? מיר זיינען דאָך גוטע פריינד.

— אָבער זיי? — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ פינגער צום הימל.

— אונדזער גאָט און אייער גאָט?

— מ־מ־מ־...

— זיי לעבן ניט בשלום?

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

— פון וואַנען האָבן זיי געוווּסט?

— די באַבעס. זיי האָבן דערציילט דער מומע גיטל.

— זייער עסק? לאַנגע צינגער! — האָט מאַרישקע אַ שפּיי געטאָן — הינטיש בלוט, כאָליעראַ!

בערקע איז אויפגעשפּרונגען און איז צוגעלאָפן צו סיוואַקן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום צוואָקסענעם גראָז ביים וואַסער: „דוראַק, וועסט פאַרקריכן אין בלאָטע!" — האָט ער אים אַ צי געטאָן אויף צוריק.

— וועסט נאָך ווערן אַ ראַבין, בערקאַ — האָט מאַרישקאַ, לאַכנדיק, אַ דריי געטאָן אַ לאָק ביים אויער, ווי זי וואָלט געקרייזלט אַ פּאה.

בערקע האָט געקוקט אויף די שפּיצן פון דיביימער ביים זומפּ אין דער ווייט. אַ ראַבין? פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעטויכט די שול אין ליפּסק, ווּהין זיי פלעגן פאָרן אויף ראש־השנה׳קעס: דער אָרון־קודש מיטן באַצירטן פּרוכת, די ברענענדיקע ליכט, די צעשאָקלטע רוקנס איינגעהילט אין טליתים, די באַקרוינטע ספר־תורה׳ס. ער פלעגט דאָרט באַוועלטיקט ווערן פון יראת־הכבוד און פּחד. אָבער אין פאַליש האָבן די יינגלעך זיך געטשעפּעט צו אים, אים גערופן ישוב׳ניק, פּאַסטעך, גראָבער קאָפּ. און ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן אַהיים, צו סיוואַקן, צו די פעלדער, צום וואַלד.

— בערקאַ!

— יאָ...

זיי האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. מאַרישקע איז געווען עטלעכע יאָר עלטער, אָבער ער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער, איבערגעוואַקסן ווי אַ סטאַבון, ברייטפּלייציק און מגושמ׳דיק. זי איז געשטאַנען מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויף אירע פולע באַקעס און איר ברוסט האָט זיך געכוואַליעט אַנטקעגן אים.

— וועסט מיך ניט פאַרגעסן, בערקאַ? דאַרטן?

— כ׳ווייס ניט.

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די גענדז, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער לאָנקע:

— געגאַנגען! שנעל! — האָט זי זיי געטריבן צום טייכל. ביים ברעג איז זי שטיין געבליבן. — כ׳האָב דיך פיינט! — האָט זי אויסגערופן צו בערקען און אַ פייף געטאָן מיטן ריטל איבער די שווימענדיקע עופות.

סיוואַק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעהאָרכט. „זי האָט מיך אָנגערעדט" — האָט בערקע אים געגלעט איבערן האַלדז. „און אפשר איז עס ניט נאָר צוליבן קאַשציאַל?" סיוואַק האָט געוווסט. בערקע האָט אים דערציילט. נאָר אים.

ווען ער איז אַנומלט אַריין אין קיך, איז די מומע גיטל געשטאַנען מוטער־נאַקעט אין אַ באַלייע וואַסער. זי האָט פאַרוואָרפן די אָרעמס אַרום איר לייַב און אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. איר מויל האָט זיך צע־עפנט ווי ביי אַ פיש, וואָס מען האָט אָקערשט אַרויסגעצויגן פון טייך. בערקע איז געשטאַנען שטום, נאָר זיין האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער. פון דער באַלייע איז אויפגעשטיגן אַ נעפל פון פאַרע. מיט אַ מאָל האָט אַ שרעק אים אַרומגעכאַפּט. סיוואַק!... זיי האָבן אים אַרויסגעפירט אויפן וואָגן און געלאָזט שפּרינגען אויף פעטרוקס קליאַטשע, און ווען זיין כוח האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, האָבן זיי אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און געפּענטעט די פיס. סטאַך, דער זנאַכער, האָט זיך געבויגן איבער אים, מיט אַ גלאַנציקן מעסער אין דער האַנט. און דערנאָך... בערקע האָט אַ שטויס געטאָן די הינטערשטע טיר און זיך געלאָזט לויפן אין שטאַל.

סיוואַקן האָט ער אַלץ דערציילט. סיוואַק איז אויך געווען אַ יתום. בערקע האָט קוים געדענקט זיין מאַמען, בלויז מטושטש׳דיקע שטריכן. זי איז שטענדיק געלעגן אין גרויסן בעט אין אַלקער. באַבעס פון דאָרף האָבן איר געבראַכט געקאָכטע קרייטעכער און איין מאָל איז געקומען דער פעלד־שער פון שטעטל און געבראַכט אַ פלעשל רפואות. ווען זי איז געשטאָרבן, זיינען געקומען יידן מיט לאַנגע בערד, אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, און האָבן זי אַוועקגענומען קיין ליפּסק.

אַ שטיקל צייט האָט קאַסיאַ די אלמנה, אַ שכנה׳טע פון דאָרף, געפירט די באַלעבאַטישקייט. דערנאָך איז ווידער געקומען אַ ייד מיט אַ באָרד און

זיך געשושקעט מיטן טאַטן: אַ יינגל דאַרף האָבן אַ מאַמע... אַ ייד אין דאָרף, אַליין צווישן גויִים, אָן אַ ווייב... בייזע צינגער...

ער איז געקומען עטלעכע מאָל און דער טאַטע האָט עטלעכע מאָל אָנגעטאָן די יום־טוב׳דיקע מלבושים און זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין ליפּסק, און דער סוף איז געווען אַז ער האָט גאָר געשטעלט אַ חופּה מיט אַ ווייטער קרובה פון שכנות׳דיקן דאָרף רודאַפּקע — אַ פּלימעניצע פון פּעטער באָריס, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט. גיטל איז געווען יונג און קרעפּקע, און די אַרבעט האָט געברענט אונטער אירע הענט. זי האָט געקאָרמעט די עופות, פאַרזען דעם גאָרטן, געמאָלקן די קי. געקומען איז זי ווען מען האָט זיך געשטעלט גראָבן קאַרטאָפל, און ווען די ווינטער־תבואה האָט אַרויסגעשפּראָצט נאָך די שנייען, האָט זי געבאָרן אַ יינגל. דעם קומענדיקן פרילינג האָט זי געבאָרן אַ מיידל.

איין מאָל האָט אַ גערודער אויפגעוועקט בערקען אין מיטן נאַכט. די מומע גיטל האָט זיך פאַרבייגעשאַרט אין אַ לאַנגן ווייסן העמד; די הינטער־טיר האָט זיך געעפנט און צוגעקלאַפּט. בערקע האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט אין דרויסן און זיך אַ שאַר געטאָן צום שטאַל. ביי דער טונקעלער שיין פון אַ לאַמטערנע האָט ער דערזען ווי סטאַך, דער זנאַכער, בויגט זיך איבער דער קאַרער קליאַטשע, וואָס איז געלעגן אויף אַ בערגל שטרוי. סטאַך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און עפּעס געמורמלט. דערנעבן האָט דער טאַטע אַרומגעווישט מיט אַ טוך אַ קליין באַשעפעניש. די מומע גיטל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרנומען צום אַרויסגאַנג. אין איין אָטעם איז בערקע צוריקגעלאָפן אין שטוב און האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אויפן געלעגער.

ווען ער איז מיטן שאַרען אויף באַגינען אַרויס אין הויף, האָבן אַנטקעגן דער סקורניק מיט זיין זון, אַרויסגעשלעפּט די קליאַטשע צום סמעטניק און זיך גענומען שינדן איר פעל. אין שטאַל האָט דער טאַטע געהאַלטן אַ גרוי לאָשיקל ביי דער מאָרדע און זיך געסטאַרעט אים אַריינצושטעקן אַ פלעשל מילך צווישן די ליפּן.

— לאָז מיך, טאַטע, לאָז! — האָט בערקע אָנגעכאַפּט דאָס פלעשל — איך וועל אים אָנפּאָיען.

ער האָט אַ גלעט געטאָן דעם קיזשאַק איבערן שטערן און גערעדט צו אים מיט האַרץ: „טרינק, סיוואַק, טרינק! ביסט נעבעך אַ יתום, סיוואַק, אוי וויי, און אַ יתום מוז טרינקען פון אַ פלעשל".

דער לאַשיק האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און געעפנט ס'מויל. ער האָט דערשפירט דעם טעם פון מילך און גענומען ציִען שטאַרקער. זיין עק האָט זיך געשאָקלט אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט געזאָגט אַ דאַנק.

ב

— אַ־אַ־אַש־אַשרי... ה־ה־אי־אי־איש...

בערקע האָט זיך זאַהיקעט און געסאָפּעט שווער. ר׳ זעליג דעם אייזנ־קרעמערס סאַמעטענע יאַרמלקע און די גרויסע לעדערנע בענד פון ש״ס אויף דער פּאָליצע, האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

— דו פאַרשטייסט וואָס דו זאָגסט? — האָט געפרעגט ר׳ זעליג — ווי רופט מען דיך?

— מיך? בערקע.

דו פאַרשטייסט וואָס דו זאָגסט, בערקע? — האָט דער אייזנקרעמער אַ טייטל געטאָן אין ספר.

— איך? ס'איז דאַוועגען.

— נו, גוט, גוט — האָט ר׳ זעליג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צו־געמאַכט דעם תהילים. בערקע האָט זיך אַ שאַר געטאָן הינטערוויילעכטס און איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— ער'ט ווייניק געלערנט — האָט דער טאַטע אים פאַרענטפערט — אויפן דאָרף, איר ווייסט דאָך. אַ מאָל פלעגט אַריינפאַלן אַ פּיעכאָטנער מגיד, אַ גוטער ייִד, אַ ישיבה־בחור פלעגט פאַרבלאָנדזשען, האָבן זיי אים אַריינ־געקלאָפּט אַ שייטל „עברי" אין קאָפּ.

— נו, יאָ, יידן אויפן דאָרף, צווישן גויִים — האָט דער אייזנקרעמער אַ זיפץ געטאָן.

— איז וואָס זאָגט איר, ר׳ זעליג? אים געבן צו אַ מלמד? ווו? וועמען?

— ס'אַ שווערע סוגיא — האָט ר׳ זעליג זיך געגלעט די באָרד — צו

ליפא דעם דרדקי־מלמד? ער׳ט אַריינפּאַלן צווישן קליינע יינגלעך און זיי וועלן חוזק מאַכן פון אים. ער איז דאָך שוין אַ בר־מצווה־בחור, קיין עין־הרע ניט, אַ יונג מיט ביינער, זעט אויס ווי אַ חתן־בחור. צווישן גמרא־יינגלעך? ווי קומט ער צווישן גמרא־יינגלעך?

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ ווײַלע אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער:

— כ׳האָב אַ געדאַנק — האָט ער געזאָגט — אפשר זאָל ער גאָר לער־נען אין קלויז? פאַר וואָס ניט? פאַראַן דאָ שטענדיק עטלעכע בחורים׳לעך פון דער פרעמדס, קומען און גייען. זיי לערנען פאַר זיך, אַ מאָל זאָגט פאַר זיי דער מורה־הוראה אַ שיעור. וועט איינער פון זיי מיט אים קנעלן אַ שעה, צוויי, אַ טאָג. דערנאָך וועט ער אַליין חזר׳ן. פאַר איין וועג ט׳ער שוין הערן אַ יידיש וואָרט, אַ לייכטן מאמר חז״ל. וואָס זאָגט איר, ר׳ מאָטיע?

— אַז איר זאָגט, מסתמא ווייסט איר — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— וואָרטסט, פאַר וואָס טאָקע ניט קיר״ה? ער איז שוין דאָ ביי אונדז אַ לענגערע צייט. קומט פון גאָר ווייט, אַ לאַנדגייער, אַ סברה, אַז ער שטאַמט אַזש פון פראַנץ יאָזעפס מדינה, האָבן לצים אים אַ נאָמען געגעבן פראַנץ־יאָסל קיר״ה. אַ פייערדיק קעפּל, זאָגט מען. פאַר אַ שיבוש ט׳ער לערנען מיט אייער יינגל.

— אָבער פון וואַנען ט׳מען דאָס אַלץ נעמען? — האָט מאָטיע זיך גע־קראַצט אויף דער פּאַטעליניע — מיר זיינען דאָרפס־יידן, געמיינע לייט. אַ סטאַנציע קאָסט געלט. נו, און די אַכילה?

וואָס רעדט איר, ר׳ מאָטיע? איר זיינט דאָ עפּעס אַריינגעפּאַלן צווישן גזלנים? — האָט ר׳ זעליג זיך אַ כאַפּ געטאָן — אייער זונדל, ווי רופט מען אים? יאָ, בערקע, ער׳ט עסן „טעג", בערקע, ווי די אַנדערע בחורים׳־לעך פון דער פרעמדס. און מיט שלאָפן ט׳מען זיך אויך אַן עצה געבן. ווו שלאָפן די אַנדערע יינגלעך?

ג

ווינטער איז ער געשלאָפן ביי גרוינעם דעם בעקער אויפן אויוון, זומער — אויף אַ באַנק אין דער אַלטער שול. די „טעג" זיינען געווען גאַנץ גוטע,

אָבער גראָד דער שבת ביי ר׳ זעליג דעם אייזנקרעמער איז פּאַר בערקען געווען אַן אָפּקומעניש. די געשמאַקע מאכלים זיינען אים אַרויס באָקאָם. ער האָט ניט געוווסט ווו אַהינצוטאָן די הענט; ער האָט איינגעטונקען די פיש אין צו פיל כריין און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. דאָס זילבערוואַרג האָט אים געשראָקן און דער קוגל האָט זיך אים אַראָפּ־געגליטשט פון גאָפּל.

מיט דער „המוציא״ האָט ער זיך ווי־ניט־איז אַן עצה געגעבן, אָבער דאָס בענטשן אין „מזומן״ איז געווען איבער זיינע כוחות. גלייך באַכן „רבותי מיר וועלן בענטשן״, האָבן ר׳ זעליג און זיין זון זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ, האָבן זיך געשאָקלט מיט פאַרמאַכטע אויגן, געשלונגען די ווערטער, געמורמלט, אונטערגעזונגען און פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט הויכע געשרייען: „בשׂורות טובות ישועות ונחמות״... „בכל מכל כל״... און איידער וואָס־ווען זיינען זיי שוין געווען פאַרטיק מיטן בענטשן.

בערקע האָט זיי ניט געקענט נאָכהאַלטן. ער איז געקראָכן פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט געקלעטערט מיט אַ שווערער משׂא באַרג־אַרויף. ערשט ווען ער איז דערגאַנגען צו „הוא הטיב, הוא מטיב, הוא ייטיב לנו״, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. ר׳ זעליג האָט שוין האַלב געדרימלט און דער זון האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. בערקע האָט אַראָפּגעשלונגען די „הרחמנ׳ס״, האָט געדאַנקט דעם אייבערשטן וואָס בענטשט זיין פאָלק מיט שלום און, זאָגנדיק אַ „גוטן שבת״ מיט אַ האַלבן מויל, זיך אַרויסגעשאַרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

*

זיין בעסטער „טאָג״ איז געווען פרייטיק, ביי ר׳ לייב דעם שניטקרע־מער. ער האָט געגעסן אין קיך און ביילע־ראָכקע, די דינסט, האָט אים גלייך גענומען אונטער אירע פליגלען:

— אַ קיילעכדיקער יתום, נעבעך — האָט זי אים אָנגעגאָסן אַ פולן טעלער לאָקשן מיט יויך.

— וואָס רעדסטו, בהמה, בייס זיך בעסער אָפּ די צונג, שׂונאי־ישׂראל — האָט די באַלעבאָסטע, מירל די לייביכע, פאַרבראָכן די הענט — זיין טאַטע לעבט דאָך נאָך, ביז הונדערט און צוואַנציק.

— אָבער אַזוי ווייט! אין די וועלדער דאָרטן, ערגעץ אין די זומפּן הינטער די הרי־חושך. כמעט ווי אויף יענער וועלט.

די לייביכע האָט זיך געאײַלט צוריק אין קראָם, וואָרעם פרייטיק איז געווען אַ מאַרקטאָג און די גאַנצע משפחה איז געווען פאַרטאָן אין מסחר. בערקע האָט געכלאָבעט די זופּ און ביילע־ראָכקע האָט פאַרזוכט די שבת׳־דיקע פיש, וואָס האָבן זיך געקאָכט אויף דער פּליטע. זי האָט צוגעשאָטן אַ ביסל זאַלץ אין דער פאַן און אונטערגערוקט בערקען אַ וואַרעמע בולקע, פריש פון אויוון:

— אַ ישוב׳ניק, נעבעך! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַ ווײַלע האָט זי געפירט איר בליק צווישן דעם אורח און דער פאַן, און סוף־סוף אַרויפגעלייגט אַ שטיקל פיש אויף אַ טעלער:

— ס׳אַ מצווה — האָט זי זיך צוגעגעבן מוט — עס, מיין קינד, און זאָל דיר זיין צו געזונט.

פרייטיק האָט ביילע־ראָכקע געקיניגט אין קיך. אַ דיקע, מיט געלע האָר און אַ פליישיקן פּנים, און אָן אַ גראָשן נדן, איז זי געבליבן אַ פאַרזעסענע מויד. איר גאַנצע נשמה האָט זי אַריינגעטאָן אין דינען אין די באַלעבאָטישע הייזער. צווישן די קלויזניקעס האָט זי ניט געהאַט קיין גוטן נאָמען. ווען זי האָט אָפּגעוואַשן די קיך, האָט זי זיי נישט אַריבערגעלאָזט איבערן שוועל ביז די פאָדלאָגע איז געוואָרן טרוקן ווי ביין, און ערשט דעמאָלט האָבן זיי נאָך געמוזט ווי געהעריק אָפּווישן די פיס. זי האָט זיי אויך ניט געלאָזט כראָקען אויפן דיל. צוליב די אַלע גזירות האָבן זיי אויף איר געטראָגן אַ האַרץ און קיר״ה האָט אַפילו פאַרפאַסט אַ ליד וועגן איר, וואָס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל:

די האָר — רייטע, די נאָז — אַ ברייטע,
די פיס — צעדרייטע, און אַליין — אַ שוטה.

אָבער צו בערקען איז זי געווען צוגעלאָזן פון דער ערשטער מינוט

און וואָס ווייטער, אַלץ מער איז ער איר געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. זי האָט באַוויינט זיין דאַליע אין דער פּרעמדס און אים אונטערגערוקט אַלערליי שיריים: אַ המן־טאַש, אַ פּוטער־קיכל, אַ לעפעלע איינגעמאַכטס. אַ האַרץ פילט אַ האַרץ — און ביי ביילע־ראָכקען אין קיך האָט בערקע זיך ניט געפילט אַזוי עלנט. איין מאָל האָט ער איר אַפילו דערציילט וועגן סיוואַקן: ווי ער איז געבוירן געוואָרן אַ יתום אין מיטן נאַכט און ווי ער, בערקע, האָט אים געקאָרמעט פון אַ פלעשל.

— און אַנומלט איז ער מיר געקומען צו חלום — האָט ער זיך פאַר איר פאַרטרויט — הונגעריק און אויסגעמאָגערט ווי פּרעה׳ס קי.

— און איך? וויפיל קינדער דאָ אויפגעהאָדעוועט? געוויגט, געקאָר־מעט, אויף די הענט זיי געטראָגן. נו, און וואָס? גאָרניט, זיך צעפלויגן ווי די פייגל: אין ישיבה׳ס, קורסיסטקעס, חתונה געהאַט ערגעץ־ווו.

זי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, האָט אויפגעשניטן אַ זעמל און אַרויסגע־נומען אַ היינערשע פאַלקע פון אַ טאָפּ. אַ ווײַלע האָט זי זיך געקווענקלט. „מילא, מיין חלק״ — האָט זי אַ מורמל געטאָן צו זיך און אַריינגעלייגט אַ שטיקל עוף אין דער בולקע.

— נאַ, נעם, שעם זיך ניט! — האָט זי געשטופּט דאָס פּעקעלע בער־קען אין קעשענע — ביז ליכט־בענטשן איז נאָך אַ לאַנגער טאָג. און די שטיף־מאַמע דיינע, זי איז כאָטש געווען גוט צו דיר?

— די מומע גיטל? יאָ.

— מען זאָגט... — האָט ביילע־ראָכקע אָנגעהויבן און ניט דערזאָגט — אָבער מאַלע וואָס מען זאָגט.

בערקע האָט געוווּסט וואָס מען זאָגט. וואָרטנדיק ביי ר׳ זעליגן אין קיך אויף שלש־סעודות, האָט ער אויפגעכאַפּט אָפּגעהאַקטע רייד פון די יונגע ווייבלעך, וואָס פלעגן שבת נאָך מיטאָג אַריינקומען צום אייזנקרעמערס שניור, לייענען דעם טייטש־חומש און טרינקען טיי מיט איינגעמאַכטס:

„צו וואָס וואַלגערט ער זיך דאָ אַרום? קיין למדן ט׳ער שוין ניט ווערן״... „אַז אַזאַ בחור׳עץ דרייט זיך אַרום אין שטוב, און זי, גיטל, איז נאָך אַזאַ יונגיטשקע״... „אַז זי שטאַמט פון רודאַפּקע, איז וואָס איז דאָ פאַראַן

צו רעדן? אַרומגעלאָפן מיט שקצים"... „דער אמת'ער יחוס: דער פעטער באָריס אַ פערד־גנב און לעבט מיט אַ גויה"...

„ישוב'ניקעס!..."

זיי האָבן אַלץ געוווּסט. פון וואַנען? — האָט געטראַכט בערקע, גייענ־דיק פון ביילע־ראָכקען צוריק אין שול אַריין. נאָך גוט וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט וועגן מאַרישקען...

*

אין מיטן מעביר־סדרה זיין האָט קיר"ה באַמערקט די פּאָלקע, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון בערקעס קעשענע. ער האָט אַ צי געטאָן פאַרןביינדל:

— געֿלקח'נט? — האָט ער אַ זונג געטאָן מיטן ניגון פון די טראָפּ.

— ניין, ביילע־ראָכקע ט'מיר געגעבן.

— די רויטע? אַבי כ'האָב געמיינט, אַז זי איז אַ מרשעת.

— זי האָט אַ גאָלדן האַרץ — האָט געזאָגט בערקע — און פרייטיק איז זי אַליין אין קיך.

— האָסט זי געטאָפּט?

— גיי, וואָס רעדסטו?! — האָט בערקע אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— יאָ, מען דאַרף האָבן צו איר אַ קופּערנעם יצר־הרע — האָט געזאָגט פראַנץ־יאָסל — און ביי מיר איז דער פרייטיק ממש אַ תּענית. מען קאָכט און מען באַקט און מען בראָט די שבת'דיקע מאכלים, און היינט עסט מען קדחת מיט כּשר'ע פּאָדים.

ער האָט אָפּגערוקט דעם חומש אין אַ זייט און אָפּגעבראָכן אַ שטיק בולקע:

— קום, לאָמיר צובייסן — האָט ער געזאָגט — די סדרה וועט ניט אַנטלויפן.

פראַנץ־יאָסל קיר"ה איז געווען עטלעכע יאָר עלטער פון בערקען. אַ קורצזיכטיקער, מיט דיקע ברילן אויף אַ שפּיציקער נאָז, איז שוין זיין אויסגעצויגן פּנים געווען באַדעקט מיט שפּראָצן פון אַ בערדל, וואָס ער פלעגט געהיימערהייט אַרומשערן, זיך שפּיגלענדיק אין קופּערנעם האַנט־

פאָס ביי דער טיר. מיט גרויס נייגיר האָט ער זיך געגריבלט אין דינים פון קידושין און גיטין, און געזוכט אין ספרים׳לעך פּרטים און רמזים וועגן ביאה, נידה, בתולים. אויך בערקען האָט ער אויסגעפרעגט וועגן אָט־די זאַכן:

— האָסט געזען אין דאָרף ווי בעלי־חיים פּאָרן זיך?

— וואָס מיינסטו?

— אַ שטייגער ווי מען פירט אַ קו אָפּלויפן?

— אַה? יאָ.

— און פערד? ווי אַ האָגער שפּרינגט אויף אַ קליאַטשע?

— מ־מ־מ... יאָ.

— און די שיקסעס? אין וואַלד דאָרטן?

— כ׳ווייס ניט — האָט בערקע אַ הויב געטאָן די אַקסלען — דערצייל מיר בעסער ווי זיי האָבן פאַרקויפט יוסף׳ן קיין מצרים.

קיר״ה האָט וויניק געלערנט מיט אים. ער האָט ליבערשט געשמועסט. בערקע האָט זיך אָבער געוואָלט דערגרונטעווען צו די שבע חכמות פון דער גרויסער וועלט. עטלעכע שעה אַ טאָג האָט ער זיך געשאָקלט איבערן סידור און איינגע׳חזר׳ט די שווערע ווערטער. מיט „עברי״ איז עס ווי־ניט־איז געגאַנגען, אָבער דער פּירוש־המילות איז אים ניט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט ליב געהאַט די מעשה׳לעך פון חומש, וואָס פראַנץ־יאָסל האָט אים דערציילט, און צום ליבסטן האָט ער זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע פון יוסף און זיינע ברידער. האָט מען דען אים, בערקען, ניט פאַרקויפט קיין מצרים אין ליפּסק? ער וויל אָבער ניט ווערן קיין שני־למלך. ער וויל פאָרן אַהיים, אין קאַלעט, אַרויספירן סיוואַקן אויף פּאַשע און... און... ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום אָרון־קודש און פאַרטריבן פּוטיפרע־מאַרישקעס געשטאַלט פון זיינע רעיונות.

ד

ער איז אַוודאי דער קליגסטער מענטש אין גאַנץ ליפּסק, פראַנץ־יאָסל קיר״ה, אַ וועלט־חכם — האָט בערקע דערציילט סיוואַקן, ווען ער האָט

געהאַלטן ביים איינשלאָפֿן אויף דער האַרטער באַנק מיט אַ קולאַק צוקאָפּנס. ער קען אפשר די גאַנצע גמרא אויף אויסנווייניק, אָבער...

אַנומלט האָט זיך קיר"ה פֿאַרפּלאָנטערט בין מנחה למעריב אין אַ וויכּוח מיט ר׳ זעליג דעם אייזנקרעמער. זיי האָבן געטייטלט אין די קליינ־טשינקע אותיות׳לעך, געדרייט מיט די פֿינגער, אַראָפּגעשלעפּט שווערע ספרים פֿון די פּאָליצעס, זיך געהיצט און זיך איבערגעשריִען. ס׳האָבן זיך אַריינגעמישט עטלעכע בעלי־בתּים און ס׳איז קענטיק געווען, אַז קיר"ה האָט די אויבערהאַנט. דער אומעטיקער אויסרוף פֿון בעל־תּפֿילה „והוא רחום יכפּר עוון" האָט איבערגעריסן דעם דיספּוט.

נאָכן דאַווענען איז דער עולם זיך צעגאַנגען און דער שמש האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּן. קיר"ה האָט אָנגעצונדן אַ ליכט אויפֿן שטענדער און זיך געשאָקלט איבער אַ גמרא. בערקע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער און געטראַכט, צי די זעלביקע שטערן שיינען אויך איבער די פֿעלדער פֿון קאָלעט. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ גערויש און האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. קיר"ה האָט אַרויסגעצויגן אַ ספֿר פֿון אונטער דער גמרא, אים אַוועקגעלייגט פֿון אויבן און אַ בלעטער געטאָן. ער האָט זיך ווייטער גע־שאָקלט און געמורמלט מיט אַ ניגון, אָבער בערקע האָט איצט אויפֿגעכאַפּט היימישע ווערטער, אויף יידיש, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען. אַ ווײַלע האָט ער זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ. ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ יינגל, וואָס איז געגאַנגען איבער גאַסן און געבראַכן לאָמטערנעס. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך צוגעשלייכט אויף די שפּיץ־פֿינגער צו פֿראַנץ־יאָסלען.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן ביכל.

קיר"ה האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און פֿלינק פֿאַרשטופּט דאָס ביכל אונטער דער גמרא. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט:

— אַה, דו ביסט עס?

— וואָס באַהאַלטסטו דאָרטן? — האָט בערקע אונטערגעהויבן די גמרא און פֿאַרזיכטיק געקוקט פֿון דער ווייטנס אויפֿן ביכל.

פֿראַנץ־יאָסל האָט געשוויגן.

— וואָס איז דאָס? זאָג! — איז בערקע צוגעשטאַנען.

— ווען קיינעם ניט דערציילן?

— ניין.

— שווער זיך ביי דער גמרא!

בערקע האָט זיך געשוואָרן.

— ס'אַ ראָמאַן — האָט געזאָגט פראַנץ־יאָסל.

— וואָס?

— אַ מעשׂה אַזאַ.

— ווי יוסף און זיינע ברידער?

— כּמעט. „דער גיבור אין קייטן" רופט מען עס. איינער אַ פראַנצויז האָט עס אָנגעשריבן, וויקטאָר הוגאָ — האָט קיר"ה אַרויסגעצויגן דאָס ביכל פון אונטער דער גמרא — אַ געוואַלטיקע געשיכטע, אַי־אַי־אַי!

— און פאַר וואָס ברעכן זיי שויבן? אַ פּאָגראָם?

— ניין, אַ רעוואָלוציע.

— אַ וואָס?

— די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. ס'איז ניט פאַר דיר. ווענסט ניט פאַר־שטיין.

— און פאַר וואָס טאָר קיינער ניט וויסן? — האָט בערקע באַטראַכט דאָס ביכל מיט אָפּשיי און חשד — ס'איז טריף־פּסול, אַה?

— ש־ש־ש... פּתח שין, שאַ!

— האָסט ניט קיין מורא?

— זיי וויסן ניט. קיינער ווייסט ניט. געדענק, דו האָסט זיך געשוואָרן!

— אָבער... — האָט בערקע אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן אָרון־קודש — אויף יענער וועלט. מ'עט שמייסן!

— מען שמייסט ניט! — האָט פראַנץ־יאָסל קיר"ה געפּסק'נט.

— פון וואַנען ווייסטו?

קיר"ה האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— ווען מען שמייסט, וואָלט מען דאָך געלייגט אין קבר מיטן היבטן אַרויף, ריכטיק? — האָט ער געזאָגט.

בערקע האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. יאָ, עס לייגט זיך אויפן שׂכל. אָבער קיר"ה'ס אויגן האָבן אַ שימער געטאָן מיט אַ שעלמישן שמייכל. ער

לאַכט פון מיר? בערקע איז קיין מאָל ניט געווען זיכער, צי זיין רבי מיינט טאַקע וואָס ער זאָגט, אָדער ער מאַכט חוזק פון אים.

*

איין מאָל אַ פרייטיק איז קיר"ה פלוצלונג דערשינען מיטאָגצייט ביי ר׳ לייב דעם שניטקרעמער אין קיך.

— זע נאָר, פראַנץ־יאָסל... ס׳קאָצל קומט! — האָטביילע־ראָכקע אים אויפגענומען מיט פּאַראַד.

קיר"ה האָט אַ פאַרשקע געטאָן מיט די נאָזלעכער און איינגעאָטעמט די ריחות פון די שבת׳דיקע פּאַטראַוועס.

— כ׳בין געקומען דיר זאָגן, אַז מיר׳ן היינט מעביר־סדרה זיין אַ ביסל שפּעטער — האָט ער געזאָגט צו בערקען.

ביילע־ראָכקע האָט זיך איינגעבויגן אין ווינקל הינטערן אויוון, אויפצו־קלייבן שפּענדלעך פאַר דער פּליטע, און קיר"ה האָט זיך אַ שאַר געטאָן הינטער איר. פון דער זייט האָט בערקע געזען, ווי ער לייגט אַרויף אַ האַנט אויף איר פאַררייסענעם הינטער־חלק. זי איז אויפגעשפּרונגען:

— אוי וויי איז מיר, פראַנץ־יאָסל, וואָס טוט זיך מיט אייך?

— ש־ש־ש... — האָט ער זי אַרומגענומען מיט איין אָרעם — באַ לייטן שפּילט אַזאַ מיידל ווי איר, הייסע ראָמאַנטישע ליבעס, און איר ווערט דאָ פאַרפינצטערט אין קיך.

— אוי־וויי! — האָט זי געקרעכצט — די פיש וועלן איבערלויפן.

קיר"ה האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געגלעט אירע גרויסע בריסט. זי האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים:

— לאָזט מיך אָפּ! כ׳על מאַכן אַ געוואַלד, אַז די גאַנצע שטאָט וועט זיך צונויפלויפן — האָט זי אים לייכט אָפּגעשטופּט.

— שרייט ניט, איר וועט אויפוועקן דעם אייבערשטן! — האָט ער אַ שפּרייז געטאָן אויף צוריק.

ביילע־ראָכקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אויוון און שווער געאָטעמט. די פלאָם פון אונטערן דרייפוס האָט באַלויכטן איר פאַררויטלט פּנים.

— מען טאָר ניט — האָט זי געמורמלט — איר לערנט דאָך די תּורה, און די הייליקע תּורה זאָגט, אַז מען טאָר ניט.

— מען טאָר! מותר לך... מותר לך... — האָט קיר״ה אַ לאַך געטאָן.

— אוי ווינד איז מיר, פֿראַנץ־יאָסל, וואָס רעדט איר? — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — גייט זעצט זיך, איר׳ט בעסער עפּעס נעמען אין מויל. אַ טעלער זופּ מיט חלה, גוט?

פֿראַנץ־יאָסל האָט זיך צוגעזעצט נעבן בערקען:

במקום שאין איש איז הערינג אויך אַ פֿיש — האָט ער אַ פֿינטל געטאָן צו אים מיט אַן אויג.

— מילא, זאָל זיין אַ שטיקל פֿיש — האָט ביילע־ראַכקע אַ זיפֿץ געטאָן — די באַלעבאָסטע ט׳מיך דער׳הרג׳ענען. גייט און וואַשט די הענט.

קיר״ה האָט געמאַכט „המוציא״ אויפֿן קול, מיט אַ ניגון. ביילע־ראַכקע האָט אָפּגעווישט די הענט אין פֿאַרטוך און געענטפֿערט „אָמן״ מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן. זי האָט אַ נישטער געטאָן מיט אַ לעפֿל אין דער פֿאַן, אַרויסגענומען אַ גרויסע שטיק פֿיש און דערלאַנגט קיר״ה׳ן. ער האָט באַטראַכט זיין מנה־יפֿה מיט אַנטציקונג:

— זעסט? דיפּלאָמאַטיע!... — האָט ער אַ שטורך געטאָן בערקען מיט אַן עלנבויגן און איינגעטונקט אַ שטיקל חלה אין יויך.

— די... וואָס? — האָט געפֿרעגט בערקע.

— נו, און כריין? — האָט קיר״ה אַרויפֿגעקוקט צו ביילע־ראַכקען.

— אַז איר׳ט מיר אין גאַנצן צעמישט די רעיונות — האָט זי אים דערלאַנגט אַ סלאָיִק כריין און געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער טיר — עסט, קינדער, אויף גיך און גייט לערנען תּורה. תּורה איז די בעסטע סחורה, און אפֿשר וועל איך אויך האָבן אַ חלק אין דער מצווה — האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן.

*

— פֿאַרשטייסט, אַ יתומה איז אַ מצווה צו קיצלען — האָט געזאָגט קיר״ה, ווען זיי זיינען אַרויס אין דרויסן.

— וואָס האָסטו דאָרט געזאָגט וועגן די... די מאַטיע? — האָט געפרעגט בערקע.

— אָה, דיפּלאָמאַטיע! ולשון רכה תשבר גרם, מאַכט רש״י: אונדזער מעטערניך האָט אויפגעטאָן מיט זיין צינגל מער, ווי נאַפּאָלעאָן מיט זיין שווערד.

בערקע האָט מער ניט געפרעגט. וויבאַלד רש״י, איז דאָך ניט שייך! זיי האָבן זיך דורכגעשפּאַרט צווישן עולם אין מאַרק. תבואה־סוחרים האָבן געטאַפּט אונטערן שטרוי אין פויערשע פורלעך. פויערים אין פּאַסטעלעס האָבן געטראָגן פּושקעס שמאַרעווידלע און פלעשלעך גאַזע פון די קראָמען. ביי דער זייט, לענג־אויס דעם ברוק, זיינען געזעסן פויערטעס מיט זייערע סחורות: קערבלעך אייער, שיסעלעך פּוטער, עופות. אַ יידענע האָט אויפגעהויבן אַ הון, זי געוואויגן אויף דער האַנט און אַ בלאָז געטאָן אונטער איר עק:

— עטאָ האַנדראַ ניע דאַ יויכאַ ניע דאַ טשאַנדראַ! — האָט זי גע־פּסק׳נט און פאַרגעלייגט אַ האַלבן פּרייז.

— זעסט? דאָס איז דיפּלאָמאַטיע! — האָט געזאָגט פראַנץ־יאָסל.

בערקע האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פויער, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ זעקל בולבעס אויף די פּלייצעס:

— באַלד וועל איך פאָרן אַהיים צום קאַרטאָפל־גראָבן — האָט ער געזאָגט — דער טאַטע וועט קומען מיך נעמען. ער האָט מיר צוגעזאָגט.

ה

ס׳איז נאָך געוועזן פינצטער ווען גיטל האָט אַרויפגעשטעלט אַ טשיגון בולבעס אויפן פייער און זיך גענומען שניידן דיקע פּעניצעס ברויט פון אַ לאַבן. מיטן שאַרן אויף טאָג האָט בערקע איינגעשפּאַנט סיוואַקן אין דראַ־בינע־וואָגן. דער טאַטע האָט אַריינגעשטעלט לאַדישעס זויערמילך אין שטרוי און אַרומגעוויקלט דעם טשיגון מיט אַ זאַק. ווען זיי זיינען אָנגע־קומען אין פעלד, האָבן שוין דאָרט געוואַרט אַ האַלבע טוץ פויערטעס. זיי האָבן זיך געלאָבט מיט דער קאַלטער זויערמילך און די הייסע בולבעס.

נאָכן שנעלן איבערבייס האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין אַ ריי, געקלאַפּט מיט די מאָטיקעס אַרום די קוסטעס און געוואָרפן די קאַרטאָפל אין קאָשי־קעס.

בערקע האָט גלייך אויפן ערשטן בליק באַמערקט, אַז מאַרישקע איז ניט געווען צווישן די פרויען. וואָס איז געשען? וווּ איז זי? — האָט ער געטראַכט, שלעפּנדיק די פולע קאָשיקעס צום וואָגן. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זי ניט פאַרפעלט קיין קאַרטאָפל־גראָבן. פאַרן געלט האָט זי זיך איינגעקויפט איר רויט־געבלימלט קליידל און אַ וואָלענעם שאַל. ער האָט זיך געשעמט צו פרעגן. די פויערטעס האָבן זיך געוויצלט מיט אים: „דו גייסט טאַקע ווערן אַ ראַבין, בערקאָ?" „האָסט נאָך כּוח אויפצוהויבן אַ קאָשיק בולבעס?" — האָבן זיי כיכיקעט.

— וווּ איז זי? — האָט ער געפרעגט סיוואַקן, פאָרנדיק מיט אַ פולן וואָגן אַהיים. איבער די געשניטענע פעלדער איז געהאַנגען אַ האַרבסטיקער אומעט. נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך געשאָקלט אַ בלימל. אַ שיטערער נעפּל איז אויפגעשטיגן איבערן זומפּ אין דער ווייט.

זונטיק האָט ער אַרויסגעפירט סיוואַקן אויף דער לאָנקע. ער האָט אַרויפגעקוקט צו די וואָלקנס, וואָס דער ווינט האָט געטריבן אונטערן הימל, און געזוכט אַ צייכן. מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט דאָס גראַגערן פון גענדז אויף דער אַנדער זייט טייכל. צווישן די ווערבעס איז דערשינען אַ באָרוועס מיידל מיט פלאַקסענע צעפּלעך.

„ניין, ס׳איז ניט זי... ס׳איז..." — האָט ער דערקענט מאַרישקעס ייִנגע־רע שוועסטער. ער איז איר געגאַנגען אַנטקעגן.

— אָה, בערקאָ — האָט זי שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן — גוט מאָרגן, כ׳פיר פּאַשען די גענדז.

— גוט מאָרגן, האַלינקאָ, דו פירסט פּאַשען די גענדז?

— יאָ, איך פיר פּאַשען די גענדז.

— און וווּ איז מאַרישקע?

— אַוועק אין שטאָט. זיך געשטעלט דינען.

בערקע האָט דערזען ווי מאַרישקע בייגט זיך הינטערן אויוון און פראַנץ־יאַסל שאַרט זיך הינטער איר, ווי אַ יונגער ביק הינטער אַ טעליצע.

— זי איז אין ליפסק? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, קיין האראָדנע איז זי אַוועק — האָט האַלינקאַ געזאָגט מיט שטאָלץ.

— אַזש קיין האָראָדנע?

— יאָ, אַזש קיין האָראָדנע.

— ווען איז זי אַוועק?

— אָה, שוין לאַנג, זייער לאַנג, ווען די ערשטע טשערעשניעס זיינען צייטיק געוואָרן. און זי איז שוין איין מאָל געקומען אַהיים אויף זונטיק. האָסט געדאַרפט זען, אין אַ ציצענעם קליידל, מיט אַ זיידענעם שאַל אויפן קאָפּ און לאַקיראָוואַנע באָטינקעס. די כלאָפּצעס זיינען איר נאָכגעלאָפן ווי אַ טשאַטע הינט. און דו, בערקאָ? וועסט שוין איצט בלייבן אין דער היים?

— ניין, כ'בין געקומען נאָר צום קאַרטאָפל־גראָבן.

— איך האָב אויך געוואָלט גיין גראָבן קאַרטאָפל. אָנשטאָט מאַרישקען. אָבער דיין שטיף־מאַמע האָט געזאָגט, אַז כ'בין נאָך צו יונג.

— יאָ, ביסט נאָך צו יונג, האַלינקאַ.

— כ'בין שוין אַ גרויסע מויד! — האָט זי אויסגערופן און, פּאָכענדיק מיט אַ ריטל, זיך גענומען טרייבן די צעשפּרייטע גענדז.

ו

— מרכא, טיפּחה, בערקע וואָס מאַכסטו? — האָט קיר"ה אַ זונג געטאָן

— ברוך־הבא! וואָס שטייסטו דאָרט ווי אַ ליימענער גולם?

בערקע איז געשטאַנען ביי דער טיר, מיט אַ קלימיק אין דער האַנט, און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ צעטומלטן בליק איבער דער שול. פראַנץ־יאָסל האָט פאַרשטופּט זיין ביכל אונטער דער גמרא און איז געגאַנגען מקבל־פּנים זיין דעם גאַסט:

— נו, ווי האָט זיך דיר געלעבט אין דער שויס פון דער נאַטור? — האָט ער אים אָפּגעשטעקט שלום־עליכם — געגראָבן קאַרטאָפל?

— יאָ.

— געבענטשט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס!

קיר״ה האָט אַ טאָפּ געטאָן דאָס קלימיקל, עס צעעפנט און אַריינגעשטעקט אַ האַנט אינעווייניק:

— גיב נאָר אַ קוק, מכּל טוב! עפּל, באַרנעס, אַ קעזיק, געקאָכטע באָב. אין דער סאַכע ליגט די מזל־ברכה. איך האָב אויך עפּעס פאַר דיר, בערקע.

— פאַר מיר? וואָס?

— אַ בולקע. ביילע־ראָכקע ט׳דיר געשיקט.

— ביסט געווען ביי ביילע־ראָכקען?

— יאָ, פריטיק. מיר׳ן זיך געביטן מיט די „טעג״: איך האָב גענומען דיין פרייטיק און דו וועסט נעמען מיין פרייטיק.

— וואָס?... ניין!

— פאַר וואָס ניט?

— כ׳וויל ניט.

— נאָר אויף דערווײַלע. שפּעטער וועלן מיר דיר קריגן אַ בעסערן „טאָג״.

— ניין!

— כ׳האָב שוין אָפּגערעדט מיט ביילע־ראָכקען.

— ניין! — האָט בערקע אַ זעץ געטאָן מיט אַ קולאַק אויפן שטענדער, אַז די ספרים האָבן אַזש אונטערגעשפּרונגען.

קיר״ה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק מיט שרעק אין די אויגן.

— דו גייסט דאָך שוין ב׳גאַזלעוואָי — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז געקומען צו זיך — ווי עשׂיו... נאַפּאָלעאָן...

— און דו? מיט דיין די... מאַטיע... — האָט בערקע אַ שטאָמל געטאָן. דער כּעס איז אים איבערגעגאַנגען. אין זיינע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— די־פּלאָ־מאַ־טיע — האָט קיר״ה אים פאַרבעסערט מיט אַ שמייכל — ווייסט וואָס בערקע, כ׳על דיר דערפאַר געבן קאַרטינקעס.

— כ׳דאַרף ניט. כ׳וויל ניט.

— וואַרט, נאַרעלע, וועסט זען. די גרעסטע מענטשן פון דער וועלט, די קעפּ פון דער מענטשהייט! — האָט געזאָגט קיר״ה און האָט אַ שפּרייז געטאָן הינטערן אויוון. ער האָט אַ נישטער געטאָן אין זיין רענצל און איז צוריקגעקומען צום שטענדער.

— זעסט? — האָט ער אַרויסגעצויגן אַ פּאָסטקאַרטל פֿון צווישן צוויי אָפּגעריבענע טאָוולען און עס אַוועקגעלייגט אויף דער גמרא.

בערקע האָט געוואָרפֿן אַן אומווילליקן בליק און דערנאָך זיך פּאַמעלעך צוגעבויגן און באַטראַכט דאָס בילד פֿון אַ דיקלעכן מאַן אין אַ מיליטערישן היטל, מיט קודלאַטע באַקנבאַרדן.

— ווער איז דאָס?

— דער קייסער.

— דער באַטיושקאַ צאַר?

— ניין, נישט אייער צאַר. ס׳איז אונדזער קייזער פֿראַנץ יאָזעף.

— אייער קייסער רופֿט מען אויך פֿראַנץ־יאָסל?

— געוואַלד, ישוב׳ניק! שוטה בן־פּיקהאָלץ! — האָט קיר"ה זיך צע־לאַכט — מיר, האָבן זיי דאָ אַ נאָמען געגעבן פֿראַנץ־יאָסל, ווייל כ׳הייס יאָסל און כ׳קום פֿון זיין מדינה.

— ס׳איז ווייט?

— זייער ווייט.

— און קיר"ה? פֿאַר וואָס רופֿט מען דיך קיר"ה?

— קיר"ה זיינען די ראשי־תּיבות פֿון קיסר ירום הודו, דער קייסער — זיין פּראַכט זאָל דערהויבן ווערן.

— וועלכער קייסער? אונדזערער אָדער אייערער?

— ס׳ווענדט זיך ווו מען זאָגט עס — האָט געענטפֿערט קיר"ה — דאָ אָדער דאָרטן.

בערקע האָט זיך פֿאַרטראַכט: גרויס איז די וועלט און ווער קען זיך דערגרונטעווען צו אירע סודות? קיר"ה האָט אַ צי געטאָן אַ צווייט קאַרטל פֿון צווישן די טאָוולען. בערקע האָט עס גענומען און פֿאַרזיכטיק געהאַלטן צווישן צוויי פֿינגער. אַ מאַן מיט אַ לענגלעכער שוואַרצער באָרד איז דאָרט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרענטשע פֿון אַ בריק און געקוקט מיט אַ פֿאַרטרוימטן בליק אין דער ווייט.

— און ווער איז ער? — האָט בערקע געפֿרעגט.

— ד"ר הערצל.

— אָה, אַ דאָקטער!

— ער זאָגט, אַז אַלע יידן דאַרפן גיין קיין ארץ־ישׂראל.

— ווען משיח וועט קומען ?

— ניין, איצטער. גלייך.

און סיוואָק ? — האָט בערקע אַ טראַכט געטאָן — מילא, סיוואָק וועט מיטגיין, ער וועט שלעפּן דעם וואָגן מיט די בעבּיכעס, אָבער מאַרישקאַ ?

— ער איז משיח ? — האָט ער געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט. אפשר.

בערקע האָט אויפגעהויבן דאָס קאַרטל אַנטקעגן דעם ליכט :

— און די בריק ? דאָס איז די פּאַפּירענע בריק אויף וועלכער די יידן וועלן גיין קיין ארץ־ישׂראל ?

— מסתּמא — האָט געזאָגט קיר״ה.

ער האָט אָפּגערוקט די גמרא, האָט אַרויסגענומען אַ צעקנייטשט שטיקל צייטונג פון צווישן די טאָוולען און עס אויסגעשפּרייט אויפן שטענדער. פון פאַרגעלטן פּאַפּיר האָט אַרויפגעקוקט דאָס טונקעלע פּנים פון אַ מאַן מיט אַ צעוואָקסענער קיילעכדיקער באָרד.

— ער זעט מיר אויס ווי אַ רבֿ, אָדער עפּעס אַ מגיד — האָט געזאָגט בערקע.

— ס׳איז מאַרקס. קאַרל מאַרקס.

— וואָס זאָגט ער ?

— ער וויל איבערדרייען די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף.

— וואָס מיינסטו ? — האָט בערקע זיך אַרומגעקוקט, צי די שול שטייט נאָך אויף איר אָרט.

— די שניידער און שוסטער, אַ שטייגער, „עמך״ שער און אייזן, זאָלן זיצן אויבן־אָן, ביי דער מזרח־וואַנט.

— און דער רבֿ מיט די בעלי־בתּים ? ווו וועלן זיי דאַווענען ?

— הינטער דער בימה מסתּמא, ביי דער טיר.

— און די ישוב׳ניקעס ?

— ביים סאַמע אָרון־קודש. און ביילע־ראָכקע וועט זיצן אין סאַלאָן און טרינקען טיי מיט איינגעמאַכטס, און מירל די לייביכע וועט סקראָבען די פּאָדלאָגעס אויף אַלע פיר.

בערקע האָט אַ ווײַלע באַטראַכט די בילדער און האָט אָנגעקוקט זײַן רבי׳ן מיט דערוואַרטונג. קיר״ה האָט צעשפּרייט די טאָוולען, ווי צוויי פּוסטע לוחות:

— נישטאָ מער! געענדיקט!

— וועסט מיר זיי געבן? — האָט בערקע אָנגעוויזן אויף די קאַרטינקעס.

— יאָ.

— ווען?

— פאַר מײַן אָוועקפאָרן.

— ווען וועסטו אָוועקפאָרן?

— כ׳ווייס נאָך ניט. דערווײַלע וועסטו זיי מעגן אָנקוקן.

— יעדן טאָג?

— יאָ, יעדן טאָג.

ז

דערווײַל איז משיח ניט געקומען און די וועלט האָט זיך ניט איבער־געקערט, נאָר אַ סאַטניע קאָזאַקן מיט שוואַרצע פּאַפּאַכעס און פאַרריסענע פּיקעס האָבן דורכגעלאָפּירט דעם מאַרק און פאַרשפּריצט די הייזקעס און פאַרבײַגייער מיט בלאָטע. אין משך פון טעג האָבן סאָלדאַטן מאַרשירט פון באַגינען ביז טונקל דורכן שטעטל. אָנגעלאָדענע וואָגנס פון אָבאָז האָבן גע־טראַסקעט איבערן לעכערדיקן ברוק. בײַכיקע קוכניעס האָבן זיך געשאָקלט מיט געקלימפּער און פאַרשפּרייט טוכלע ריחות, סאַזשע און רויך.

בין מנחה למעריב האָבן די בעלי־בתים געשמועסט אין שול פּאָליטיק:

— ס׳אַ מלחמה! פּאָניע ציט קיין פּרייסן!

— ס׳איז צוליב די דאַרדאַנעלן — האָט געזאָגט ר׳ זעליג דער אײַזן־קרעמער.

— ווי קומען דאָ די דאַרדאַנעלן? — האָט ר׳ לייב אים אָפּגעפּרעגט — ווער האָט דער׳הרג׳עט דעם קרוינפּרינץ, אַה?

— כ׳על זיך מסתמא מוזן אָפּטראָגן פון דאַנען — האָט פראַנץ־יאָסל געזאָגט צו בערקען, ווען זיי זײַנען נאָך מעריב געבליבן אַליין.

— פאַר וואָס?

— ווייל אייער צאַר שלאָגט זיך מיט אונדזער קייסער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז קיר״ה נעלם געוואָרן. אין דער בהלה האָט ער פאַרגעסן איבערצולאָזן די קאַרטינקעס. ווען בערקע איז פרייטיק ביי טאָג אַרויס פון שול, האָט ער דערזען ביילע־ראָכקען, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרוויינטע ביי דער טיר.

— זיי האָבן צוגענומען אונדזער פייטלען פאַר אַ סאָלדאַט! — האָט זי זיך צעכליפּעט.

— דיין ברודער?

— יאָ. און פראַנץ־יאָסל איז פאַרפאַלן געוואָרן. ס׳אַ מלחמה, זאָגט מען, טאָ קום, וועסטו כאַטש אָפּעסן ווי ס׳דאַרף צו זיין.

בערקע איז מיטגעגאַנגען. דער מאַרק האָט געפּוסטעוועט. נאָר דאָ און דאָרט האָט אַן אַלטער פויער אויסגעשפּאַנט אַ מאָגערע שקאַפּע. אין קראָם זיינען ניט געווען קיין קונים און מירל די לייביכע האָט זיך אַרומגעדרייט אין קיך. ביילע־ראָכקע האָט געקאָרמעט בערקען מיט לאָקשן־יויך און אונ־טערגעזונגען מיט האַרץ:

פוסטע וועלדער, וויסטע פעלדער — אוי!

ליגט אַ יידישער גע׳הרג׳עטער זעלנער — אוי, אוי־אוי! אוי־אוי!

ווען די באַלעבאָסטע איז אַ ווילע אַרויס, האָט זי אונטערגערוקט בער־קען אַ שטיקל צוקער:

— נעמ׳ס מיט! אפשר וועט זיך פראַנץ־יאָסל אָפּזוכן, ט׳ער האָבן מיט וואָס אָפּצו׳חיי׳קען די נשמה.

נאָך שבת איז געקומען דער טאַטע.

— מען זאָגט, אַז פּאַניע האָט געקראָגן אין הינטן און לויפט אויף צוריק — האָט ער געזאָגט — אין אַזעלכע צייטן איז געזינטער צו זיין אין שטוב.

קומענדיק אַהיים האָט בערקע אַוועקגעלייגט זיין קלימעקל אויף דער פּריזבע און זיך געלאָזט אין שטאַל. „העי, סיוואַק, שלום־עליכם!״ — האָט ער אויסגערופן פון דער וויטנס. אין דער טיר איז ער שטיין געבליבן. סיוואַק איז געלעגן אויף אַ בערגל שטרוי אין אַ טונקעלן ווינקל. ער האָט

זיך ניט גערירט. בערקע איז אַהינגעלאָפן. איצט האָט ער דערזען, אַז סי־וואַקס פאָדערשטער לינקער פוס איז אַרומגעבונדן מיט אַ זאַק, וואָס איז ערטערווייז געווען באַפלעקט מיט בלוט. „וואָס איז געשען? וואָס האָבן זיי געטאָן צו דיר?" — האָט ער געגלעט דאָס פערד איבערן קאָפּ. סיוואַק האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע טרויעריקע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן.

אפשר איז ער געווען אין דער מלחמה? — איז איינגעפאַלן בערקען, ווען ער איז צוריקגעלאָפן אין שטוב.

— וואָס איז מיט סיוואַקן? — האָט ער, אַ פאַרסאָפּעטער, געפרעגט דעם טאַטן — פאַר וואָס האָסטו מיר גאָרניט געזאָגט?

— כ'האָב דיר ניט געוואָלט איבערשרעקן — האָט געזאָגט דער טאַטע — אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מהומה, האָט מען גענומען כאַפּן פערד פאַרן אָבאָז. די כלאָפּצעס פון דאָרף זיינען אַנטלאָפן מיט זייערע סוסים אין וואַלד אַריין. ווי האָב איך געקענט לויפן? איז געקומען סטאַך און האָט אים אַ קראַץ געטאָן אין פוס. ‚ער'ט אַ ווײַלע אונטערהינקען און דערנאָך וועט עס איבערגיין' — האָט ער געזאָגט — ‚און דערווײַלע וועט זיך די מלחמה ענ־דיקן'. אָבער זעסט דאָך, דער טשוואַק איז אַוודאי געווען פאַרזשאַווערט, צי וואָס, און דאָס בלוט איז אים משמעות קאַליע געוואָרן.

בערקע האָט אַרויסגעזוכט פון זיין קלימעק דאָס שטיקל צוקער און איז אַוועק אין שטאַל. ער האָט צוגעלייגט דעם צוקער צו סיוואַקס ליפּן. אָבער סיוואַק איז איצט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיינע אויערן אַראָפּ־געלאָזט. ער האָט אַפילו ניט אַ פאַרשקע געטאָן מיט די נאָזלעכער. „ער איז זייער קראַנק!" — האָט בערקע אַ מורמל געטאָן. מען וואָלט געדאַרפט רופן אַ דאָקטער. ווען דער דאָקטער הערצל וואָלט דאָ געווען! ער איז אָבער פאַרנומען מיט פירן די יידן קיין ארץ־ישראל. וואָס טוט מען? פון וואַנען וועט קומען די ישועה?

זיינע פיס האָבן אים געפירט אין דאָרף. אויפן ברייטן זאַמדיקן וועג האָט מען ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש. נאָר דאָ און דאָרט האָט אַ הונט אַ ביל געטאָן אין אַ הויף. בערקע האָט זיך פאַרקירעוועט צו אַ כאַטע אויף אַ זייטיקן שטעג. מאַרישקעס זיידע איז געזעסן אויף דער פריזבע, אָנגע־

שפּאַרט אויף אַ שטעקן און זיך געוואַרעמט אין דער שפּעטער האַרבסטי־קער זון.

— דזיען דאָברי, פּאַניע פּעטרוק — האָט בערקע זיך אָפּגעשטעלט.

— גוט מאָרגן — האָט דער אַלטער אַ בורטשע געטאָן און אים אָנגע־קוקט מיט חשד.

— איך בין בערקע, מאַטיעס זון.

— אָה, יאָ, בערקאָ, גוט מאָרגן. מען ווערט אַלט און די אויגן זיינען ניט דאָס, וואָס אַמאָל.

— מאַרישקע איז נאָך אין האָראָדנע ?

— ניין, ווען ס'האָט זיך געמאַכט די סומאַטאָכע איז יאַן אַהינגעפאָרן און זי געבראַכט אַהיים.

— ווו זיינען אַלע ?

דער אַלטער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אויף דער פּאַטעלניע :

— אַז זיי הייבן־אָן שיסן, איז געזינטער אַוועקצופירן די פערד אין וואַלד און די ווייבער אויפן בוידעם — האָט ער געזאָגט.

✶

טעמפּע דונערן האָבן אָפּגעהילכט אין דער וויט. אַ טיר האָט זיך גע־עפנט און פאַרמאַכט. אין האַלב־שלאָף האָט בערקע געהערט דעם טאַטנס קול :

— פּאַניע שטעלט פּיס. מען זאָגט, אַז אין רודאַפּקע האָט זיך שוין געוויזן אַ ראַזוויעדקע פון דייטשן.

— דער קרופּניק איז גלייך פאַרטיק — האָט גיטל אַ רוף געטאָן פון קיך.

— און סיוואַק האָט נעבעך אויסגעצויגן די קאָפּיטעס.

— ווען ? — איז בערקע אויפגעשפּרונגען פון געלעגער.

— ביי נאַכט מסתמא. האָסט געהערט די האַרמאַטן ביי נאַכט ?

בערקע האָט אָנגעטאָן די הויזן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— שוטה, ווו לויפסטו ? — האָט דער טאַטע אים פאַרהאַלטן — סיוואַק

איז געענדיקט. קום, וועסט איבערכאַפּן ס'האַרץ און מיר העלפן אַראָפּציִען דאָס פעל.

— ס'אַ יקרות אויף לעדער — איז גיטל דערשינען אויפן שוועל פון דער קיך — צוליב דער מלחמה אַוודאי.

— ט'מען כאָטש עפּעס אָפּראַטעווען — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— כ'האָב נאָר מורא, אַז די זעלנער וועלן צולאַטכען דאָס פעל — האָט געזאָגט גיטל.

— מיר'ן עס אויפהענגען אין שטאַל אויפן בוידעם. קום, בערקע, לאָמיר עס מאַכן אויף גיך, איידער די זשלאָבעס וועלן פאַרקריכן אַהערצו.

בערקע איז געשטאַנען אָפּהענטיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט. אַלע אויפן בוידעם, אויבן... — האָט ער געטראַכט. גיטל האָט אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטוך:

— כ'האָב צוגעשטעלט פאַר דיר טרוקענע בולבעס — האָט זי געזאָגט — ווי דו האָסט ליב. כ'על נאָר אַרויפברענגען אַ לאַדישקע זויערמילך פון קעלער.

זי איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר. דער טאַטע האָט זיך גענומען כליאָבען דעם קרופּניק אין קיך. בערקע האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט פון שטוב און דורכגעשפּרייזט מיט שנעלע טריט דעם הויף. פאַרבייגייענדיק דעם שטאַל האָט ער אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט דורכגעשניטן דעם גאָרטן און די לאָנקע און האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ דיקער ווערבע ביים טייכל. אַ פאַרטייעטער צווישן די צווייגן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דער וועלט.

גיטל איז אַרויס פון קיך און גערופן: „בערקע, קום עסן! ווו ביסטו? די בולבעס וועלן קאַלט ווערן!" דער טאַטע האָט אַריינגעקוקט אין שטאַל און זיך פאַרקירעוועט אויפן וועג אין דאָרף. ער איז צוריקגעקומען מיט באַך עמעצן — סטאַך דער זנאַכער? מאַרישקעס טאַטע, יאַן? זיי זיינען אַריין אין שטאַל און באַלד אַרויסגעקומען, שלעפּנדיק סיוואָקן פאַר אַלע פיר.

בערקע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון בוים. ער איז אַריבער דאָס טייכל און זיך פאַרנומען צום וואַלד. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק. ערשט צווישן די ביימער האָט ער זיך דערפילט זיכע־

רער. איצט האָט אַ הונגער אים גענומען נאָגן אין בויך. ער האָט פאַרשלונ־גען די איינצלנע יאַגדעס, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אויף קוסטעס.

מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט אַ גערויש פון צווייגן און דאָס טופּען פון פיס. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. איבער אַ נאָענטער סטעזשקע זיינען געלאָפן סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, אַוועקגעוואָרפן די ביקסן אין די קוסטעס, געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין און זיך געיאָגט ווייטער. בערקע האָט זיך ניט גערירט. פון ערגעץ־ווו איז אָנגעלאָפן אַן אַנדערע כאַפּטע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט ביים שליאַך, פאַררויכערט, צוגעביסן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

בערקע האָט אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער. רוסיש... זיי אַנט־לויפן... ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער זיך פאַרזיכטיק אַ שאַר געטאָן צום שליאַך. ער האָט געפונען אַ שטיקל ברויט, עס פאַרשלונגען און פאַר־ביסן מיט יאַגדעס. ווי וועט ער איצט גיין אַהיים? ער וויל נאָך סיי־ווי ניט גיין אַהיים. זיי שינדן נאָך סיוואָקס פעל. ער האָט געפונען אַ פריי אָרט צווישן געדיכטע קוסטעס און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

דער געהילך פון אַ שיסעריי האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף. איבער די פעלדער פּאַזע דעם וואַלד האָבן גאַלאָפּירט רייטער. דער קייסער פראַנץ־יאָסל שלאָגט זיך מיטן באַטיושקאַ צאַר!! מען דאַרף זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. אָבער וווהין? אין די „מולעס״! אַהינצו וועלן די סאָלדאַטן ניט קומען, זיי וואָלטן פאַרזונקען אין זומפּ, בפרט איצט אין דער רעגנצייט.

די שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט. די זון האָט זיך פאַרבויגן צום מערב און דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט שאָטנס. בערקע האָט זיך גע־שאַרט פון בוים צו בוים, קוקנדיק אין אַלע זייטן, לויערנדיק. דער וואַלד איז שיטער געוואָרן און די ערד בלאָטיק — באַדעקט מיט מאָך און קריך־פלאַנצן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די קופּאַלניעס. באַלד איז ער געווען אין די „מולעס״.

די נידעריקע שטחים אַרום זיינען דאָ געווען באַדעקט מיט געלבלעכן הויכן קאַמיש, און פון צווישן בליושטש האָבן אַרויסגעקוקט טונקעלע וואַסערן פון סטאַוון. טוכלע זומפּיקע ריחות האָבן אָנגעפילט די לופט.

בערקע האָט זיך געלאָזט גיין אויף אַ שטעג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן גרינענדיקע ווייספּעס.

אין בין־השמשות האָט דער זומפּ זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל. אין די סטאַוון האָבן זיך צעקוואַקעט זשאַבעס. משונה׳דיקע קולות האָבן זיך צוגע־רופן אין דער געדיכטעניש פון צעשאָקלטן קאַמיש — מיט געוואָי, געוויין און געלעכטער. אין זומפּ האָבן געלעבט שדים, רוחות, פּיפּערנאָטערס. אין די נעכט האָבן דאָ אַרומגעוואַנדערט מתים. מאַרישקע האָט אים דערציילט, אַז אין די אָזיערעס ווינען רוסאַלקעס, וואָס פאַרפירן מענער מיט זייער פאַרשייטן געלעכטער און פאַרלאָקן זיי אין אָפּגרונט.

בערקע האָט זיך פאַרקירעוועט אַהיים און פאַרשנעלערט די טריט. אפשר איז פראַנץ־יאַסל אַנטלאָפן אַהערצו? — איז אים איינגעפאַלן. איז ער ניט אַ מאָל אַ מכשף? ער איז קלוג ווי די וועלט, די גאַנצע גמרא קען ער אויף אויסנווייניק, און ער גלויבט ניט, אַז מען שמייסט אויף יענער וועלט. דער וועג האָט איצט געפירט איבער אַ זאַמדיקן באָדן, באַוואַקסן מיט סאָס־נעס. מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעציטערט. ניט ווייט פון אים, צווישן די קוסטעס, האָט אָפּגעהילכט דער געלעכטער פון אַ פרוי.

— „שמע ישׂראל!" — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן און זיך איינ־געבויגן הינטער אַ בוים.

„ניין, פּאַניע, ניין" — האָט אַ שטימע געבעטן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ כיכיקען — „אָה, פּראָשען פּאַנאָ..."

מאַרישקע! — האָט בערקע דערקענט דאָס קול און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ — מאַרישקע...

אַ מאַן איז געשטאַנען נעבן איר און האָט איר עפּעס געשטופּט צווישן די ליפּן. „שאָקאָלאַד... זיס... דו אַוך זיס... מעדכען..." — האָט ער געזאָגט און זי אַרומגענומען. ער האָט געטראָגן אַ בלויען מונדיר מיט אַ רויטן קראַגן און גילדערנע עפּאָלעטן, און אַ קאַסקע מיט אַ שפּיץ אויפן קאָפּ. בערקע האָט אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער. דער זעלנער האָט גערעדט עפּעס אַזוי ווי יידיש, אַ מאָדנעם יידיש.

„פּאַניע, פּראָשען פּאַנאָ!" — האָט מאַרישקע גערעדט מיט אַ פולן מויל שאָקאָלאַד.

„ליבעס קינד" — האָט דער סאָלדאַט זיך צוגעבויגן און געקושט אירע ליפּן.

ס'איז פראַנץ־יאַסל! דער אַ נ ד ע ר פראַנץ־יאַסל! — האָט בערקע זיך אונטערגעהויבן. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס.

„קאָם הער... אויף דעם גראַז... ווייך..." — האָט דער זעלנער זי אַ צי געטאָן אין אַ זייט.

ניין, ס'איז ניט פראַנץ־יאַסל — האָט בערקע באַשלאָסן — ער האָט ניט קיין באַקנבאַרדן, נאָר אַ לאַנגע פאַרדרייטע וואָנצע.

„ניין, פּאַניע... גאָספּאָדין, ניין... ניין!" — האָט מאַרישקע זיך גע־ראַנגלט.

דער זעלנער האָט זי אויסגעבויגן הינטערווײלעכטס און זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני איבער איר. מאַרישקעס קול איז געוואָרן שטילער, בעטנדיקער: „ניין, וואָס טוסטו, גאָספּאָדין?... ניין..." ער האָט אויסגע־שפּרייט אירע מייטקעס אין אַ זייט און אַרויפגעשטעלט זיין קאַסקע פון אויבן. דאָס קנאַקן פון געבראָכענע צווייגלעך האָט זיך פאַרמישט מיט אַ האַסטיקן אָטעמען. פּלוצלונג האָט אַ שאַרפער געשריי דורכגעלעכערט די אַרומיקע שטילקייט:

„ניין!... באָזשע מאָי!... הייליקע מאַריאַ!"

„מאַ־רי־יאַ" — האָט אַן עכאָ געענטפערט אין דער ווייט און דער וואַלד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט.

*

ס'איז שוין געווען טונקל ווען בערקע האָט געשפּרייזט איבער די פעל־דער צוריק אַהיים. אַ דינער לבנה־סערפּ האָט פאַרשפּרייט אַ בלאַסע שיין און דאָ און דאָרט האָט זיך געצונדן אַ שטערן. אין דער ווייט האָט געלויכטן אַ פענצטער און דער שטאָל האָט געהויערט ווי אַ שוואַרצער שאָטן. ער איז אַריבער דאָס טייכל. דאָס וואַסער איז געווען אײַז־קאַלט און בערקע איז אונטערגעשפּרונגען, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

ביים שטאַל איז ער שטיין געבליבן. ער האָט איינגעאָטעמט דעם שאַרפן ריח פון פרישן פעל און פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויפצו. „סיוואַק!... סיוואַק!..." — האָט ער אַ מורמל געטאָן. סיוואַקס גייסט איז ניט דערשינען. נאָר אַ בינטל האָר האָט אַרויסגעשטעקט דורך דער פאָרטקע פון בוידעם. אין דער טונקלקייט האָט זיך בערקען אויסגעדאַכט, אַז ער זעט באַקנבאַרדן — פראַנץ־יאָסלס באַקנבאַרדן. האָט דער קייסער פאַרשפּילט די מלחמה? אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און זיך געשפּילט מיטן סנאָפּ האָר. איצט האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט דעם דאָקטערס לענגלעכע באָרד. זי איז גרוי גע־וואָרן פאַר דער צייט. וואָס טוט ער דאָרטן? ער דאַרף דאָך פירן די יידן איבער דער בריק קיין ארץ־ישׂראל... אויפן בוידעם האָט אַ שטריק אַ סקריי־פּע געטאָן מיט געוויין. דער מאַן וואָס וויל איבערקערן די וועלט! ווען וועט ער קומען? קיר"ה האָט ניט געזאָגט ווען. אפשר האָט זיך די וועלט שוין איבערגעקערט?

דאָס פענצטער אין שטוב האָט זיך אויסגעלאָשן און באַלד האָבן אויפ־געלויכטן די שייבלעך אין קיך. די מומע גיטל צינדט־אָן שפּענער אונטערן דרייפוס. בערקע האָט דערשפּירט דעם טעם פון הייסע בולבעס אויף דער צונג, און פון קאַלטער זויערמילך — און אַ נאָגעניש פון הונגער אין אַלע אֵברים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. דעם באַשעפער, האָט ער געוווּסט, קען מען ניט זען. נאָר אַ ווייסער געקרייזלטער וואָלקן האָט געשוועבט אין רוים. פון דער שיסל בולבעס אויפן טיש האָט געשלאָגן אַ הייסע פאַרע. זיינע רעיונות האָבן זיך פאַרמישט און אָנשטאָט צו מאַכן אַ ברכה „בורא פרי האדמה", האָבן זיינע ליפּן אַ שעפּטשע געטאָן די ווערטער פון בענטשן:

„הוא הטיב, הוא מטיב, הוא ייטיב לנו..."

איפכא מסתברא

א

ביים ראַג פון דער זיבעטער גאַס האָט פּאַטערל פּאַוועל זיך אָפּגע־שטעלט. אין בין־השמשות האָבן מענטשן זיך געאײַלט דורך דער אָפענער טיר פון „דעליקאַטעסן" אויף דער עוועניו. פאַר וואָס איז דער היינטיקער פאַרנאַכט אַנדערש פון אַלע אַנדערע פאַרנאַכטן? אַה, יאָ, דער סדר — ס'איז ערב דעם יידישן פּסח. „און די תּלמידים האָבן צו אים געזאָגט: ווו ווילסטו זאָלן מיר גיין פאַרברייטן פאַר דיר צום עסן דעם פּסח? האָט ער געשיקט צוויי פון זיינע תּלמידים..."

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז ער געשטאַנען צווישן וואַרטנדיקן עולם אין קראָם. פּאַרשפּעטיקטע קונים האָבן אין דער לעצטער מינוט איינגעקויפט פאַרן סדר. דער קרעמער האָט פלינק אַראָפּגענומען קאַרטאָנס און סלאַיעס פון די פּאָליצעס, זיי איינגעפּאַקט אין טאַרבקעס און אויס־געקלאַפּט די חשבונות אויף דער רעכן־מאַשין. „ווער איז נעקסט? איר?"

וואָס וואָלט איר געוואָלט גוטס? — האָט ער געפרעגט דעם גלח פּאַוועל, ווען זיין ריי איז געקומען.

— מצה... אַ פלעשל פּסח'דיק ווייַן...

— ווייַן ט'איר קריגן אין דער קראָם דערנעבן, אַ טיר ווייטער — האָט דער פאַרקויפער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף דער שוואַרצער סוטאַנע מיטן ווייסן קראַגעלע. — וואָס נאָך? — האָט ער געפרעגט מעכאַניש און, אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, צוגעגעבן: — סער!

— געפילטע פיש, אַ סלאַיִק כריין... אַ שטיקל טאָרט — האָט פּאַוועל זיך באַמיט צו דערמאָנען — און, יאָ, עטלעכע קניידלעך.

קומענדיק אַהיים, האָט ער אויסגעפּאַקט די פּאַפּירענע טאָרבע אין קיך און אַריינגעלייגט צוויי קניידלעך אין טעפּל זופּ אויף דער פּליטע. דערנאָך איז ער אַריין אין עסצימער און האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך איבערן טיש. די פיש פון סלאָי האָבן געהאַט אַ ביטערלעכן געשמאַק, ווי זיי וואָלטן געווען טוכלע. אפילו די מצה האָט ניט געהאַט דעם אַמאָליקן טעם. די מיסטעריע — ספק כּישוף, ספק קדושה — וואָס האָט איינגעהילט די יידישע מאכלים אין זיין יוגנט, האָט זיך ווי אויסגעוועפּט.

זיין טאַטע, ראַמאַנטשוק, איז געווען דער פּאַסטעך אין שטעטל, און דער קליינער פּאַוועלעק האָט אים אַרויסגעהאָלפן טרייבן די סטאַדע קי אין פעלד. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער פּאַרנומען דאָס אָרט פון אַלטן שבת־גוי, פּעטרוק. פרייטיק־צו־נאַכט נאָכן דאַווענען פלעגט ער אויסלעשן די ליכט אין בית־המדרש, און שבת אין דער פרי איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָט אַראָפּגענומען די לייכטער פון די טישן. ווינטערצייט האָט ער אויך איינגעהייצט די פּעטשערעס. באַלעבאָסטעס האָבן אים מכבד געווען מיט קאַלטן צימעס, אַ ברעקל פיש, „המוציא" חלה. ס׳איז אים דאַן פּאָרגעקומען אַז דאָס זיינען שיריים פון עפּעס אַ געהיימען צערעמאָניאַל.

ער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט די חדר־יינגלעך פון זיין עלטער און גערעדט מיט זיי אויף זייער לשון. זיי האָבן געלאַכט פון זיין צעקאַליעטשעטן יידיש און אויף קאַטאָוועס אים געלערנט די לשון־קודש׳דיקע אותיות אין סידור. דאָס זיינען געווען זיינע ערשטע אותיות, וואָרעם ער איז קיין מאָל אין קיין שולע ניט געגאַנגען. ער האָט געכאַפּט שנעל און געלערנט מיט נייגיר און התמדה. באַלד האָט ער אַפילו געקענט אַרויסלייענען עטלעכע גרויסע ווערטער פון די תפילות. „איר׳ט זען, ער׳ט נאָך ווערן אַ רב" — האָבן די יינגלעך געלאַכט. דער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט און איז דער־גאַנגען ביז צו פּאַן גורסקי אין הויף, און דער פּריץ האָט אים פאָרגעפירט ווי אַ ווונדער אויף איינער פון זיינע סעודה׳ס. און ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז צווישן די געסט איז דאָרט גראָד געווען אַ געהויבענער פּאַן פון וואַרשע — איינער פון די וואָס האָבן גע׳חלומ׳ט וועגן דער באַפרייונג פון פּוילן. ער

האָט זיך פּאַראינטערעסירט מיטן דאָרפסיינגל און אים אַוועקגעשיקט לערנען אין אַ שולע, און דערנאָך אין אַ גלחים־סעמינאַר.

פּאַוועל׳ס בליק איז געפאַלן אויפן מגן־דוד און די העברעיִשע אותיות „כשר לפסח" אויף דער פלאַש. „און ער האָט גענומען דעם כּוס און האָט געמאַכט אַ ברכה און האָט זיי געגעבן, אַזוי צו זאָגן: טרינקט אַלע פון אים, ווייל דאָס איז מיין בלוט" — האָט ער זיך דערמאָנט אין דער „לעצטער מאָלצייט" און זיך איינגעשענקט אַ גלאָז וויין. דער זיסער געטראַנק האָט זיך ניט געפּאַסט צום פיש מיטן כריין, און פּאַוועל האָט דערפילט אַ שלעכטן טעם אין מויל. ער איז אַריבער אין קיך, האָט אַראָפּגענומען אַ פלעשל וואָדקאָ פון אַ פּאָליצע און זיך אָנגעגאָסן אַ גרויסן קעלישעק. „קאָמוניסטישע וואָדקאָ" — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און איבערגעקערט דעם כּוס אין האַלדז אַריין — „אָבער פאַרט פון פוילן, עכטע פּוילישע וואָדקאָ, ניינציקער! 'פוילן איז נאָך ניט פאַרלאָרן'" — האָט ער פאַרביסן מיט אַ שטיקל פּוילישן קעלבאָס און זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטן קעלישעק.

די זופּ אויף דער פּליטע האָט אָנגעהויבן קאָכן. ער האָט געקוקט אויף דעם וואַלקנדל פּאַרע, וואָס איז אויפגעשטיגן אין רוים, און זיך דערמאָנט אין מרים׳ען — יאַסל דעם סטאָלערס טאָכטער. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, איינגעראָמט אין צעפּ. פּסח פלעגט זי אים שטילערהייט אונטעררוקן אַ האַלבע מצה און אים מכבד זיין מיט אַ גלעזל מעד און אַ שטיקל טאָרט. און זי איז צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאַר איר לייענען פון מחזור. זי האָט געלאַכט מיט צעעפנטע ליפּן, ווען ער האָט ווי אַ זאַיִקע אויסגעצויגן די אותיות: „ה־ה־מ־מ־ל־ל־ך..." ביים איינשלאָפן האָט זיך איר געשטאַלט אָפט פאַרמישט אין זיין דמיון מיט די הייליקע בילדער אויף די פענסטער פון קאָשציאָל. ליגנדיק ווינטער ביי נאַכט אויפן וואַרעמען אויוון, האָט ער זיך טייל מאָל פאַרגעשטעלט, אַז אירע אויגן האָבן אים אָפּגעטאָן אַ כּישוף. אין דאָרף האָט מען זיך גע׳סוד׳עט וועגן די מצה׳ס, דערציילט שרעקלעכע זאַכן, אָבער אַלע, קינד און קייט, זיינען זיי געווען די פגירה פאַר אַ שטיקל מצה. ער האָט ניט געגלויבט אין די מעשה׳ס — אָבער ווער ווייסט?

די וואָדקאַ און די הייסע קניידלעך האָבן אים צעוואַרעמט. ער האָט אָנגעטאָן זיינע ווייכע שטעקשיך און זיך אַריינגעזעצט אין וויגשטול קעגן־איבער דעם פענצטער. אָבער פאַר וואָס האָבן זיי אים געקרייציקט? „און ער האָט געזאָגט: ‚מיין פאָטער... אָבער ניט ווי מיין ווילן נאָר ווי דיין ווילן זאָל געשען׳". איז אויב ס׳איז געווען דער ווילן פון אַלמעכטיקן?... אין סעמינאַר האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר אַ דרייקאָפּ, אַן איפּכא מסתברא. דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט פון די יידן זיך צו גריבלען און פרעגן קלאָץ־קשיות — האָבן זיי געזאָגט. די דרכים פון איבערשטן זיינען פאַרהוילן.

פאַוועל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און גענומען דאָס „הייליקע בוך" פונעם קליינעם טישל דערנעבן, און האָט אַ בלעטער געטאָן ביז ער איז געקומען צו דער „לעצטער מאָלצייט". דאָ האָט ער זיך גענומען לייענען. ווען פּילאַטוס האָט געפרעגט: „וועלכן פון די צוויי ווילט איר, און איך וועל אים אָוועקשיקן צו אייך", האָבן פאַוועלס אויגן זיך גענומען קלעפּן און דאָס ביכל איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיינע קני.

אין דער קעגנאיבערדיקער געביידע האָבן אויפגעליכטן צוויי פענצ־טער. די מאַגדאַלענאַ! — האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי קומט אַהיים שפּעט ביי נאַכט און ברענגט־מיט מענער. טייל מאָל דערשיינט זי אין פענצטער אין אַ נאַכטהעמד, אַ מאָל האַלב־נאַקעט. אַ מאָל איז זי בלאָנד און אַ מאָל ברונעט. פאַרבט זי די האָר, אָדער זיינען דאָרט פאַראַן מער ווי איינע? אַ ווייַלע האָט ער געלויערט. „בלוט איז ניט קיין וואַסער" — האָט ער זיך דערמאָנט אַ פּויליש ווערטל. ער האָט אויפגעהויבן דאָס בוך און אַ זוך געטאָן דאָס אָרט, וווּ ער האָט געהאַט געלייענט. „דער גייסט וויל, אָבער דאָס לייב איז שוואַך" — האָבן זיינע אויגן זיך ווידער צוגעמאַכט. דאָס ליכט קעגנאיבער האָט זיך אויסגעלאָשן. די וועלט איז געזונקען אין חשכות.

ב

דער מאַרק אין ירושלים איז געווען פּוסט, טיר און טויער זיינען געווען פאַרהאַקט. פּלוצלונג זיינען פון אַ געסל אַריינגעריטן אַ צענדליק קאָזאַקן,

מיט פּאַפּאַכעס אויף די קעפּ און פּאַרריסענע פּיקעס אין די הענט. די פערד האָבן דורכגאַלאָפּירט דעם פּלאַץ, האָבן זיך געשטעלט דעמבאָם, אַ הירזשע געטאָן מיט שוימיקע מיילער און זיינען נעלם געוואָרן צווישן די הייזער.

מען ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם? — האָט פּאַוועל געוואָרפן אַן אומרויִקן בליק אויף די פאַרקראַטעוועטע לאָדנס. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז יום־טוב, דער ערשטער טאָג פּסח. פון זייטיקן געסל זיינען אַריינגעריטן דריי אָריענטאַלע שׂררות אין ווייסע קליידער, מיט טורבאַנען אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך בנעימות׳דיק געשאָקלט אויף די קעמלען און געקוקט אויפן שטערן אין מזרח, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג. פּאַוועל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

דער וועג האָט געפירט צווישן שטיינערנע מויערן, ליימענע כאַטעס און קאַקטוס־צוימען. פון די זייטיקע געסלעך האָט געשטראָמט אַ המון פוסגייער און רייטער, און דער גלח האָט פאַרלוירן די דריי שׂררות. איצט האָט ער געשפּרייזט אין דער געדיכטער קאַראַוואַנע פון אייזלען, קעמלען און בופל־אָקסן.

— ווהין ציט זיך דער עולם? — האָט ער געפרעגט אַ באָרוועסן מאַן מיט לאַנגע האָר פון אַ נזיר, וואָס האָט געשפּאַנט ביי זיין זייט.

— צום גרויסן משפּט.

פון ערגעץ־ווו איז אָנגעפאָרן אַ שוואַרצער קאַדילאַק, וואָס האָט איבערגעשריִען מיט זיין בלאָזנדיקן טרומייטער דעם אַרומיקן טומל. די דערשראָקענע בהמות זיינען זיך צעלאָפן אין אַ זייט און האָבן געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע.

— אַמעריקאַנער טוריסטן! — האָט געזאָגט דער נזיר.

זיי זיינען אָנגעקומען צו אַן אָפענעם פּלאַץ. אויף די אַרומיקע היגלען האָבן זיך געהויבן טונקל־גרינע אָליוון־סעדער. און ס׳איז דאָרט געשטאַנען פיל פאָלק, ווי זאַמד אויפן ברעג פון ים: אסיים פון מדבר אין ווייסע כאַלאַטן, כלי־קודש פון כל׳ערליי אמונות, באַבערדלטע פּרושים אין שטריימלעך, אַרחי־פּרחי פון די ירושלים׳ער סלאַמס. אַ קאַניבאַל מיט אַ רינג אין דער נאָז און אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער פון פּאַרק־עוועניו, ניו־יאָרק, מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט, האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן דער מאַסע.

אַן אַמעריקאַנער טוריסטקע האָט געטראָגן אונטערן אָרעם דעם בעסטסעלער „די גרעסטע געשיכטע וואָס איז ווען עס איז דערציילט געוואָרן".

אויף איינעם פון די היגלען זיינען געווען אויסגעהאַקטע טעראַסן און אַן עולם איז אויף זיי געזעסן ווי אויף שטיינערנע שטאַפּלען פון אַן אַמפּי־טעאַטער. לויט די געטורעמטע היט און גילדערנע קרוינען, די פיינע גאַרניטורן און זיידענע קליידער האָט פאַוועל דערקענט, אַז די פּלעצער דאָרטן זיינען רעזערווירט פאַר מלכות, דיגניטאַרן פון דער קירכע און אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן, און אפשר אויך קרובים.

אַ שאַלן פון טרומייטערס האָט אָפּגעהילכט אין דער לופטן, און פאַוועל האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ מאַסיוון פּאַלאַץ פון געציעשעטן ווייסן שטיין, אַרומגערינגלט מיט שלאַנקע פּאַלמען און באַוואָפנטע לעגיאָ־נערן. פון זיין פאַסאַדע האָט אַראָפּגעשיינט אַ גרויסער מעשענער אָדלער. זיין אָפענער באַלקאָן האָט זיך געשטיצט אויף זיילן פון בלוילעכן מירמל־שטיין. אַ שטילקייט האָט זיך צעלייגט איבער דעם פּלאַץ און די אַרומיקע היגלען, און מען האָט געקענט הערן דאָס שאָרכן פון די איילבערט־בלעטער און די בלעטער אין די שוואַרץ־געבונדענע ספרים׳לעך, וואָס זיינען אויף שנעל צעעפנט געוואָרן. פרומע לייט האָבן אַריינגעקוקט אין זייערע „ביבלס", ווי מען קוקט אַריין אין אַ פּראָגראַם אין טעאַטער איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף.

דורך אַ געוועלבטן אַריינגאַנג האָט אַריינגעשפּרייזט אויפן באַלקאָן אַ מיטליעריקער מאַן אין אַ טוניקע, מיט ברייטע עפּאָלעטן פון אַ גענעראַל. זיין גלאַט ראַזירטער קאָפּ און די גילדערנע מעדאַלן אויף זיין ברוסט האָבן געגלאַנצט אונטער די שטראַלן פון דער זון. ער האָט זיך אָנגעלענט מיטביידע הענט אויף דער פאָדערשטער פּאָרענטש.

„פּילאַטוס... דער פּראָקוראַטאָר..." — איז אַ געמורמל דורכגעלאָפן צווישן המון.

„אָווע צעזאַר!" — האָבן די לעגיאָנערן אויסגערופן מיט פאַרריסענע אָרעמס.

„אָווע צעזאַר!" — האָט פּילאַטוס זיך אויסגעגלייכט און אויפגעהויבן זיין אָרעם. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— ווי איר ווייסט, איז היינט פסח ביי די יידן און לויט דעם מנהג דאָ אין לאַנד באַפרייען מיר אין דעם יום־טוב, אין צעזאַרס נאָמען, איינעם פון די אַרעסטאַנטן.

בעת ער האָט גערעדט, האָט אַ באַוואָפנטע וואַך אַריינגעפירט צוויי יונגע מענער, געשמידט אין קייטן, און זיי אָוועקגעשטעלט אין די צוויי זייטן פון באַלקאָן. דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער פּראָקו־ראַטאָר האָט פאָרגעזעצט:

— מיר האָבן דאָ צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו שטאַרבן אויפן קרייץ. איינער — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט אויף לינקס — איז ישוע, אַליאַס ישו, דער זון פון מרים פון נצרת, פאָטער אומבאַקאַנט. און דער צווייטער — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ ברייט־פּלייציקן, באַוואָקסענעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען רעכטס — רופט זיך בר־אבא, ס׳הייסט דער זון פון אַ טאַטן. ריכטיקער נאָמען און געבורט־אָרט אומבאַקאַנט. וועלכן פון די צוויי זאָל איך אַרויסלאָזן אויף דער פריי?

— ישו׳ן! — האָט אויסגעשריִען דער המון — ישו פון נצרת!

די דיגניטאַרן אין אַמפיטעאַטער האָבן זיך אָנגעקוקט מיט געפּלעפטע בליקן. פּילאַטוס איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן.

— וועלכן זאָל איך צו אייך אַרויסשיקן פריי? — האָט ער איבער־געפרעגט, פירנדיק מיט אַ פינגער פון איין געפאַנגענעם צום צווייטן.

פּאַוועל האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, אַז בר־אבא דאַרף באַפרייט ווערן, אָבער אַן אימה איז אים באַפאַלן און די ווערטער זיינען אים שטעקן געבליבן אין האַלדז.

— ישו׳ן! באַפרייט ישו׳ן! — האָט דאָס פאָלק אַ דונער געטאָן. די היגלען האָבן אַ ציטער געטאָן און אַן עכאָ האָט אָפּגעענטפערט פון דער ווייט: — י־שו! !

— ס׳אַ טעות! אַ שרעקלעכער טעות!!! — האָט זיך אָפּגערופן אַ שטימע אין אַמפיטעאַטער. אַ באַלייבטער מאַן מיט אַ רויטן געטורעמטן הוט

האָט זיך דאָרט אויפגעשטעלט און געפּאַכעט מיט אַ דיקן בוך אין באַגיל־דערטע טאָוולען: — דאָ שטייט אַנדערש!

„אונדזערע קראַנקהייטן האָט ער געטראָגן און אונדזערע ווייטיקן האָט ער געליטן... ווי אַ שאָף צו דער שחיטה איז ער געפירט געוואָרן" — האָט פּאַוועל אויפגעכאַפּט אַ געמורמל הינטער זיך. ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען אַן אויסגעדאַרטן מאַן אין צעריסענע קליידער, מיט וווּנדן אויפן לייב און אַ גלאַנץ פון עקסטאַז אין די אויגן. „אַ מאַרטירער!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— דער קעניג מוז שטאַרבן — האָט אַ קול אין אַמפּיטעאַטער אויסגערופן אויף גריכיש.

דער פּראָקוראַטאָר האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. דורכן געוועלבטן דורכגאַנג איז אַריין אַ פּויערטע אין אַ ווייסן פאַרטעך און האָט אַוועקגעשטעלט אַ קוואָרט וואַסער און אַ קופּערנעם בעקן אויף אַ בענקעלע. פּילאַטוס האָט זיך צעוואַשן די הענט און געמאַכט אַ צייכן צום סענטוריאַן פון דער וואַך. עטלעכע לעגיאָנערן זיינען צוגעגאַנגען צום אַרעסטאַנט, וואָס איז געשטאַנען לינקס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און זיך גענומען אויפלייזן די קייטן פון זיינע הענט און פיס.

— און ווער וועט פאַרגעבן מיינע זינד? — האָט אַ זיפץ געטאָן אַ יונג ווייבל מיט אַ ציגאַרעטל צווישן אירע ליפּן.

— דער אייבערשטער האָט צו אים צוגעטשעפּעט די זינד פון אונדז אַלעמען — האָט דער מאַרטירער געשעפּטשעט מיט אַ צעבראָכן קול; זיינע אויגן זיינען איצט געווען געשלאָסן — און פאַר זייערע זינד וועט ער ליידן.

אויפן באַלקאָן האָבן די לעגיאָנערן צונויפגעלייגט די קייטן און זיך אומגעקערט צו דער גוואַרדיע. דער יונגערמאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פאַרווונדערטן בליק. די פרילינג־לופט איז געווען קלאָר, און פון דער ווייט האָט די בלויקייט צווישן די היגלען אויסגעזען ווי דער ים פון גליל. דער סענטוריאַן האָט אים אַ שטויס געטאָן אין רוקן:

— געגאַנגען! און איך זאָל דיך מער פאַר די אויגן ניט אָנזען, אויב דו ווילסט בלייבן מיט גאַנצע ביינער.

דער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט צו די טרעפּ. מיט זיינע געקרייזלטע האָר און צעשויבערטן בערדל האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די גערטנער אין דער גוי׳ישער גאַס.

— געלויבט דער אייבערשטער, ער איז געראַטעוועט — האָט פּאַוועל אַ זאָג געטאָן צו זיך.

— געראַטעוועט ? — האָט דער מאַרטירער געעפנט די אויגן און דער־זען דעם יונגנמאַן אַראָפּגייענדיק די טרעפּ — געראַטעוועט... אָבער איז ער דער גואל ?

— אוי, ווי איז מיר — האָט אַ קרעכץ געטאָן אַ זקנה מיט אַ שייטל אויפן קאָפּ.

— שיע, מיין קינד ! מיין טייערער שיע — האָט אַ שאַרף געשריי דורכגעלעכערט די לופט, און אַ פרוי אין שוואַרצן האָט זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ פון אַמפיטעאַטער.

— מערי, אין גאָטס נאָמען, באַרויִק דיך, מערי ! — האָט עמיצער פּרובירט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט. איר שוואַרצער שאַל האָט געפלאַטערט אין דער לופטן ווי אַ פליגל. איר לענגלעך פּנים, איינ־געראַמט צווישן שוואַרצע צעפּ, איז פּאַוועלן פאַרגעקומען באַקאַנט. מרים ? — האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן.

זי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן המון אויפן פּלאַץ און איז געלאָפן דעם באַפרייטן אַנטקעגן :

— מיין זון ! מיין טייערסטער — האָט זי אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיך צעוויינט. דערנאָך האָט זי אַ שפּרייז געטאָן הינטער־ווילעכטס און אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס : — זיי האָבן דיר שלעכטס געטאָן ? ביסט אַוודאי הונגעריק, מיין קינד, פאַרשמאַכט.

— אַ יידישע מאַמע — האָט אַ זאָג געטאָן אַ הויכער טעלאָג מיט אַ הוילן שאַרבן און אַ קורצזיכטיקן בליק הינטער דיקע ברילן. ער האָט געשפּאַנט אין שפּיץ פון אַ פּראָצעסיע, וואָס האָט אַראָפּגענידערט איבער די טרעפּ פון אַמפיטעאַטער און זיך דערנענטערט צו דער מאַמע מיטן זון.

— אומזיסט געקומען ! — האָט געזאָגט דער קאַניבאַל, וואָס איז

פּלוצלונג דערשינען לעבן פּאָוועלן — זיך געשלעפּט דריי יאָר מיט אַ מיטוואָך איבער דזשונגלס און מדבריות, אומזיסט און אומנישט.

— צו וואָס זיינט איר אייגנטלעך געקומען? — האָט דער פּסיכאָאַנאַ־ליטיקער אים געפרעגט.

— ביי אונדז, אַז מען עסט אויף אַ שטיקל פון אַ געפאַנגענעם טשיף, ווערט מען אַליין אַ שטיקל טשיף. מען קריגט אַ חלק פון זיין כוח.

— דער מקור פון אַ קלאַסישער פּראָיעקציע — האָט דער פּסיכאָאַנאַ־ליטיקער שנעל פאַרצייכנט אין זיין בלאָקנאָט — זיי וועלן אויפעסן אַ יידיש ייִנגל, און דערנאָך...

„דערפאַר האָט מען זיך גע׳סוד׳עט אין דאָרף, אַז זיי טוען אַריין בלוט פון אַ קריסטלעך קינד אין די מצה׳ס" — איז פּאָוועלן איינגעפאַלן.

— מען האָט אים דאָך אָבער באַפרייט! — האָט דער מאַרטירער אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדראָס.

— מילא, וועט איר אָפּסמאַטשקען אַ ביינדל פון בר־אבא — האָט דער פּסיכאָאַנאַליטיקער געטרייסט דעם קאַניבאַל.

דער קאַניבאַל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שלעגערס האָבן מיר גענוג אייגענע. וואָס מיר דאַרפן, איז אַ משיח — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

פּאָוועל האָט איבערגעלאָזט די חברותא און זיך געלאָזט גיין צום געזעמל, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם באַפרייטן. פון אַ זייט איז אָנגעקומען אַ בלאָנד מיידל מיט אַ פולן בוזים, וואָס האָט זיך געוויגט אין גאַנג. פאַרבייגייענדיקע לעגיאָנערן האָבן איר צוגעווונקען מיט די אויגן און געפייפט הינטער איר. איינער פון זיי האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— קום היינט אין אָוונט אין געסל הינטערן טעמפּל — האָט ער אַ פּליסטער געטאָן — וועסט קומען, מאַגדאַלענאַ?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שווייגנדיק געגאַנגען ווייטער.

— דריי שקלים — האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אַ קלונג געטאָן מיט מטבעות.

— אַ פּרינץ ווילט זיך איר — האָט אַן אַנדער סאָלדאַט אַ לאַך געטאָן.

— ניט קיין אַנדערער ווי דער מלך פון די ייִדן!

מאַגדאַלענאַ האָט פאַרשנעלערט די טריט. דער עולם אַרום דער מוטער מיטן זון איז געוואַקסן. זיי האָבן געמאַכט אַ וואַרע פאַר מאַגדאַלענאַ, און פאַוועל האָט זיך דורכגעשאַרט הינטער איר. זי האָט געקניט פאַר דעם באַפרייטן אַרעסטאַנט און האָט געקושט דעם שטויב פון זיינע סאַנדאַלן. דערנאָך האָט זי געזאַלבט מיט בוימל די ווונדן, וואָס די קייטן האָבן איינגעשניטן אין זיינע הענט און פיס. אַרום זיינען געשטאַנען די תלמידים, שווייגנדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים. זייערע געדיכטע בערד האָבן אויסגעזען ווי פאַרגליווערט. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן, פול מיט יאוש: וואָס וועט איצטער זיין? מתתיהו האָט אויפגעוויקלט אַ מגילה, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער זיין קאַפּאָטע:

— כ׳על מוזן איבערשרייבן דעם גאַנצן כתב־יד — האָט ער געטייטלט אויף דער שריפט.

— און וואָס וועט זיין מיט דער נבואה פון די נביאים? — האָט אויסגערופן אַ קול פון עולם.

— און דער זינען פון ליידן? וואָס מיינט עס אַצינד? — האָט אַ מאַן אויף קוליעס זיך דורכגעשטופּט פאָרויס און אָנגעוויזן אויפן באַפרייטן — ער האָט דאָך געדאַרפט געבן זיין רוקן צו די שלעגער און זיינע באַקן צו די פליקער!

איינער פון די אֶביונים אין דער הינטערשטער ריי, אַ באָרוועסער, מיט אַ ליי̆נען־געוואַנט אַרום די לענדן, האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— און ווי וועלן די שוואַכע וויסן, אַז צו זיי געהערט די מלכות־השמים?

— האָט ער שטילערהייט געפרעגט.

דער באַפרייטער אַרעסטאַנט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעהאַרכט. ער האָט געשטעלט אַ טריט פאָרויס און געזוכט מיטן בליק צווישן עולם. די מוטער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן אָרעם:

— אַבי געזונט! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן צווישן טרערן.

— און די וועלט? — האָט דער טעאָלאָג אויסגערופן מיט פּאַטאָס — ווער וועט פאַרגעבן די זינד פון דער וועלט?

— זינדיקט ניט! — האָט די מוטער אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס — ווער האָט אייך געהייסן זינדיקן? איך האָב אייך געהייסן זינדיקן?

דער טעאָלאָג איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט:

— איר איז לייכט צו רעדן — האָט ער, אַ דערשראָקענער, געמורמלט.

— ש־ש־שאַ, מה רעש? זעקס מיליאָן, איז איינער מער אָדער ווייניקער, וואָס איז דער חילוק? — האָט דער היילִיקער באַניפּאַציוס פּרובירט מאַכן שלום.

— נו, וואָס זאָגט איר, ר' שמעון? — האָט מתתיהו זיך געווענדט צו אַ ברייטפּלייציקן מאַן, מיט אַ נעץ אַרום די לענדן, וואָס איז אויך געשטאַנען אין דער ערשטער ריי.

שמעון דער פישער האָט אַ גלעט געטאָן זיין לאַנגע, צעשויבערטע באָרד:

— דער האָן האָט שוין געקרייט דריי מאָל — האָט ער געענטפערט ניט אין גאַנצן צו דער זאַך.

— האָסט נאָך היינט אַוודאי גאַרניט געהאַט אין מויל — האָט די מוטער אָנגענומען איר זון ביי דער האַנט — קום, לאָמיר צוגיין צו דער מומע חנה אַהיים, עס זיינען ביי איר זיכער געבליבן מאכלים פון סדר. פאַר וואָס האָבן זיי זיך אַלע אָנגעזעצט אויף דיר? — האָט זי אַ בליק געטאָן מיט רוגז אויף די וואַרטנדיקע תּלמידים אַרום — פאַר וואָס דווקא דו? ווייניק האָבן די רשעים דיך געפּייניקט?

מאַגדאַלענאַ איז געגאַנגען עטלעכע שריט הינטער זיי. דער המון האָט זיך צערוקט און זיי געמאַכט אַ וועג. די תּלמידים האָבן זיך אַ ווילע געקווענקלט. שמעון האָט זיך דער ערשטער אַ ריר געטאָן: „כ'וועל אים מער קיין מאָל ניט פאַרלייקענען" — האָט ער אַ ברום געטאָן אין זיין באָרד און איז זיי נאָכגעגאַנגען. עטלעכע פון די תּלמידים האָבן נאָכגעפאָלגט און פיל פון עולם האָבן זיך געלאָזט אין זייערע פוסטריט: נזירים פון מדבר, פישערלייט פון גליל, אֶביוֹנים פון אַרום ירושלים. די פּראָצעסיע איז אויפגעשטיגן איבער אַ שטעג, וואָס האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף צווישן איילבערט־ביימער.

דער פּלאַץ האָט זיך אויסגעליידיקט. נאָר דאָ און דאָרט האָבן זיך

אַרומגעבלאָנקעט אויסלענדישע געסט ווי פּאַרלאָרענע שאָף. פון אַ גערעמל ביים פּאַלאַץ האָבן זיך געטראָגן הויכע קולות, און פּאַוועלן איז פאָרגעקומען, אַז ער הערט זיין היימיש לשון. ער איז אַהינגעגאַנגען און האָט צוגעלייגט אַן אויער.

— ס׳אַ זשידאָווסקי קאָמפּלאָט! — האָט אַן אַדוואָקאַט פון וואַרשע זיך געהיצט אויף פּויליש — כדי עס זאָל ניט מקוים ווערן...

— דער קאָהאַל!

— די זקני־ציון!

ווי פון אונטער דער ערד זיינען דערשינען די קאָזאַקן — מיט ווילדע, צעיושעטע אויגן. איצט זיינען זיי געווען אַ גאַנצע סאָטניע, מיט אַן אַטאַמאַן אין דער שפּיץ. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין שווערד און אויסגערופן:

— רעביאַטאַ, אין מאַרק אַריין! שלאָגט די יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד!

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ איבערן פּלאַץ און זיינען בעלם געוואָרן אין אַ וואָלקן שטויב.

— אַ פּאָגראָם! — האָט פּאַוועל אַ געשריי געטאָן — ווו איז די פּאָליציי?

— די פּאָליציי קומט נאָכן פּאָגראָם — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

— גוט אויף זיי — האָט געזאָגט דער טעאָלאָג — זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז ער זאָל פאַר זיי ליידן, מוזן זיי אַליין ליידן.

פּאַוועל האָט נאָך באַוויזן אָנצוזאָגן דעם עק פון דער פּראָצעסיע, וואָס איז פּאַמעלעך אויפגעשטיגן איבער דעם שיפּוע. אונטן האָבן זיך נאָכגע־שלעפּט בעלי־מום, וואָס עס האָבן זיך אין זיי אָנגעקלעפּט שלעכטע קראַנק־הייטן, באַזעסענע פון שלעכטע גייסטער, געשלאָגענע פון דער לבנה. אויבן האָט דער יונגערמאַן זיך אָפּגעטיילט פון המון און האָט האַסטיק גע־שפּרייזט פּאָרויס, ווי געטראָגן פון ווינט. אויפן שפּיץ באַרג האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויף אַ פעלז און זיך אָנגעלענט מיטן רוקן אויף אַן אַלטן אָליוון־בוים. פון אונטן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַנגען הויך אין דער לופטן. ער האָט צעשפּרייט די אָרעמס איבער די צווייגן, האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָט געזאָגט:

— אֵלי, מיין גאָט, פאַר וואָס האָסטו מיך נ י ש ט פאַרלאָזן?

נאָך אַ קאַלטןווינטער

אויבן, אויף דער פּלאַטפאָרמע פון סאָבוועי, איז געווען ליידיק. ס'איז שוין געווען נאָך דער פרימאָרגן־איַילעניש און די צוגן האָבן זיך געזאַמט. מאָריס קליינמאַן האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין האַנט־זייגערל. אייגנט־לעך, וואָס איז די איַילעניש? ביז צו דער לוויה איז נאָך געווען גוטע צוויי שעה, און די רייזע ביז צום פיונעראַל־פּאַרלאָר איז העכסטנס אַ קנאַפּע שעה, שוין אַריינגערעכנט די עטלעכע בלאָקס צו פוס פון יוניאָן־סקווער. ער איז אַרויס פון שטוב באַצייטנס, כּדי אָנצוקומען אַ ביסל פריִער. היינטיקע צייטן אַ לוויה, בפרט אַז מען קומט באַצייטנס, איז ווי אַמאָליקע צייטן אַ מיטינג ביי די לאַנדסלייט: מען טרעפט מענטשן, מען כאַפּט אַ שמועס, מען זעט זיך מיט באַקאַנטע, וואָס מען האָט זיי שוין ניט געזען ווער־ווייסט וויפל יאָרן.

גלייך נאָך בעקיס טויט האָט ער זיך באַגראָבן אין שטוב, האָט קיינעם ניט געוואָלט זען; אָבער אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ מענטש, איז לעצטנס ציט עס אים ווידער צווישן מענטשן. און דער עולם האָט זיך לעצטנס דווקא גענומען צום שטאַרבן. ס'איז שוין, דאַכט זיך, די דריטע לוויה זינט זיין בעקי איז אַוועק פון דער וועלט — און ווי לאַנג איז עס זינט זיי זיינען געפאָרן צו בעניס בר־מצווה אין נואַרק? ווי די צייט לויפט! געקומען אַהיים פון דער בר־מצווה, און גאָרניט — אויס! און פאַר דער צייט איז אָנקל אייזיק אַוועקגעשטאָרבן. וואַרט, אפשר די פערטע גאָר? ראשית, אָנקל אייזיק. נו, יאָ, ער איז שוין געווען אין די הויכע זיבעציקער. דערנאָך — אַרנאָלד דער פּרעסער און די אַלטע שיינדל גרינבלאַט, ממש אַ וואָך נאָך

אַ וואָך. אַרנאָלד האָט אָפּגעהאַרעוועט אַ לעבן אין שאָפּ, און אַז ס׳איז געקומען צום נעמען סאָשל־סעקיוריטי, איז והילד איננו!

צו מר׳ הײמאַנס לוויה האָט ער אײגנטלעך ניט געהאַט קײן חשק צו גײן, אָבער ווי גײט מען עס נישט צו מר׳ הײמאַנס לוויה? ער איז געווען אַ ייד אַ גביר, אַ ריעל־עסטעיט־מאַן, און אַ גאַנצער כל־ולך בײ די לאַנדס־לייט. אַ גביר איז ער טאַקע געווען, אָבער אַז ס׳איז געקומען צום געבן — אַ גרויסע כמאַרע און אַ קלײנער רעגן, שווער אויף דער קעשענע, מער טומל ווי צדקה.

און דערצו האָט זיך נאָך דער ניי־געקומענער לאַנדסמאַן, דער רעפּיר־דזשי, מענדל מאַלאַמוד, אויף אים אָנגעזעצט: ניט אַנדערש נאָר ער זאָל ביי אים אַרויסנעמען אַ פּלאַן פון „מיוטשועל פאָנדס״. „איר זעט דאָך שוין, אַז מען איז ניט זיכער מיטן לעבן!״ — איז ער צו אים צוגעשטאַנען ביי יעדער לוויה. האָסט געהערט אַ משל? אַז מען איז ניט זיכער מיטן לעבן, טאָ וואָס טויגן אײנעם די פאָנדס מיט די סטאָקס? וואָסי, מען קען זיי דען קעשן אויף יענער וועלט?

„ס׳איז אַ פּלאַן אַזאַ אויף ראַטעס, מיט פאַרזיכערונג״ — האָט מענדל אײנגעטענה׳ט מיט אים יעדער מאָל גלײך נאָכן הספד. אָבער צו וואָס דאַרף ער די פאַרזיכערונג? פאַר וועמען? אַז בעקי איז נישטאָ, און די קינדער זײנען, קײן עין־הרע, פאַרזאָרגט, מאַכן אַ פיין לעבן. אֶלא וואָס דען, מענדל מאַלאַמוד דאַרף אויך מאַכן אַ לעבן. קנאַפּ האָט ער זיך אַנגעליטן? אין די סיבירער טאַיגעס, אין די לאַגערן אין דײטשלאַנד... אַי, ווען בעקי וואָלט געלעבט! זי האָט געשפּאָרט די פּאָר דאָלער, געמאַכט פּלענער: נאָך עטלע־כע יאָר און מען וועט אפשר „ריטאַיערן״, וועלן זיי זיך אַראָפּכאַפּן ווינטער אויף עטלעכע וואָכן קײן מיאַמי, מיט לײטן צוגלײך; אפשר גאָר מאַכן אַ רײזע קײן ישׂראל: תל־אביב, יידישע פאַרמערס, ירושלים, דער וויסטער נגב. אָבער אַז ס׳איז געקומען צום לעבן, האָט זי גענומען און איז גע־שטאָרבן.

און אײדער אירע פיס האָבן זיך באַוויזן אָפּצוקילן, האָט שוין די אַלמנה פון דריטן עטאַזש זיך גענומען פּוצן צו אים. „אַ מאַן אײנער אַליין, עלנט ווי אַ שטײן״ — האָט זי אים באַקלאָגט מיט אַ ניגון. מעשׂה געטרײע שכנה

איז זי אַריינגעקומען אים מנחם־אָבל זיין מיט אַ טעפּל געקעכץ אין דער האַנט. און צו מאָרגנס, באַלד אין דער פרי, איז זי געקומען, מרס׳ מילי סילווער, מיט הייסן קאַפע און בולקעלעך מיט פּוטער: „מען דאַרף נאָר ניט פאַרלירן די מוט! אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט אינדעפּענדענט אַלע זיינע יאָרן, וועט ער דאָך ניט גיין וווינען ביי קינדער... בפרט אַז ער איז נאָך, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, ביי די כּוחות".

אָבער ווי קומט זי צו בעקין? בעקי האָט אַרויסגעהאָלפן אין סטאָר, געפירט די באַלעבאַטישקייט, אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, די קיך, וועש; און יענע — שפּילט ברידזש און גייט אין ביוטי־פּאַרלאָר. און בכלל — ער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ פאַר איר, האָט ער זיך געמאַכט תּמ׳ע־וואַטע. זי שטעקט נאָך אַ מאָל אַריין די נאָז, און זאָגט „העללאָו" מיט אַ זיסן שמייכל ווען מען באַגעגנט זיך אויף די טרעפּ.

פון מאַנהעטן איז אָנגעלאָפן אַ צוג אין דער ריכטונג פון קאָני־איילענד. זע נאָר, מענטשן פאָרן גאָר צום ים! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. פון לעצטן וואַגאָן איז אויסגעשטיגן איין פּאַסאַזשיר: אַ הויכע נעגערין אין אַ העל־געבלימלטער בלוזע, מיט אַ גרויסן טאַש אין דער האַנט. זי האָט געמוזט זיין אין די דרייסיקער, אפשר עטלעכע יאָר מער, און האָט אויס־געזען געזונט און קרעפּקע, ווי זי וואָלט כּלל ניט בדעה געהאַט ווען־עס־איז צו שטאַרבן. ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. די זון האָט אים אַ שיין געטאָן אין פּנים און ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן. זי האָט ווי אויפגעכאַפּט זיין בליק פון דער ווייטנס און האָט אַ שפּרייז געטאָן צו אים:

— מיסטער, איר קענט מיר אפשר זאָגן ווו דאָס איז? — האָט זי אים אויסגעשטרעקט אַ פּאַפּירל מיט אַן אַדרעס. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און אַריינגעקוקט אין צעקנייטשטן צעטעלע:

— עוועניו „זי"...

— ס׳דאַרף זיין ערגעץ אין שיפּסהעד־בעי, האָבן זיי געזאָגט, אָדער ביי ברייטאָן — האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן.

— יאָ, איר וועט אַראָפּגיין אָט־דאָרט, מיט די הינטערשטע טרעפּ, און זיך פאַרנעמען רעכטס מיט דער עוועניו.

— יאָ, יאָ...

ער איז מיטגעגאַנגען צו די טרעפּ. זי איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים. קענטיק שטאַרק געמישט: איר הויט פון טונקעלן איילבירט־קאָליר, מיט אַ פולן בוזעם. איר אויסגעפּאַקטער גוף האָט זיך געוויגט אויף דינע פיס.

— ביז צום ערשטן ליכטצייכן, דערנאָך דאַרפט איר גיין עטלעכע בלאָקס לינקס.

— אַ שיינעם דאַנק, מיסטער, דאָרט וועל איך זיך שוין נאָכפרעגן.

— כ׳ווין טאַקע דאָרט ניט ווייט. אייגנטלעך וואָלט איך אייך געקענט ווייזן דעם וועג — האָט ער אַ מורמל געטאָן ווי צו זיך אַליין און זי באַגלייט די טרעפּ־אַראָפּ.

— אָה, דאָס איז זייער פיין פון אייך, מיסטער, אַ דאַנק אייך! — האָבן אירע דיקע ליפּן זיך צעעפנט אין אַ ברייטן שמייכל.

— כ׳האָב נאָך סיי־ווי אַ ביסל צייט.

— איך בין מסתּמא אויך צו פרי. וויפל איז דער זייגער? אַז מען גייט אַרבעטן אויף אַ נייעם אַדרעס, בפרט אין אַ פרעמדער געגנט, איר פאַר־שטייט, ס׳קומט אַ מאָל אויס צו זוכן, איז בעסער אַרויסצוגיין באַצייטנס פון שטוב.

— כ׳וואָלט אויך געדאַרפט אַריינגעמען עמעצן אויפצוראַמען די דירה. איין מאָל אַ וואָך מן־הסתּם.

— אויב איר ווילט, מיסטער, כ׳וואָלט געקענט קומען. אפשר מאָרגן? כ׳בין פריי מאָרגן.

— פאַר איין וועג וועל איך אייך שוין איצט קענען ווייזן וווּ איך ווױן, אויב איר ווילט. אויב איר האָט צייט אַ ווײַלע.

— אָה, פיין! אַ דאַנק! אָבער איר וועט ניט קומען צו שפּעט אין די ביזנעס? — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער סאָבוועי־ליניע איבער דער גאַס.

— נישט קיין ביזנעס. כ׳דאַרף פאָרן אויף אַ לוויה.

— אָה, איך באַדויער. אַ נאָענטער מענטש אַוודאי, אַ קרוב?

— אַזוי־אַזוי... כ׳בין סיי־ווי אַרויסגעפאָרן צו פרי. מיין פרוי איז גע־שטאָרבן מיט פיר חדשים צוריק.

— אייער פרוי אויך? כ׳באַדויער, מיסטער — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — איך באַדויער זייער!

— ס׳איז שוין דאָ באַלד — האָט ער געזאָגט און גענומען שטעלן שנעלערע טריט. זי איז געבליבן אַ ביסל הינטערשטעליק. כאַטש וואָס? מען דאַרף דאָך סוף־סוף אַ מאָל אויפרוימען די צימערן, אין קיך. אָבער מענטשן האָבן לאַנגע צינגער. אויב ער האָט מזל, איז מרס׳ סילווער גראָד אַוועק אין ביוטי־פּאַרלאָר.

ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס, פאַרלאַנגזאַמט די טריט און געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק. ווו איז זי? די לאַנגע שורה ביימער האָט זיך געגרינט מיט יונגע בלעטער. די גערטנדלעך אַרום די הייזער זיינען געווען באַדעקט מיט פרישן גראָז. ער האָט גאָרניט געוווּסט, אַז ס׳איז שוין אַזוי ווייט אין פרילינג! אין די ביינער איז אים נאָך אַלץ געלעגן דער פאַרגאַנגענער ווינטער: פריִע אָוונטן, שניי, זאַווערוכעס, לאַנגע נעכט, אַ קאַלטע בעט. ווו איז זי? דאָ און דאָרט האָבן פאַרמאַכטע בלומען־קנאָספּן זיך געשאָקלט אויף דינע שטענגלעך. די זון האָט געשיינט העל און אים געוואַרעמט די פּלייצע. זי איז דערשינען אויפן ראָג. די ווייסלען פון אירע אויגן האָבן אַ העל געטאָן פון דער ווייטנס.

אין האָל פון הויז האָט ער אַ ווײַלע צוגעוואַרט. ער איז אַרויף צום ערשטן גאָרן, האָט געעפנט די טיר און איז שטיין געבליבן הינטערן שוועל. זי האָט זיך דערנענטערט מיט שטילע טריט און זיך אַריינגעשאַרט אינעווייניק אויף די שפּיץ־פינגער כמעט. צווישן די פיר ווענט איז געהאַנגען אַ שווערע טונקעלע לופט. די פענצטער זיינען געווען פאַרמאַכט, די ווענעציאַנער לאָדנס אַראָפּגעלאָזן און דער גאַנצער אַרום פאַרשטויבט. דער טיש אין עסצימער איז געווען אָנגעשטעלט מיט גלעזער און טעפּעלעך, אַ פענדל, גאָפּל־מעסער, שיריים פון מאָלצייטן. איבער די שטולן זיינען געהאָנגען רעקלעך, גענוצטע העמדער, וועש, סקאַרפּעטקעס.

זי האָט באַטראַכט דעם מושב מיט אַן אויג פון אַ פאַכמאַן און האָט אַ שפּרייז געטאָן צו דער קיך. דורך דער אָפענער טיר האָט מען געזען אַ סטויג ניט־געוואַשענע כלים אָנגעטורעמט אין וואַשבעקן און אַ טעפּל מיט

פאַרטריקנטער זופּ אויפן גאַז־אויוון. זי האָט פאַרלייגט די דלאָניעס אויף די באָקעס:

— די דירה בעט זיך אַ גרינטלעכע טשיסטקע! — האָט זי גע׳פּסק׳נט.

— יאָ, ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט — האָט ער אַ מורמל געטאָן מיט התנצלות.

— נישקשה, מ׳עט זיך אַן עצה געבן — האָבן אירע אויגן אַ שמייכל געטאָן צו אים. ער האָט געעפנט די טיר צום שלאָפצימער. דאָס בעטגע־וואַנט איז געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן ברייטן בעט, די ליילעכער גרוי, דער קישן צעקנייטשט. פון אונטער אַ שטול האָט אַרויסגעקוקט אַן איבערגע־קערטער פּאַנטאָפל.

— לאָמיר כאָטש אויף שנעל צובעטן דאָס בעט! — האָט זי געזאָגט און זיך גלייך גענומען צו דער מלאכה: אַראָפּגענומען דאָס בעטגעוואַנט, געקלאַפּט, אויסגעשפּרייט די ליילעכער, געגלעט. אירע אָרעמס האָבן זיך פלינק באַוועגט. פון מאַטראַץ איז אויפגעשטיגן אַ וואָלקן שטויב, וואָס האָט זיך געווירבלט ווי אַ זייל אין די שיטערע זונשטראַלן, וואָס האָבן אַריינ־געשיינט דורך די שפּאַלטן פון די ווענעציאַנער לאָדנס. איינגעבויגן איבערן בעט, האָבן אירע היפּטן, פולע און רונדע, זיך צעהוידעט ווי אין אַ טאַנץ. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן צו איר ווי דורך אַ נעפּל און פון הינטן־אַרום פאַרוואָרפן די אָרעמס אַרום איר טאַליע. זיינע פינגער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן צו איר בוזעם. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— ניין, מיסטער, ניין! — האָט זי זיך אויסגעגלייכט און זיך אויסגע־דרייט מיטן פּנים צו אים.

— קום, לאָז מיר!

— וואָס איז געשען? — האָט זי אָנגענומען זיינע הענט אין אירע פעסטע דלאָניעס — ניין, ניט איצט!

— זייט גוט! קום! — האָט ער זיך געטוליעט צו איר.

— איר׳ט נאָך פאַרשפּעטיקן צו דער לוויה, מיסטער! — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

זי איז געווען שטאַרקער און געהאַלטן זיינע אָרעמס ווי אין צוואַנגען. „לאָזט מיך צו־רו!" — האָט זי אַ רעד געטאָן ערנסט, מיט לייכטן רוגז — „נישט צוליב אָט־די זאַכן בין איך געקומען אַהער".

זי האָט אים לייכט אָפּגעשטויסן און זיך אַ שאַר געטאָן אין אַ זייט:

— די מיסיס איז אויף יענער וועלט, לאָזט איר זיך דאָ ווילגיין, וואָס?

— האָט זי אים אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין.

ער איז געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט זיך אַ ווילע אַרומגעקוקט איבערן צימער:

— כ'וועל ליבערשט איבערבייטן די ליילעכער, ס'איז שוין צייט! — האָט זי אַ רעד געטאָן מעשה באַלעבאָסטע. זיין תּאווה צו איר האָט איר געגעבן מאַכט איבער אים.

— יאָ, גוט... — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— וווּ איז דאָס פרישע בעטצייג?

— דאָרט, מן־הסתם — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ וואַנטשראַנק מיט שפּיגלטירן. ער איז אַלץ געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, אָפּהענטיק.

— נו, יאָ, אַזוי איז די וועלט! וואָס זאָל מען טאָן? — האָט זי אים געטרייסט און אַ שפּרייז געטאָן צום שראַנק.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ בינטל שליסלען.

— איר האָט אַ מאַן? — האָט ער געפרעגט.

— צוויי קינדער.

— און דער מאַן?

— געווען, אַוועק.

— וווּהין?

— דער גוטער יאָר ווייסט אים — האָט זי אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען — אַוועק, נעלם געוואָרן. וואָס איז דער אונטערשייד? ער האָט סיי־ווי ניט געבראַכט קיין סענט אַהיים. גע'שיכּור'ט, פרעמדע ווייבער. כ'האָב שטענדיק געמוזט פּראַצעווען, אַליין פאַרדינען פאַר די קינדער.

— ווי רופט מען אייך?

— לוסי — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט וואַרעמקייט אין בליק. זי האָט אויפגעשלאָסן דעם שראַנק און צעעפנט די טירן:

— ווי וואונדערפול! — האָט זי אויסגערופן מיט התפעלות — גאָט אין הימל, דזשיזוס, גיב נאָר אַ קוק!

בעקי איז ניט געווען קיין אויסברענגעריין, פּאַרקערט, זי האָט זיך לאַנג מיישב געווען איידער זי האָט איינגעקויפט אַ קלייד — אַלץ פאַר די קינדער!

— אָבער נאָך זעלטענער האָט זי זיי געטראָגן (ווען? אין סטאַרקע אפשר?) און ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט.

לוסי האָט געגלעט דאָס קלייד, וואָס איז געהאָנגען פאַרנט: אַ קלייד פון שרײַיאַיק־העלן בעיזש מיט אַ ברוינעם זוים ביים דעקאָלט. אירע לאַנגע פינגער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ווי אַ טונקעלער ראַנד אויפן העלן געוואַנט.

— ס׳איז שיין, איאָ? — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ.

ס׳איז געווען אַ ניי קלייד, בעקי האָט עס נאָר איין מאָל געטראָגן, צו בעניס בר־מצווה, צום ערשטן און צום לעצטן מאָל.

— אויב עס פּאַסט אייך, קענט איר עס נעמען.

— איר מיינט עס? באמת? — האָט זי אים אָנגעקוקט. די ווייסלען פון אירע אויגן זיינען ווי גרעסער געוואָרן.

— יאָ, וואָס זאָל עס דאָ הענגען? איז אויב עס פּאַסט אייך —

— אַ דאַנק אייך, מיסטער, אַ דאַנק. כ׳על עס אָנמעסטן, גוט?

— אָ׳ קעי.

לוסי האָט אַרויסגענומען דאָס קלייד פון שראַנק און שווייגנדיק גע־וואַרט ביז ער האָט שפּרייז געטאָן אין אַ זייט און זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן. זי האָט זיך שנעל אויסגעטאָן. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, איז זי געשטאַנען פאַר דער שפּיגלטיר און זיך באַטראַכט פון אַלע זייטן. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפנט אין אַ שמייכל. דאָס קלייד איז געווען צו קורץ און צו ענג, און האָט בולט׳ער געמאַכט די רונדקייטן פון אירע גלידער — ס׳האָט אים אַזש פאַרשלאָגן דער אָטעם. זי האָט דערשפּירט איר כּוח און זיך דערפילט היימיש:

— איר קענט מיר געבן אַ שטיקל פּאַק־פּאַפּיר אָדער אַ טאַרבקע? — האָט זי געזאָגט — כ׳קען דאָך ניט קומען אַזוי צו דער אַרבעט.

— יאָ, גלייך — האָט ער זיך געלאָזט גיין אין קיך.

ווען ער איז צוריקגעקומען איז זי געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, דאָס קלייד פאַרריסן הויך איבער די הענט. איר קאָפּ איז שטעקן געבליבן אין דער ענגער עפענונג — נישט אַהין און נישט אַהער, און איר אַנטבלויזטער קערפער האָט זיך געצאַפּלט, ווי אין אַ נעץ.

— אָה, מיסטער, כ׳האָב זיך פאַרפּלאָנטערט! — האָט זי אַ לאַך געטאָן, דערהערנדיק זיינע טריט.

— לאָזט, כ׳וועל אייך העלפן — האָט ער אַ שפּרייז געטאָן צו איר.

— אָבער פאַרזיכטיק! צערייסט ניט!

ער האָט געפילט דעם ציטער פון אירע היפּטן אַנטקעגן זיין שויס, און זיינע פינגער, אויסגעהונגערטע, האָבן זיך אומגעדולדיק אַ גליטש גע־טאָן איבער איר לייב. זי האָט אים נישט אָפּגעשטויסן:

— אָלל־ראַיט, מיסטער, אָלל־ראַיט, אָבער וואַרט אַ ווײַלע, וואַרט, כ׳וועל זיך נאָך דערשטיקן! — האָט זי אַ הירזשע געטאָן, און איר הילכיק כאַכאָטשען איז דערגאַנגען ווי פון אַ פּוסטער פאַס. איר קאָפּ האָט זיך פאַ־מעלעך אַרויסגעשאַרט פון געוואַנט. זי האָט אַלץ געלאַכט. „נו גוט, אָלל־ראַיט" — האָט זי געזאָגט — „אָבער לאָזט מיר צו ערשט מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג".

זי האָט באַזאָכט און מיט כוונה צונויפגעלייגט דאָס קלייד און עס פאַר־האַנגען איבער אַ שטול. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר.

— ווי רופט מען דיך? — האָט זי געפרעגט.

— מאָריס.

— אָ׳ קעי, מאָריס, אָבער אויף גיך, מיר האָבן ניט קיין סך צייט — האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט.

זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום בעט און אויסגעגלייכט די ליילעכער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אין אַ הינערפלעט. ס׳איז אים אַלץ פאַרגעקו־מען אומגעריכט: סתּם אַזוי, אין אַ מיטן מיטוואָך אין דער פרי, ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טוב. זי האָט זיך שנעל צעהיצט. „דו אַלטער נאַר, מאָריס!" — האָט זי אים גערופן מיט ליבשאַפט. איר קערפער האָט זיך ווי צעגליט — ווי אַן אויפגעפלאַקערטע קויל. „דו האָסט מיך ליב, מאָריס?" אין איר היץ האָט זי אויך די בושה אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און באַלד איז זי

אַרויס מיט אַ מענה־לשון, וואָס ער האָט זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, אַז אַ פרוי קען אַזעלכע ווערטער ברענגען פאַרן מויל. אירע ווערטער האָבן אַרויס־געריסן טריפה׳נע פאַרשטעלונגען און האָבן ווי פותר־חלום געוועזן פאַר־באַרגענע גלוסטעניש, וואָס האָבן געדרימלט אין אים. ווען ער איז שוין געווען נאָך אַלעמען, האָט זי ערשט געהאַלטן ביי „מה טובו״. זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזט פון זיך:

— וואַרט! זאָג אַז דו האָסט מיך ליב, מאָריס! זאָג עס! איצט!

— לאָז מיך אָפּ! כ׳וועל פאַרשפּעטיקן — האָט ער זיך געבעטן.

— מילא, דער בר־מינן וועט ניט אַנטלויפן! — האָט זי כאַכאָטשעט.

„כ׳וועל שוין קומען נאָכן ׳מלא׳״ — האָט ער געטראַכט בעת ער האָט צוגעפּראַוועט זיינע בגדים, און אַ ניגון פון אומעט און געבעט איז אויפגע־גאַנגען אין זיינע אויערן. לוסי האָט איינגעפּאַקט דאָס קלייד אין דער טאָרבקע.

— זאָל איך קומען מאָרגן? — האָט זי געפרעגט.

זי איז אים איצט געווען פריקרע. דער כּישוף איז אויסגערונען. ער האָט זיך געפילט ווי אַן אויסגעלאָשענע האַליוועשקע.

— מאָרגן וועל איך מסתּמא זיין פאַרנומען — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— ווען־זשע?... כ׳מיין ווען אויפרוימען די צימערן — האָט זי צוגע־דעקט דאָס געלעכטער און גערעדט ניכטער — איך האָב ניט קיין טעלעפאָן, איז אויב איר ווילט, וואָלט איך אייך געקענט אָפּרופן, דאָ אָדער אין די ביזנעס.

זי האָט פאַרצייכנט דעם נומער אויפן ראַנד פון דער טאָרבקע און איז אַוועק צו ערשט, אַליין. מאָריס האָט זיך נאָך געזאַמט אַ ווײלע. אין סאָבוועי איז ער באַלד אַנדרימלט געוואָרן. דער צוג האָט זיך געיאָגט צווישן הייזער און ביימער און איז פאַרשלונגען געוואָרן אין אונטערערדישער חשכות. הויך, איבער די וואַסערן פון איסט־ריווער, איז ער האַלב־וואַך געוואָרן. קעגנ־איבער האָבן זיך געהויבן די וואָלקנקראַצער פון דאַון־טאַון מאַנהעטן. די פאַרלאָפענע איבערלעבונג איז אים פאַרגעקומען האַלב־חלום ספק־וואָר.

אויף דער פרייער לופט פון יוניאָן־סקוועיר האָט ער זיך אויסגעטשו־כעט. אַ שאַרפער הונגער האָט אים אָנגעהויבן נאָגן אונטערן האַרצן. דער

זייגער אויפן טורעם איבערן סקווער האָט געוויזן, אַז ס'איז שוין שפּעט. אויפן ראָג פון דער 14טער גאַס האָט ער שטייענדיק אַראָפּגעשלונגען אַ „פראַנקפורטער" ביי אַ געשטעל און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז אָראַנזשאַדע. ביים ראָג פון דער דריטער עוועניו האָט דער יצר־הרע אים אָנגערעדט צו נעמען אַ „מוציא" פּיצאַ. די פּיצאַ איז געווען הייס, ער האָט זיך גענומען בייסן אויף שנעל, האָט אָפּגעבריט די צונג און געמוזט קייען פּאַוואָליע.

אין האָל פון „פּיונעראַל־פּאַרלאָר" איז געהאָנגען אַ געדעמפּטע שטיל־קייט. דיקע טעפּיכער פון וואַנט צו וואַנט האָבן פאַרשלונגען דעם גערויש פון טריט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז צוליב דער בהלה האָט ער פאַרגעסן אָנצוטאָן אַ הוט. אַ מאַן ביי דער טיר האָט אים דערלאַנגט אַ שוואַרצע פּאַפּירענע יאַרמלקע, געפרעגט דעם נאָמען פון בר־מינן און געוויזן דעם וועג. אין „טשאַפּל" זיינען עטלעכע מנינים מענטשן געזעסן אויף לאַנגע, שווערע בענק, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַ היימישער שול. פאַרנט, אויף אַ בימה, האָט זיך געשאָקלט אַ טונקעלע סילועט און גערעדט מיט אַ ניגון. מאָריס האָט זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקל אויף דער הינטערשטער באַנק, איינגעקורטשעט די אַקסלען און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער מספּיד האָט אויפגעציילט די מעשים־טובים פון נפטר. ער האָט גערעדט אויף יידיש פאַרמישט מיט ענגליש און פאַרענדיקט אויף אַראַמעיִש: חבל על דאבדין ולא משתכחין. מאָריס האָט פּאַוואָליע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט מיט אַן אומזיכערן בליק, ווי אַ שולדיקער. צווישן עולם זיינען געווען אַ סך באַקאַנטע פּנים'ער. מען האָט זיך באַגריסט פון דער ווייטנס אויף שטום־לשון, מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. זיי האָבן פון גאָר־ניט ניט געוווּסט, קיינער ניט! — האָט ער פריידיק אָפּגעאָטעמט.

מענדל מאַלאַמוד איז געזעסן אויף דער בימה צווישן די חשוב'ע לאַנדסלייט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן צו מאָריס'ן מיט אַ ברעם. זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט אומעט, געמישט מיט שרעק. אַ נצרך, נעבעך, זיך נאָך אַלץ ניט דערשלאָגן צו קיין מעמד אין אַמעריקע... — האָט מאָריסן אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן — זיך אויסגעוואַלגערט ווו די וועלט האָט אַן עק, איז ניצול געוואָרן על־פּי נס... אַ טאַטנס אַ קינד, מענטשן האָבן נאָך געדענקט דעם טאַטן זיינעם פון דער אַלטער היים: אַ שיינער ייד געווען,

מיט אַ „שטאָט" אויפֿן „מזרח" און אַ חזקה אויף מפטיר־יונה. און דאָ, אין אַמעריקע, האָט מענדל געזוכט מיט וואָס צו פֿאַרטשעפּען די הענט, זיך תחילת גענומען קהל'ן ביי די לאַנדסלייט „אַנשי פֿאַדלאַסיע", די שול, טשאַ־ריטיס, אַפּילס, מושב־זקנים, געהאַלטן רעדעס, און סוף־סוף זיך גענומען פֿאַרקויפֿן „מיוטשועל פֿאַנדס".

פֿון דער בימה האָט מען אויפֿגערופֿן דעם רב פֿון דער שול „שבת אַחים אַנשי פֿאַדלאַסיע", ווו דער נפֿטר איז געווען אַ מתפּלל זינט כּמה יאָרן. אַן איינגעבויגענער, אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטער גרויער באָרד, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט צווײ שפּיצן, איז ער צוגעגאַנגען מיט דריבנע שריט צום שטענדער פֿאָרנט און זיך צעשאָקלט ווי אַ זאַנג אין שטורעם. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ צעצויגענעם ניגון: „אשרי תמימי דרך", האָט פֿאַרשלונגען אין אײַלעניש עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, און זיך גענומען דרש'ענען אויף יידיש אַ לשון־קודש'דיקן פּסוק:

עס שטייט געשריבן: צדק לפניו יהלך וישׂם לדרך פעמיו — איז וואָס־זשע מיינט עס? שטעלט אייך פֿאָר, אַז אַ מענטש קומט אין אַ ווייטער, פֿרעמ־דער שטאָט, גייט ער נעבעך אַרום אַן איינזאַמער און עלנטער, ער ווייסט ניט וואָס איז ווו, ווו מען גייט און ווו מען עפֿנט אַ טיר. איז וואָס איז דער גרעסטער חיות באַ'ן אים? דער גרעסטער חיות באַ'ן אים איז, אַז ער טרעפֿט אַן אַלטן ידיד, אַ גוטן פֿריינד, וואָס לעבט אין דער שטאָט, און דער ידיד זיינער ווייזט אים דעם וועג: ווו מען קערט זיך און ווו מען ווענדט זיך. איז שטעלט אייך פֿאָר, אַז די נשמה קומט אויף יענער וועלט, אין אַ ווייטער, פֿרעמדער וועלט, איז זי נעבעך איינזאַם און עלנט, זי ווייסט נישט ווו מען קערט זיך און ווו מען ווענדט זיך, ווו מען עפֿנט אַ טיר, ווו איז דער גן־עדן — איז קומט דער צדק און נעמט זי אָן ביי דער האַנט און פֿירט זי. איז אַז צדק לפניו יהלך, אַז דער צדק גייט איר פֿאָרויס, ישׂים לדרך פעמיו: לאָזט זיך די נשמה אין וועג אַריין.

און ווער איז דער צדק? דאָס זיינען די מצוות און מעשׂים טובים, וואָס דער מענטש טוט אויף דער וועלט — האָט ער אויסגעפֿירט מיט אַ ניגון און זיך גענומען אויסרעכענען די מצוות און מעשׂים טובים פֿון נפֿטר.

און דאָס קלייד, וואָס ער האָט געשענקט לוסין? — איז מאָריסן דורכ־געלאָפן דורכן געדאַנק — אפשר איז עס פון דעסטוועגן געווען אויך אַ שטיקל מצווה? אַן אָרעמע גויה, אַ שוואַרצע, נעבעך, מוז גיין האָרעווען צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר די קינדער...

דער רב האָט זיך פאַררעדט און דערווייל איז משמעות אָפּגעלאָפן די צייט אין „טשאַפּל", און פאַר מענדל מאַלאַמודן זיינען געבליבן נאָר געציילטע מינוטן. ער האָט באַוויזן צו זאָגן אַ פּאָר שבחים פאַרן נפטר און האָט אויסגעפירט, אַז אָט־אַזעלכע יידן זיינען עס געווען די יידן אין דער אַלטער היים — בית־מדרש, תּורה, צדקה, מעשׂים טובים — און ווער ווייסט, צי דאָ, אין אַמעריקע, וועלן נאָך אויפוואַקסן אַזעלכע יידן.

מען האָט אַרויסגעפירט די מיטה. די פּאַרוויינטע משפּחה האָט געשפּרייזט פּאַוואָליע הינטערן אָרון. נאָענטע קרובים זיינען מיטגעפאָרן אויפן בית־עלמין. דער עולם האָט נאָך אַ ווײַלע געשמועסט אויפן טראָטואַר פאַרן הויז. מאָריס האָט זיך געקווענקלט, צי ער זאָל גלייך צוריקפאָרן קיין ברוקלין, אָדער צו ערשט ערגעץ אַריינגיין און עפּעס נעמען אין מויל. פון ערגעץ־ווו איז נעבן אים אויסגעוואַקסן מענדל:

— העללאָו מר׳ קליינמאַן — האָט ער אים געגעבן שלום — מען זעט אייך אַזוי זעלטן, מאָריס. מיר וואָלטן געדאַרפט אַ שמועס טאָן, אויב איר האָט אַ מאָל אַ מינוט צייט.

— מהיכי־תּיתי, אַפילו באַלד — האָט מאָריס מסכּים געווען — ווייסט איר גאָר וואָס, כ׳וואָלט זיך געוואָלט אַריינכאַפּן ערגעץ־ווו אָפּכאַפּן ס׳האַרץ. אַזש פון ברוקלין, אַזאַ מהלך וועג.

— אדרבא ואדרבא. כ׳דאַרף נאָר אַ רעד טאָן אַ ווײַלע מיט מר׳ גאָלדשמיד, כ׳האָלט שוין מיט אים אויף אַ דרך, אָט־אָט. ס׳קען זיך אָבער פאַרציִען אַ ווײַלע, כ׳מיין... — האָט מענדל זיך מיישב געווען אויפן קול — איר פאַרשטייט, מר׳ גאָלדשמיד איז אַ ייד אַ גביר, אַ מיליאָנער, שטענדיק פאַרנומען, ביזנעס, מעשׂה׳ס, ריעל־עסטעיט, איז ווו קענט איר אים כאַפּן אויב נישט אויף אַ לוויה? און אַז כ׳האָלט אים שוין יאָ אַ מאָל ביי דער פּאָלע... איר ווייסט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? גייט אַריין אין גליקסבוימס

רעסטאָראַן, טאַקע דאָ אַנטקעגן, און נעמט עפּעס דערווייל אין מויל. אַ כּשר׳ער רעסטאָראַן, פרישע מאכלים, פון שענסטן און פון בעסטן.

— פיין, כ׳וועל צוואַרטן אין רעסטאָראַן — איז מאָריס אים אַנטקעגנגעקומען. דער צדק האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אַריבערגעפירט איבער דער עוועניו און צוגעפירט צו דער טיר פון גליקסבוימס רעסטאָראַן. אין גרויסן עסזאַל איז געווען לעבעדיק, ס׳רוב טישלעך באַזעצט, די לופט פול מיט גערייד, געלעכטער און ציגאַרן־רויך. מאָריס האָט זיך ראשית־כּל געלאָזט גיין אין אַ בודקע הינטן, כּדי צו טעלעפאָנירן דעם באָי אין סטאָר, מילטאָנען, אַז ער וועט זיך היינט אַ ביסל פאַרזאַמען. געמיינט האָט ער, אַז ער ט׳זיך נאָר צוכאַפּן אַ ווײַלע אויף אַ לוויה, און אויסגעלאָזט האָט זיך אַ גאַנצע חתונה! מילא, ער וועט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן, ער איז ניט קיין איבערגעשפּיצטער, מילטאָן, אָבער דערפאַר האָט ער אויך ניט קיין שׂכל צו גנב׳ענען.

ער האָט געפונען אַ פריי אָרט אויף אַ ווייכן געזעס אין אַ ווינקל. אויפן מעניו איז געשטאַנען פון כּל־טוב, שבת־יום־טוב׳דיקע פּאַטראַוועס אין מיטן דער וואָך: קרעפּלעך, געפילטע פיש, „פּאָטעיטאָ"־לאַטקעס, געפילטע קישקע, בלינצעס און עוף און אַלערליי פליישן מיט שאַר־ירקות. ס׳איז עפּעס היינט אַ טאָג פון שפע! — איז אים איינגעפאַלן, און אין זיין דמיון איז אויפגעשטיגן לוסיס געשטאַלט: דער שפע פון איר ליַיב, די איבערראַשונגדיקע גלידער, דאָס פעטע מענה־לשון. און מיט אַ מאָל איז אים פאַרגעקומען, אַז אַ גאַנץ לעבן האָט מען אים ווי אָפּגענאַרט, ווי עפּעס נישט דערלייגט צו דער וואָג, אַ שטייגער.

— איר ווילט עפּעס באַשטעלן? — האָט ער דערהערט די שטים פון אַ קעלנער, וואָס איז געשטאַנען איבער אים מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט.

— יאָ... זאָל זיין קרעפּלעך.

— געפּרעגלט אָדער געקאָכט?

— מיט זופּ.

פון טעלער זופּ־מיט־קרעפּלעך האָט געשלאָגן אַ הייסע פּאַרע. דער קעלנער איז געשטאַנען מיטן אָפענעם נאָטיץ־ביכל, אַ בלייפעדער אין דער האַנט:

— איר וועט באַשטעלן נאָך עפּעס?

— יאָ, שור... ס'הייסט, אַ ביסל שפּעטער. כ'וואַרט אויף עמעצן, וועלן מיר שוין עסן צוזאַמען.

ער האָט געוואָלט זיין גוט צו מענטשן און באַשטעלן פאַר מענדל מאַלאַ־מודן אַ פיינע סעודה. זאָל ער אויך אַ מאָל הנאה האָבן פון לעבן! אַפילו מיט מרס' מילי סילווער האָט ער איצט געהאַט איינזעעניש. אַן אַלמנה, נעבעך, אייניקע אַליין! — האָט ער אַ ביס געטאָן פון אַ קרעפּל און זיך געמנומען מלמד־זכות זיין — פון נחת לויפט זי דען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אין „ביוטי־פּאַרלאָר"? נאָר גאַרניט, וואָס טוט ניט אַ פרוי, כּדי צו „קעטשן" אַ מאַן? און ווי עס ווייזט־אויס, האָט זי באמת אַ גוט האַרץ.

ביי די אַרומיקע טישלעך איז שיטערער געוואָרן. דער עולם איז זיך צעגאַנגען. ער האָט פאַרענדיקט די זופּ און אַ שלעפעריקע וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען איבער זיינע גלידער. אַ בענקשאַפט איז אויפגעגאַנגען אין אים, געמישט מיט זעונגען פון דער אומגעריכטער איבערלעבעניש. און טאָמער קומט זי מער ניט? — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ געטאָן. אַפילו איר אַדרעס האָט ער דאָך ניט — האָט ער דערפילט אַ שאַרפן פאַר־דרוס. לאחר־המעשה איז ער געווען איבערזעטיקט, אָבער איצט? אָן אומרו איז אים באַפאַלן, ווי לוסי וואָלט אַ שטייגער געווען די איינציקע פרוי אין גאַנץ ניו־יאָרק. זי האָט דאָך אָבער גענומען זיין טעלעפאָן — האָט ער זיך געטרייסט — זי וועט זיכער אָפּרופן!... און טאָמער ניט?

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן. זי וועט קומען!... און טאָמער ניט?... דער צדק, אין דער געשטאַלט פון אַ הויכן מאָגערן מלאך, איינגע־הילט אין אַ כאַלאַט פון מצוות און מעשׂים־טובים, האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט איבער די וואָלקנקראַצער פון מאַנהעטן ביז צו די געצעלטן ביים טייך הארלעם. ער האָט געוואַנדערט דורך גרויע גאַסן, פאַרביי אָפּגעבליאַקעוועטע הייזער און טונקעלע פּנימ'ער. מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און ער האָט דערזען לוסין הויך אויף אַ פייער־לייטער ביים 18טן גאָרן פון אַ פאַרסאָזשעטער געביידע. איר פּנים האָט ער ניט געזען; זי האָט אַרויפגעצויגן בעקיס ניי קלייד איבער אירע פאַררויסענע אָרעמס. הינטער איר איז געשטאַנען מענדל מאַלאַמוד — אַ לאַנגער, אַ

דאַרער, מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ים מיט דאגות און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין אַ שטומען געשריי: „נו?"

— נו, איר האָט געכאַפּט אַ דרימל? — האָט ער דערהערט מענדלס קול נעבן זיך. ער האָט געעפנט די אויגן און איז אויפגעשפּרונגען אויפן געזעס.

— ניין... ס'הייסט...

— שטערט אייך ניט, מר' קליינמאַן, אַ דרימל אין מיטן טאָג איז גוט פאַר די נערוון, זאָגן דאָקטוירים.

מאָריס האָט זיך אויסגעטשוכעט און האָט אַ ווונק געטאָן צום קעלנער:

— לאָמיר ראשית־כל עפּעס באַשטעלן — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל נאָר עפּעס טועם זיין, אַ קלייניקייט — האָט געזאָגט מענדל.

— לאָזט געמאַך! — האָט מאָריס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך בין אייך מכבד, גוט? על חשבון הגביר! ס'איז ביי מיר היינט אַ טאָג... אַ טאָג אַזאַ... ווי זאָל איך אייך זאָגן?... זאָגט מיר, מענדל, איר קומט דאָך אָקערשט פון דער אַלטער היים: איר גלויבט עפּעס אין תחית־המתים?

מענדל מאַלאַמוד האָט זיך געקווענקלט: איז תחית־המתים גוט פאַר „מיוטשועל פאַנדס" אָדער ניט? דערווייל איז צוגעקומען דער קעלנער מיטן אָפענעם ביכעלע אין דער האַנט. מאָריס האָט באַשטעלט געפילטע פיש מיט כריין, עוף מיט צימעס און אַ „פּאָטעיטאָ"־לאַטקע, כרעמדזלעך און קאַווע:

— אַלצדינג טאָפּלט. פאַרשטייט זיך — האָט ער געזאָגט — און דערנאָך וועלן מיר זען וויי‍טער.

מענדל האָט געטונקט פּאַוואָליע שטיקלעך פיש אין כריין און האָט מעשה־פּאָליטיקער אָנגעהויבן רעדן הינטער־אַרום, וועגן זייטיקע זאַכן: וועגן די מעלות פון נפטר און, להבדיל בין חיים למתים, וועגן דעם פּרעזידענט פון דער „סאָסייעטי", און באַלד האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין פּאָליטיק ממש: וועגן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, וועגן בן־גוריון, אַראַבער, קאָמוניסטן, רוסלאַנד, בוידעם, קלאָץ. ביים עוף האָט מאָריס אים איבערגעהאַקט:

— און וואָס איז מיטן פּלאַן? כ'מיין די „מיוטשועלס"?

— אָה? — איז מענדל געוואָרן איבערראַשט. ס'איז אים פאַרגעקומען ווי אין פּסוק שטייט: „ויפתח ד' את פי האָתון", דער קאַסטימער איז גאָר אַרויס מיט לשון.

ער האָט אָפּגערוקט די טעלער אין אַ זייט און זיך גענומען דערציילן די שבחי־ה'מיוטשועלס: דיווערסיפיקאַציע און אַקומולאַציע פון דיווידענדס, מיט פאַרזיכערונג אָדער אָן פאַרזיכערונג, „וועלינגטאָן" האָט זיך פאַרטאָפּלט, „דרייפוס" איז לעילא ולעילא, מען קען אויך אויסקלייבן „עלעקטראָניקס און טעלעוויזיע", „אַטאָמיקס און פיזיקס", כּל המינים. מאָריס האָט צוגע־הערט מיט אַ האַלבן אויער. ראשית, האָט ער עס שוין אַלץ געהערט אַ טוץ מאָל; והשנית, האָט ער שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך וואָס און וויפל:

— אַ צען־יאָר־פּלאַן, פופציק דאָלער אַ חודש, מיט פאַרזיכערונג, אַלל־ראַיט? — האָט ער עס געמאַכט בקיצור.

— זייער פיין, זאָל זיין מיט מזל! — האָט מענדל אים צוגעווונטשן — איר פאַרשטייט, מאָריס, דער פּלאַן איז... — האָט ער פון דעסטוועגן גע־וואָלט פאַרענדיקן זיין צוגעגרייטע רעדע. ס'איז אים אָבער, משמעות, ניט באַשערט געווען צו האַלטן רעדעס אין יענעם טאָג. מאָריס האָט אים ווידער איבערגעהאַקט:

— איר האָט ביי זיך די פאָרמולאַרן?

אַ שיינע מעשה: צי ער האָט ביי זיך די פאָרמולאַרן?! ער האָט אַרויס־געלייגט עטלעכע פאַפּירן אויפן טיש און זיך גלייך גענומען אויספילן די נייטיקע רובריקן. מאָריסעס שנעלע קאַפּיטולאַציע איז אים פאָרגעקומען אַ ביסל פאַרדעכטיקט: אָה, ער איז אפשר אויסן די פאַרזיכערונג! אפשר איז ער ניט מיט אַלעמען? אָבער מילא, זאָל זיך די קאָמפּאַני זאָרגן! קנאַפּ מיליאָנען פאַרדינען זיי?

— איר פילט זיך דאָך געזונט, מר' קליינמאַן, אמת? — האָט ער אַ פרעג געטאָן פון יוצא וועגן, ווען ער איז צוגעקומען צו די שאלות וועגן קליענטס מיחוש'ן.

חנן איאַלטי

— נישט צו פאַרזינדיקן, הלוואי וויטער! — האָט מאָריס אַ שמייכל געטאָן. ער האָט גע׳חתמ׳עט צוויי מאָל די פאָרמולאַרן און אויסגעשריבן אַ טשעק. מענדל האָט גענומען דעם טשעק און האָט אַ זופּ געטאָן פון דער שוואַרצער קאַווע:

— זאָל זיין מיט הצלחה — האָט ער געזאָגט.

— אָמן, גם אַתּם! — האָט געזאָגט מאָריס קליינמאַן.

פאר דעם
צוקונפטיקן היסטאָריקער

פריינדיני בוירטאַ „צום וואָהל אַמבעסטן" איז געווען אַ געטרייע פריינדיני, מען קען אַפילו זאָגן אַ זייער געטרייע פריינדיני. אַלע אירע יאָרן האָט זי באַלאַנגט צו דער באַוועגונג: צו די ברענטשעס און דיוויזיעס, צו דער באַזאַר־קאָמיסיע און שול־קאָמיסיע און דער קולטור בכלל. זי האָט געקאָכט הינדעלעך פאַר באַנקעטן, איז געווען אַ שטענדיקע באַזוכערין פון „לעקטשורס" און „אָפּן פאָרומס", איז געגאַנגען צו אַלע ראַלליס און איז אַפילו צוויי מאָל אין איר לעבן געפאָרן אויף קאָנווענשאָנס.

פריינדיני בוירטאַ האָט געטאָן אַלע אַרבעטן צו איר „וואָהל אַמבעסטן": אַז בוירטאַ איז אַרויס זאַמלען פעקלעך פאַר אַ באַזאַר, זיינען שוין געוואָרן פעקלעך און ס'איז שוין געווען אַ באַ זאַ ר; די גאַנצע דרייצנטע עוועניו האָט געגעבן פעקלעך. און אַז בוירטאַ איז אַרויס פאַרקויפן טיקעטס — און טיקעטס האָט זי שטענדיק פאַרקויפט — האָט די גאַנצע דרייצנטע עוועניו געקויפט טיקעטס. ביי בוירטאַן איז ניט געווען שייך צו זאָגן „זיי ווילן ניט קיין טיקעטס!" פון כשר־בוטשער און דעם קענדי־סטאָר אויפן ראָג איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אָבער אַפילו דער אַלטער וויטאָריני, דער איטאַליענער פון גרינסגעשטעל, וואָס אין פישמאַרקעט, האָט אויך גענומען ביי בוירטאַן אַ טיקעט צום פורים־קאָנצערט אָדער גאָר צו אַ לעקטשור וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ קאָנצערט פון ספּעציעלע ניו־יאָרקער „קרעפּטן".

זי האָט געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן, אָבער גערעדט אויף מיטינגען האָט פריינדיני בוירטאַ דווקא קיין מאָל ניט, ס'הייסט, אַז מען וויל קען מען

זאָגן, אַז זי האָט יאָ געװעדט און טאַקע ביי יעדן מיטינג; זי האָט אָבער קיין מאָל ניט גענומען קיין וואָרט סתּם צו דער טאָג־אָרדענונג — נאָר צו איין פּונקט האָט זי בטבע גענומען אַ וואָרט: צום לעצטן פּונקט, ס'הייסט צום פּונקט פון „צום וואָהל אַמבעסטן".

אָט אַ שטייגער אַנומלט, ס'איז געווען פאַרן פייערלעכן זיבעצנטן יאָר־לעכן באַנקעט: ווי דער שטייגער, איז די טאָג־אָרדענונג געווען אַ זייער ב'יזי טאָג־אָרדענונג — מיט איינלאַדונגען, טיקעטס, קרעפּטן, רעדנער־ליסטע, מעניו און דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, איר ווייסט דאָך — און קוים אַרום צוועלף אַ זייגער איז מען קוים מיט צרות אַדורכגעקראָכן אַלע פּונקטן, הייבט זיך אויף פריינדיני בוירטאַ און זי בעט אַ דרינגנדיק וואָרט צום פּונקט פון „צום וואָהל אַמבעסטן" און זי זאָגט אַזוי:

— פריינדיני טשערליידי, פריינדע און פריינדיניס! — זאָגט זי — וואָס הייסט איר וועט נעמען דריי קליינע „טוירקעלעך" צום זיבעצנטן יערלעכן באַנקעט? וואָס איז אַזאַ אינדיקל — גאָרניט מיט נישט, הויט און ביינער, ניט צום בייסן און ניט צום ברעכן — — —

דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק. ערשטנס, איז שוין געווען נאָך אַ האַלבער נאַכט און צווייטנס, האָט מען שוין וועגן ענין דעבאַטירט אפשר צוויי שעה אויפן זייגער און אַנגענומען אַ פאָרמעלן באַשלוס, מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען. האָט זיך טאַקע אָפּגערופן דער פינאַנץ־סעקרעטאַר און האָט געזאָגט:

— מיר האַנדלען מער נישט וועגן מעניו. די דעבאַטע וועגן דער פראַגע איז געשלאָסן.

— רייסט מיך ניט איבער! — איז בוירטאַ באַשטאַנען אויף איר רעכט.

די פּאָרזיצערין האָט זי אונטערשטיצט מיט אַ האַלבן מויל. אָבער דער סעקרעטאַר איז געווען אַ בקי אין הלכות־פּאַרלאַמענטאַריזם און ער האָט זיך באַנוצט מיטן רעגולאַמין:

— איך מאַך אַ פּאָינט אָוו אָרדער! — האָט ער אויסגערופן מיט טריומף.

פאַר אַ פּאָינט אָוו אָרדער האָבן אַלע געציטערט ווי פאַר פייער: ס'האָט געשמעקט מיט דעמאָקראַטיע, קאָנווענשאַנס און הויכע רייד. אָבער ניט בוירטאַ. זי איז בכלל ניט נתפעל געוואָרן:

— אָבער ווער רעדט דען וועגן מעניו? — האָט זי געזאָגט — איך רעד דאָך גאָר צום „וואָהל אַמבעסטן"!... צום וואָהל אַמבעסטן פֿון דעם זיבעצנטן פֿייערלעכן באַנקעט דאַרף מען קויפֿן איין גרויסן אינדיק. וואָרעם וואָס איז אַ קליין אינדיקל? קדחת מיט כשר'ע פֿאַדים, קײַ און שפּײַ!

און וואָס מיינט איר איז געוועזן דער סוף? — בווירטאַ האָט אויסגעפֿירט דאָס איריקע: מען האָט איינגעהאַנדלט איין גרויסן אינדיק — אָבער אַ „טוירקי" פֿון טערקן־לאַנד: מיט אַ לאַנגן האַלדז פֿון אַן עוג־מלך־הבשן, אַ בכבוד'יקן הינטער־חלק, ניט קיין צו פֿעטן, און אַ פּאָר רונדע פּאָלקעס פֿון אַן אשת־חיל. בווירטאַ אַליין האָט אים איינגעהאַנדלט, אַ מציאה, ביים כשר־קצב, אויף דער דרייצנטער עוועניו טאָקע.

ניט ווייל זי איז געוועזן פֿרום אָדער געהאַלטן פֿון כשרות; פֿאַרקערט, אַמאָליקע יאָרן, אין דער אַלטער היים, אין די צייטן פֿון די געהיימע סכאָד־קעס און פּראָקלאַמאַציעס, איז זי אַפֿילו געוועזן זייער אַטעיִסטיש געשטימט: „רעליגיע איז אָפּיום פֿאַר די מאַסן", „די גבירישע קינדער משׂכּילים, רבנים" אד"גל, איר ווייסט דאָך. אָבער הלמאי זאָל זי זאָגן? ראשית קען מען דאָס גוי'שע פֿלייש אין מויל ניט נעמען און צווייטנס — גיי און שלעפּ זיך מיט אַ טריפֿה'נעם אינדיק איבער דער גאַנצער דרייצנטער עוועניו און נאָך מיט אַזאַ עוג־מלך־הבשן, און פֿאַרן זיבעצנטן פֿייערלעכן באַנקעט דערצו.

ובזכות זה, משמעות, האָט דער אינדיק באַוויזן ווונדער אַפֿילו נאָכן טויט: דריי פֿריינדיניס זיינען געשטאַנען אין קיך מיט לאַנגע מעסערס און געשניטן פֿון אים שטיקער, אפֿשר דריי שעה אויפֿן זייגער, און פֿאַרנט, אין גרויסן סאַלאָן, איז דער עולם געזעסן און געריבן די סעודה, כ'בעט אייך איבער, צעזעצטערהייט. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן האָט פֿאַרלאַנגט אַ צווייטע פֿאַרציע, און טאָקע אַ דריטע אויך. ועל כּולם, נאָך אַלעמען, איז נאָך געבליבן אַ גרויסער פֿולמעסיק מיט אינדיק. האָט מען טאָקע נאָכן באַנקעט, אַזייגער צוויי ביי נאַכט, ווען עס זיינען פֿאַרבליבן נאָר אייגענע מענטשן, איינגעאָרדנט אַ שנעלע ליציטאַציע אויף די שיריים. דער פֿינאַנץ־סעקרעטאַר האָט זיי אָפּגעקויפֿט פֿאַר פֿינף און זיבעציק סענט (אין יענע צייטן איז נאָך דער דאָלער געווען אַ דאָלער און אַ סענט איז גע־

ווען אַ סענט! מען האָט דערציילט, אַז אפשר אַ חודש נאָכאַנאַנד האָט מען ביים פינאַנץ־סעקרעטאַר אין דער היים, געגעסן נאָר אינדיק; און ער האָט געהאַט, קיין עין־הרע, אַ גאַנץ פיינע משפחה, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר). און יאָרן שפּעטער, ווען עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז „ביים היינטיקן באַנקעט האָבן מיר אַ גאָר געראָטענעם אינדיק", האָט דער עולם זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אַלע זייטן:

— „אָט דאָס רופט איר אַ געראָטענער אינדיק?" — „וואָס ווייסט איר, וואָס אַ אינדיק איז!" — „איר האָט געדאַרפט זען דעם ,טוירקי', וואָס בוירטאַ האָט צוגעפּראַוועט צום זיבעצנטן יערלעכן באַנקעט!..."

ווען די געשיכטע וואָלט זיך פאַרלאָפן פאַרצייטנס, אין דער ערע פון אמונה און פאַנטאַזיע, וואָלט אונדזער אינדיק זיכער אַריין אין דער מיטאָ־לאָגיע, ווי אַ לעגענדאַר באַשעפעניש פון האַלב־פויגל־האַלב־גאָט. אָבער בוירטאַ און אירע פריינדע לעבן אין די איצטיקע פּראָזאַיִשע צייטן, אין ברוקלין, אַרום דער דרייצנטער עוועניו טאַקע. זיי האָבן זיך זייער אייגנ־אַרטיקע שפּראַך, זיטן און מינהגים; אַפילו אַ כראָנאָלאָגיע האָבן זיי אַן אייגענע — זיי ציילן ניט די יאָרן זינט דער געבורט פון דעם אָדער יענעם און אַפילו ניט זינט בריאת־העולם. זייער אָפיציעלע וועלט־געשיכטע הייבט זיך אָן מיטן ערשטן יערלעכן באַנקעט פון דער לאָקאַלער באַוועגונג. אַלץ וואָס ס'איז זיך פאַרלאָפן פריִער איז איינגעהילט אין אַ נעפּל און געהערט צו פּרעהיסטאָריע. וואָרעם אין יענע פריִע צייטן האָט מען דאָך אַפילו קיין פּראָטאָקאָל ניט געפירט און זיי קענען דעריבער מיט רעכט אָנגערופן ווערן „די עפּאָכע פון אומגעשריבענער געשיכטע".

טאַקע אין יענע פּרעהיסטאָרישע צייטן האָט בוירטאַ באַקומען דעם צונאָמען „צום וואָהל אַמבעסטן". ווי די טראַדיציע גיט איבער, על־פּי־השמועה, איז די זאַך זיך פאַרלאָפן בערך אַזוי:

ס'איז געווען טאַקע קורץ פאַרן סאַמע ערשטן פייערלעכן יערלעכן באַנקעט. ווי דער שטייגער, איז די טאָג־אָרדענונג געווען זייער ביזי, איז אַזייגער צוועלף האָט זיך אויפגעשטעלט בוירטאַ און זי האָט געבעטן אַ וואָרט צום פּונקט פון „צום וואָהל אַמבעסטן":

— טייערע טשערליידי, טייערע פריינדיניס און פריינדע! — האָט זי אָנגעהויבן — אוי ווי איז מיר! —

איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט, זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די זייטן און ערשט איצט האָט זי דערלאַנגט דעם אמת׳ן קוויטש:

— מאַמעלע מיינע!...

דער עולם האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט, וואָרעם זינט עטלעכע חדשים האָט אַפילו אַ בלינדער געקענט זען ווו בוירטאַ האַלט אין דער וועלט. די פּאַרזיצערין האָט איר אונטערגערוקט אַ שטול און בוירטאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אָבער די ווייען האָבן ניט נאָכגעלאָזט. באַלד זיינען אַלע פריינדיניס געשטאַנען אַרום איר. די מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי די נעכטיקע און נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן. דער פינאַנץ־סעקרעטאַר האָט אַ מורמל געטאָן אונטער דער נאָז:

— אַ ווייבל אין אַזעלכע אומשטענדן און קריכט אַרום אויף מיטינגען!

מער האָט אים ניט געפעלט. די טשערליידי איז אַרויס מיט לשון און פאַר איין וועג דערלאַנגט אַ גאָב אַלע מענער:

— וואָס שטייט איר ווי די ליימענע גולם׳ס, וואָס? — האָט זי כמעט אַריבערגעשריִען בוירטאַן — לויפטס! טעלעפאָנירטס! טוט עפּעס! איר זעט דען ניט...?

אַוודאי האָבן זיי געזען. זיי זיינען אַרויסגעלאָפן הענדום־פּענדום. און ווען מען האָט געפירט בוירטאַן צום אַרויסגערופענעם אַמבולאַנס פון דער „גיכער הילף", האָט זי נאָך באַוויזן אַ זאָג צו טאָן פון שוועל:

— כ׳האָב נאָך אייך געוואָלט זאָגן „צום וואָהל אַמבעסטן", אַז... אַז... צום יערלעכן פייערלעכן באַנקעט זאָל מען ליבערשט סערווירן טיי, און ניט קיין קאַפּע... ס׳איז היימישער...

ס׳איז געווען אַ יינגל. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן זאַלמען און אויף ענגליש האָט מען אים גערופן אַלווין. צו זעקס יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער יידישער שולע, ווו בוירטאַ איז געווען אַ געטרייע טוערין. אַזוי ווי ס׳האָט אויסגעפעלט קינדער אין דער שולע, האָט זי אים אַהינגעשיקט זייער יונג. און וואָס קאָן עס שאַטן? נאָר נאָך מיטאָג האָט ער דאָרט געלערנט.

תחילת איז ער געלאָפן מיט חשק. ווען ער איז אָבער אַלט געוואָרן אַ יאָר גיין, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשאַפן דעם לערער געברענטע צרות, וואָרעם פונקט נאָך מיטאָג האָט ער געוואָלט שפּילן בייסבאָל און הערן די מעשׂיות אויף דער ראַדיאָ. ער איז פאַרט געגאַנגען ווייטער, ביז ער האָט מיט מזל גראַדויִרט. בוירטאַ האָט געשעפּט נחת, ווען איר אַלווין האָט דערקלערט בפני כל עם ועדה, ביי דער גראַדויִרונגס־פּאַרטי, אַז ער איז שטאָלץ מיטן יידישן פאָלק און מיט זיין אַלטער, טויזנט־יאָריקער קולטור און אַז ער, אַלווין, זאָגט־צו צו זיין אַ שטאָלצער זון פון יידישן פאָלק און וועט פאַרזעצן צו גיין אין די וועגן פון דער יידישער קולטור.

ער איז אַריינגעפאַלן: איצט האָט ער געמוזט גיין אין דער יידישער מיטלשול — ווו מען האָט געלערנט שבת און זונטיק אין דער פרי — ווען ער איז ממש אויסגעגאַנגען צו בלייבן ליגן אַ ביסל לענגער אין בעט. אָבער בוירטאַ האָט שוין צוגעזען, אַז ער זאָל אויפשטיין — מיט גוטן צי מיט בייזן. און אַזוי, פאַמעלעך, האָט ער גראַדויִרט אויך פון דער מיטלשול און די מאַמע האָט מיט אים פאַרפירט אַ משׂא־ומתּן וועגן גיין אין יידישן לערער־סעמינאַר.

און דערווייל זיינען אונטערגעקומען די אַנדערע קינדער. פּנחס, וואָס מען רופט אים אויף ענגליש פּאָל, איז געבוירן געוואָרן ממש ערב דער אינסטאַליישאַן פון די נייע באַאַמטע (וואָס מען האָט געזעצלעך אויסגעוויילט אויף דער פינפטער, רעגעלער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג). פּאָל האָט שוין קוים גראַדויִרט פון דער יידישער עלעמענטאַר־שול און דאָס אויך קוים מיט צרות. אַ וווּנדער דען: אין דער ענגלישער סקול האָט ער דען געוואָלט גיין? אַז רק גיב אים אַייז־קרים מיט „קאָמיקס”! אַן אַמעריקאַנער באַי — איר קענט דען אויף אים אַרויפזעצן אַ קאָפּ?

דערצו איז ער נאָך אַ שטיק צייט געווען דער מיזיניק. אָבער נאָך אַ לענגערער הפסקה, טאַקע ממש ערב דעם צען־יאָריקן פייערלעכן יובילייִ־באַנקעט, האָט בוירטאַ געבוירן אַ מיידל, סילוויען. זי האָט קוים באַוויזן אָנצופילן די קישקע און אַריינשיטן פעפער אין די געפילטע פיש, ווי די ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן.

און איידער וואָס־ווען האָט דער עלטסטער, אַלווין, געענדיקט היי־סקול און איז אַוועק אין קאַלעדזש. ער האָט זיך געשניטן אויף אַ דראַגיסט. סילוויע, ווידער, האָט גענומען אַרויסהעלפן אין שטוב. אַ מיידל! און צו פופצן יאָר האָט זי גענומען רעדן וועגן דעיטס מיט יינגלעך. און אַזוי, פּאַמעלעכקע, זיינען זיך געלאָפן די יאָרן. און אַז די קינדער זיינען, קיין עין־הרע, אונטערגעוואַקסן, האָט בוירטאַ פרייער אָפּגעאָטעמט און מיט מער ענערגיע נאָך, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

זי איז שוין אין דער אַלטער היים געווען אין דער באַוועגונג. אַוודאי איז אַמעריקע געווען ניט דאָס, וואָס אין דער אַלטער היים. אין דער אַלטער היים איז זי געווען די חבר׳טע באַשקע, און עס זיינען געווען געהיימע סכאָדקעס און דעמאָנסטראַציעס מיט פּראָקלאַמאַציעס. טרערן זיינען געשטאַנען אין די אויגן בעת מען האָט געזונגען „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט", אָדער „מיר שטייען אין קאַמף ווי געגאָסן, די פאָהנע די רויטע אין דער האַנט". מען האָט זיך געשלאָגן מיט קאָזאַקן אויף באַריקאַדן און מען איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע.

אין משך פון די יאָרן זיינען יענע העראָישע צייטן מטושטש געוואָרן אין בוירטאַס זכּרון — מטושטש און ראָמאַנטיש, צווישן וואָר און טרוים. זי האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז טאַקע זי גופא האָט זיך ממש געשלאָגן מיט קאָזאַקן אויף די באַריקאַדן; אָבער וואָס שייך סיביר איז זי ניט געווען אין גאַנצן זיכער, צי זי איז טאַקע אַהין פאַרשיקט געוואָרן. ווי עס זאָל ניט זיין האָבן זיך אָנגערוקט שווערע צייטן און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמעריקע. באַשקע איז אויך אַוועק קיין אַמעריקע און איז גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ שאַפּ.

אַוודאי איז דאָ געווען ניט דאָס, וואָס אין דער אַלטער היים. אָבער אויך אין אַמעריקע איז די ערשטע צייט געווען ניט צו פאַרזינדיקן: מען איז אויסגעריסן געוואָרן אין סוועט־שאַפּ און מען האָט געמאַכט דעם גרויסן שטרייק, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ אַמעריקע, און דערנאָך האָט מען געגרינדעט די יוניאָנס און זיך דערשלאָגן צום אַכט־שעה׳יקן אַרבעט־טאָג. און דערנאָך האָט זי זיך געטראָפן מיט מאָריסן.

מאָריס האָט אויך געאַרבעט אין אַ שאַפּ. זיי האָבן זיך באַקענט אויף אַ מיטינג. ער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איר און זי געגעסן מיט די אויגן. אפשר מיינט איר, אַז ער האָט אויסגערעדט אַ וואָרט? — קענט איר ניט מאָריסן! ער האָט נאָר געקוקט — אָט ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע. זי האָט די ערשטע אַ שמייכל געטאָן און האָט די ערשטע עפּעס געזאָגט. דערנאָך זיינען זיי אויסגעגאַנגען זאַלבעצווייט: אין אַ רעסטאָראַן, אין יידישן טעאַ־טער. אפשר מיינט איר, אַז ער האָט זי אָנגערירט אַפילו מיט אַ פינגער? — קענט איר ניט מאָריסן! זי האָט געמוזט זיין די ערשטע שטענדיק און אומעטום. אַזאַ נאַטור האָט ער שוין: אַזוי אין ביזנעס און אַזוי אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער שטופּט זיך ניט אויבן־אָן. דערפאַר טאַקע איז ער נאָך אַפילו קיין מאָל קיין באַאַמטער ניט געווען און איז קיין איינציק מאָל ניט געפאָרן ווי אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאַן.

בוירטאַ האָט אָבער באַלד געוווסט, אַז ס׳איז אַ ליבע צווישן זיי. און דערנאָך האָבן זיי טאַקע חתונה געהאַט. די ערשטע צייט האָט זי נאָך אַלץ געאַרבעט אין שאַפּ און איז אין די אָוונטן געלאָפן אויף מיטינגען. ביז ס׳ערשטע קינד איז געבוירן געוואָרן און מאָריס איז געוואָרן דער איינצי־קער ברויטגעבער.

קיין גבר איז מאָריס קיין מאָל ניט געווען, האָבן זיי זיך מיישב געווען און געעפנט אַ שטיקל „לאָונדרי״, אַ וועשעריי. אין אָנהויב איז דאָס ביזנעס ניט געגאַנגען „צום וואָהל אַמבעסטן״ — מאָריס איז ניט געווען דער מענטש פאַר ביזנעס — ביז בוירטאַ האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט. קיין גבירים זיינען זיי ניט געוואָרן אָבער אַ לעבן מאַכט מען, אַ גאַנץ פיין לעבן. און בוירטאַ האָט אַלץ אויפן קאָפּ: די סטאָר־קע, די באַלעבאַטישקייט, די שולע און די געזעלשאַפט. אַזוי ווי צו דער יוניע געהערט זי מער ניט — זי איז דאָך מ׳שטיינס געזאָגט אַ באַלעבאָסטע פון אַן אייגענער ביזנעס — אַרבעט זי אין דער באַוועגונג בכלל: קאָמי־סיעס פון באַזאַרן, זשורנאַלן, באַנקעטן. לעצטנס האָט זי זיך גאָר אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט פאַרן אַלד עידזש האָום, די היים פאַר אַלטע לייט. ווי האָט יענער געזאָגט: נייע צייטן, נייע פייגל —

און איידער מען האָט זיך אַרומגעזען האָט זיך שוין אָנגערוקט דער זילבערנער יובילײ פון דער באַוועגונג אַרום דער דרייצנטער עוועניו, מיט דעם פינף־און־צוואַנציקסטן באמת־פּייערלעכן יערלעכן באַנקעט. די קינדער זיינען פאַר דער צייט געוואָרן גאַנצע לייט: אַלווין, דער עלטסטער, ענדיקט שוין קאָלעדזש און ער אַרבעט דערווייל צו ביסלעך אין אַ דראַג־סטאָר. ער מאַכט שוין זיינע פאַר דאָלאַר אויף הוצאות און אַ כלה האָט ער שוין אויך, אַ שטענדיקע גוירל פרענד, פרענסיס הייסט זי, וואָס ער גייט מיט איר אויס. און סילוויע איז קיין עין־הרע אַ שיין מיידל — קיין שטענדיקן באַי פרענד האָט זי נאָך ניט, אָבער אַלע ייִנגלעך זיינען פאַר איר די כפרה. אַ סעקרעטאַרשע וויל זי ווערן און דערווייל גייט זי ווי אַ בעיבי סיטערקע און פאַרדינט זיך אַליין אויף אַ קליידל אָדער אַ פּאָר שיך. נאָר פאָל איז עפּעס ניט אַהין און ניט אַהער. דערווייל העלפט ער אַרויס דעם טאַטן אין די ביזנעס, אָבער בלייבן דערביי וועט ער משמעות ניט.

ווי עס זאָל ניט זיין, ווייסט בווירטא, אַז אַ מאַמע איז אַ מאַמע און קינ־דער זיינען קינדער, בפרט אַמעריקאַנער קינדער. פירט זי זיך איר אייגן לעבן און זי לעבט זיך אויס אין דער באַוועגונג. אַמעריקע האָט זי שוין אויך באַוויזן אָנצוקוקן: איין מאָל איז זי געווען אין אַטלאַנטיק־סיטי (אויף דער קאָנווענשאָן פון דער באַוועגונג) און אַ צווייט מאָל — אויף דער שול־קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע. אין ניו־יאָרק קומט זי זעלטן, סיידן אויף אַ ראַלי אָדער סתם אַ גרויסן צענטראַלן מיטינג. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך פאַר איין וועג אַריינגעכאַפּט אויף טשיקאַווע צו „מעיסיס" און צו „גימבלס". מילא, די מציאות וואָס מען קען שוין דאָרט קויפן! אויף דער דרייצנטער עוועניו קריגט מען ניט קיין קלענערע מציאות. אָבער מחשבות׳ן, וואָס אַ מענטשן פאַלט אַלץ איין: ווען יעדע אָפּטיילונג וואָלט איר געגעבן כאָטש איין קלייניקייט — האָט זי זיך געטראַכט, פאָרנדיק אַרויף און אַראָפּ איבער די באַוועגלעכע טרעפּ — וואָלט זי פון איין „מעיסיס" געקענט מאַכן אַ גאַנצן באַזאַר.

זעט איר, דאַון־טאַון, קומט זי שוין אָפּטער און דער׳עיקר׳שט קומט איר אויס צו קומען אין דזשעקס פּיונעראַל־פּאַרלאָר, אויף סעקאָנד־עוועניו. דער עולם ווערט ניט ייִנגער און די „אָלד טאַימערס" טראָגן זיך אָפּ צו

ביסלעך. און אַז סע שטאַרבט, חס ושלום, עמעצער, נעמט מען אַן אַ טרויער־רעזאָלוציע און מ׳ווילט אויס קאָמיטיס: צו דער משפחה, צו דעם פיונעראַל־דעפּאַרטמענט פון דער באַוועגונג און צו דער לוויה. און בוירטאַ האָט ליב צו גיין אין קאָמיטיס, גייט זי אַ מאָל אין דער קאָמיטי און אַ מאָל אין אַ צווייטער, און אַ מאָל טאַקע אין אַלע קאָמיטיס. נו, צו דער לוויה קומען דאָך סיי־ווי אַלע, ניט נאָר די קאָמיטיס, בפרט די פריינדינס.

אָבער, ווי האָט יענער געזאָגט: אַז מען דערמאָנט זיך אָן טויט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן. און בוירטאַ לעבט זיך אויס אין דער באַוועגונג. אַ לוויה איז דאָך אויך אַ שטיקל קולטור: מ׳האַלט רעדעס, עס קומט אַ פאַרשטייער פון דער צענטראַלע, מען טרעפט זיך מיט באַקאַנטע, וואָס קו־מען ערגעץ פון די בראָנקס צי פון ניו־דזשוירזי און וואָס מען האָט זיי שוין ניט געזען גאָט ווייסט וויפל יאָרן.

אָבער דער׳עיקר׳שט לעבט זי זיך אויס צווישן די פריינד, וואָס וווינען אין אַ פּאָר גאַסן אויף ביידע זייטן פון דער דרייצנטער עוועניו. אַ ביסל ווייטער וווינען שוין פרעמדע מענטשן. אין די 30ער גאַסן האָבן זיך לעצטנס אַריינגעקליבן ׳טאַליענער — אַ פרעמד פאָלק, רעדן שנעל־שנעל, זייערע ווייבער זיינען זיך לאַנג מיישב איידער זיי קויפן עפּעס איין, די קינדער טומלען אויף די גאַסן און די יונגוואַרג פאַרזאַמלט זיך אין די אָוונטן אין אַ גרויסן קענדי־סטאָר און טאַנצט ביי דער מוזיק פון אַ גראַמאָפאָן. פון דער אַנדערער זייט, אין די 50ער גאַסן, וווינט אויך אַ פרעמד פאָלק: די רייכערע יידן מיט זייערע אייגענע געמויערטע הייזקעס, גערטנדלעך, טעמפּלען, ראַבאַיס און „צענטערס״. פון קיין קולטור־אַרבעט ווייסן זיי ניט, די דאָזיקע יידן — ווי די ׳טאַליענער, אַ שטייגער — נאָר אַז סע קומט ימים־נוראים לויפן זיי הערן דעם חזן צי דעם קאַנטאָר, ווי מען רופט אים. בוירטאַ האָט אַ קנאַפּן מגע־ומשׂא מיט זיי. זי פילט זיך היימיש נאָר צווישן די אייגענע.

און אַזוי ניט־דיר ניט־מיר איז זיך אַריבער דער דרייסיקסטער יער־לעכער באַנקעט. ער איז אַדורך זייער אימפּאָזאַנט: מיט אַן אָרקעסטער מוזיק און אַ רעדנער פון ניו־יאָרק. אַלווין, דער עלטסטער, האָט דערווייל חתונה געהאַט — מיט פרענסיסן טאַקע — און האָט זיך אַרויסגעקליבן פון שטוב. ער אַרבעט אין אַ דראַג־סטאָר — ביי יענעם דערווייל — און ער

מאַכט אויס ניט שלעכט. נאָר די ווייב זיינע, פּרענסיס, ווען זי וואָלט נאָר ניט געדאַרפט כסדר נייע קליידער און אַ גוד טאַים!

און סילוויע האָט אויך חתונה געהאַט, טאַקע מיט אַ באַי פון בלאָק. ער איז אַ טעקסי־דראַיווער. פון אַלע גליקן אַ טעקסי־שאָפער גאָר! און עלטער פאַר איר איז ער אויך, אפשר צען יאָר עלטער. זיי האָבן זיך פאַר־ כליאָבעט און שוין. איר ווייסט ניט — אַ מיידל! אַ שיינער יונג איז ער און אַן אויטאָ האָט ער — האָט ער זי אַ פּאָר מאָל אַרויסגענומען דאָ און דאָרטן, און אַהין־אַהער איז געוואָרן אַ שידוך. נאָר גאַרנישט, אַ לעבן מאַכט ער און זיי פירן אַ גאַנץ פיין הויז. אָלא וואָס דען? סילוויע האָט גאָר אָנגעהויבן צינדן ליכט פרייטיק צו נאַכט — —

— וואָס עפּעס ליכט? — פרעגט די מאַמע.

— פאַר וואָס ניט? עין׳ט אַיי דזשויש?

— דזשויש אַהין, דזשויש אַהער — זאָגט די מאַמע — און וואָס בין איך דען? אַ ׳טאַליענערקע צי אפשר גאָר, להבדיל, אַן אַיריִשע? און פון דעסט־ וועגן צינד איך ניט קיין ליכט.

— איר זיינט פון יוראָפּ — זאָגט די טאָכטער — דהי אַמעריקען וועי איז אַנדערש.

— אָט האָסטו דיר אַ משל — זאָגט די מאַמע — וואָס האָט איינס צום אַנדערן? ווי האָט יענער געזאָגט: „איינער עסט קעז און דער אַנדערער דאַוונט אין גאַנצן ניט..."

— און פאַר וואָס פראַוועט מען לעצטנס אַ סדר אין דער באַוועגונג? — מישט זיך אַריין דער טאַטע.

— ניט קיין סדר, נאָר אַ דריטן סדר! — ווערט שוין בוירטאָ ברוגז, הלמאי טאַטע און טאָכטער האָבן געמאַכט אַ פּאַראַייניקטן פראָנט, יד־אחת קעגן איר.

— און אַ דריטער סדר איז ניט קיין סדר? פרעגט מאָריס.

אדרבא, גיי טענה זיך אויס מיט זיי. וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? זי פילט באַשיינפּערלעך, אַז די טאָכטער ווערט אַן אַפּיקורס׳טע. פאַרפאַלן: נייע פייגל — נייע לידער...

ערב דעם 40סטן יובילײ איז נאָך אַ לאַנגער און הייסער דעבאַטע אָנ־געטומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־באַשלוס, אַז לכּבוד דעם גרויסן יום־טובֿ זאָל מען אויף דעם פייערלעכן באַנקעט סערווירן סײַ טיי און סײַ קאַפע: אַמעריקע איז אַ פּרײַ קאַונטרי — און זאָל איעדער טרינקען לויט זײַן גוסט.

— פאַרשרייבט עס אין פּראָטאָקאָל! — האָט פריינדיני בוירטאַ גע־זאָגט צום לערער, וואָס איז געזעסן ביים עק פון פּרעזידיום־טישל און האָט אויף שנעל נאָטירט אין אַ דיקן העפט.

— יאָ, פאַרשרייבט, פאַרשרייבט! — האָט דזשעק האָפמאַן, דער היטל־מאַכער, געמינעטערט דעם לערער — און זאָל עס בלייבן פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער.

און נאָר דער לערער ביים פּרעזידיום־טיש און די מייַז אין דער נאָרע אונטער דער סצענע האָבן געוווסט, אַז דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט די פּראָטאָקאָלן פאַר די אויגן ניט אָנזען. דער לערער — ווייל ער האָט די אויסגעשריבענע העפטן אַריינגעלייגט אין דער וואַנטשאַפע איבער דער בינע; און די מייַז — ווייל זיי האָבן אויפגעגעסן די פּראָטאָקאָלן; זיי האָבן צעגריזשעט די אַלטע העפטן, אַז ס׳איז פון זיי קיין שׂריד ופּליט ניט גע־בליבן.

און נאָכן פערציקסטן יערלעכן יובילײ־באַנקעט איז מאָריס קראַנק גע־וואָרן. אַ סברא, אַז דאָס עסן האָט אים אַ ביסל פאַרשאַדט. אַזאַ באַנקעט! און יינגער ווערט מען אויך ניט. אַז עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג, האָט בוירטאַ גערופן דעם דאָקטער און די באַוועגונג האָט געשיקט קאָמיטיס. מאָריס איז אָפּגעלעגן אַ שיינע פּאָר וואָכן אין בעט און איז געשטאָרבן. די באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ טרויער־רעזאָלוציע און געשיקט קאָמיטיס צו דער משפּחה, צום פיונעראַל־דעפּאַרטמענט פון דער באַוועגונג אין ניו־יאָרק און צו דער לוויה. בוירטאַ איז עטלעכע וואָכן ניט געקומען צו קיין מיטינגען. אָבער נאָך שלושים איז זי געוואָרן נאָך אַקטיווער ווי ווען־ניט־איז פריִער.

און ס׳איז דען אַ ווונדער? אַז זי איז איצט געבליבן אייגינקע אַליין. וואָרעם אויך פּאָל, דער יינגערער זון, האָט פאַר דער צייט חתונה געהאַט.

ער איז נאָך דערצו פֿאַרוואָגלט געוואָרן ערגעץ ווייט־ווייט, אַזש אין טעקסאַס ערגעץ. פֿאַל איז גראָדע געבליבן לאַנג ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב, האָט אַרויסגעהאָלפֿן אין די ביזנעס; איז אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה — און אַז ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי און ער איז איינגעשטאַנען מיט דער אַרמיי אין טעקסאַס, און האָט זיך דאָרט פֿאַרליבט אין אַ מיידל און ווען ער איז צוריקגעקומען בשלום פֿון יענער זייט ים, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, מיט דזשינען. מען זאָגט אַפֿילו, אַז זי איז אַ שיקסע, דזשין, אָבער מאַלע וואָס מען זאָגט, און וואָס איז טאַקע דאָ, אין אַמעריקע, דער אונטערשייד צווישן אַ ייד און, להבדיל, אַ גוי? אָבער גיי נעם אַ בלאָנדע שיקסע פֿון טעקסאַס־ערגעץ און גיי מיט איר אויף אַ לעקטשור, אויף אַ מיטינג, אַן „אָפּן פֿאָרום"?! אַזאַ איינע ווייסט דאָך מסתּמא זיכער ניט, וואָס קולטור־אַרבעט איז... די באַוועגונג... אַ היימישע חנוכּה־פּאַרטי מיט לאַטקעס...

און פֿון דער אַנדער זייט: פּרענסיס ווייסט דען יאָ? פֿרעג זי בחרם!

אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, פֿאַר בוירטאַן אין די אויגן וועט סיי־ווי קיינער ניט רעדן וועגן דעם. און אַז מען האָט געפּראַוועט די חתונה — טאַקע דאָרטן, אין טעקסאַס — האָט זי, בוירטאַ, געשטעלט, ווי סע פֿירט זיך, לעקעך מיט בראָנפֿן אין ברענטש און אין טשאַפּטער, אין לייענקרייז און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס.

אַזוי האָבן זיי זיך אַלע געפֿירט: ווען אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, ווען מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה. קיין אייגענע קינדער זיינען שוין איצט ניט געבוירן געוואָרן — האָט מען געשטעלט לעקעך און בראָנפֿן לכּבוד די אייניקלעך. אָבער די קינדער גופֿא זיינען שוין צו די דאָזיקע פּאַרטיס ניט געקומען. זיי זיינען ניט געקומען צו די מיטינגען, די קינדער, און זיי האָבן ניט געהערט צו דער באַוועגונג. און כאָטש מען האָט פֿון זיי געהאַט נחת, פֿון די קינדער, האָט מען אין דער שטיל אונטערגעזיפֿצט.

בוירטאַ האָט אויך אונטערגעזיפֿצט. פֿאַל איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן ער־געץ ווייט־ווייט, ווו אונדזערע אָבות־אבותינו זיינען ניט געוועזן. און אַז מאָריס איז געשטאָרבן, איז זי געבליבן אייניקע אַליין. אמת, זי האָט נאָך

געהאַט צוויי קינדער אין ניו־יאָרק, אָבער נאָר איינס פון זיי איז געבליבן וווינען אַרום דער דרייצנטער עוועניו.

דער עלטסטער, אַלווין, האָט זיך אַריבערגעקליבן אַזש קיין פלעטבוש, אויף דער אַנדער זייט פון דער קאַלווער־לאַין. אַן אייגן הויז האָט ער דאָרט געקויפט, אַ פיין הויז פון צוויי שטאָק, מיט אַ גרויסן ליווינג־רום אונטן און עטלעכע שלאָף־צימערן אויבן. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ער האָט זיך געמוזט פאַרשולדיקן איבערן האַלדז — אַ מאָרגעדזש אויף פינף און צוואַנציק יאָר. וואָלט ער ניט בעסער געקויפט פאַרן געלט אַן אייגענעם דראַג־סטאָר?

סילוויע איז געבליבן אַרום דער דרייצנטער עוועניו. קיין באָס דאַרף מען צו איר ניט נעמען און אַ טאָכטער איז ניט קיין שנור — כאַפּט זיך בוירטאַ אָפּטער אַריין צו איר. אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע בעיבי איז זי דאָך סתם געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט, און איצט, אַז דאָס יינגל איז אונטערגעוואַקסן און די קינדער ווילן אַרויסגיין אין אָוונט, איז די באָבע אַ בעיבי סיטערקע. אַזוי אַרום פילט זי זיך דאָרט היימיש. זי וואַרט שוין מיט אומגעדולד, אַז דער קליינער בען — אַזוי הייסט ער, דער אייניקל — זאָל אַלט ווערן זיבן יאָר און זי וועט אים אַריינגעבן אין דער שולע פון דער באַוועגונג.

אָבער אַז בען איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט גענומען סילוויע און האָט אים פאַרשריבן אין אַ... תלמוד־תורה.

בוירטאַ האָט אַזש פאַרלוירן ס׳לשון, ווען זי האָט עס דערהערט. ערשטנס — די חרפה! וואָס וועלן די מענטשן פון דער באַוועגונג זאָגן? און צווייטנס — וואָס הייסט עפּעס אַ תלמוד־תורה?

— איך גיי שוין און איך פאַרשרייב אים ביי אונדז אין שולע! — האָט זי שטרענג געמעלדעט דער טאָכטער.

— לאָז־אָפּ, מאַמע — האָט סילוויע גערעדט מיט גוטן — אַלע זיינע חברים גייען אין אַ היברו. מען לערנט דאָרט העברעיִש... ביבל... ער איז דאָך אַ יינגל, ניין? און אַ יינגל דאַרף מאַכן אַ בר־מצווה אין טעמפּל. זיין היברו איז טאַקע אין אַ טעמפּל.

— וואָס פאַר אַ טעמפּל? אַ בר־מצווה גאָר! — איז בווירטאַ געוואָרן אויסער זיך — ער וועט דאָך אויסוואַקסן אַ פאָלגער גוי, וועט אַפילו קיין יידיש וואָרט ניט קענען אויסרעדן.

— אַז איך און דזשאָ רעדן דאָך אויך ניט קיין יידיש! — האָט די טאָכטער אַרגומענטירט.

— און די יידישע קולטור?... המשך... סאָציאַליזם... פאָלק... צוויי טויזנט יאָר?...

זי האָט גענומען אַ צו הויכן טאָן, בווירטאַ. מיט איין קלאַפּ האָט זי געוואָלט איבער׳חזר׳ן די אַלע לעקטשורס, וואָס זי האָט געהערט אין משך פון קנאַפּע פופציק יאָר: אויף מיטינגען, באַנקעטן, קאָנווענשאָנס, ראַלליס. אָבער דער זכּרון האָט איר מער ניט געדינט. אַ פאַרצווייפלונג האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי איז שוין אַפילו ניט געבליבן ביז איבער וועטשערע. ווען ס׳איז צו־געפאַלן דער פאַרנאַכט, האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהיים. אַ האַרבסטיקער אומעט איז געהאָנגען צווישן די נידעריקע הייזער פון דער גאַס, וואָס איז ווי פאַרשמעלערט געוואָרן אין דער ווייט. די פאַראייינצלטע ביימער האָבן אויסגעזען פאַר׳יתום׳ט. נאָר רעשטלעך פון גילדערנע בלעטער האָבן גע־שיינט אויף די אַנטבלויזטע צווייגן און שאָרכנדיק דערציילט וועגן פאַר־גאַנגענעם פּראַכט פון פאַרלאָפענע פרילינגען.

בווירטאַ האָט געשפּרייזט מיט לאַנגזאַמע טריט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. אַ געפיל פון אַנטוישונג האָט ווי אַ שווערער שטיין זיך געלייגט אויף איר האַרץ. וואָס אייגנטלעך ווילן זיי אויף דער וועלט, די היינטיקע קינדער? קלוגע, דאַכט זיך, געלערנטע, געענדיקט שולעס. אָבער וואָס איז אייגנטלעך זייער גאַנץ לעבן? אָט אַ שטייגער סילוויע טאַקע: שאָפּינג, קינדער, האַלטן אַ הויז — זייער פיין! אָבער וואָס נאָך? אין אָוונט זעצט מען זיך אַוועק בקאָמפּאַניע און מען מאַכט אַ קערטל: דזשין־ראָמי, ברידזש. און מען רעדט וועגן קאַונטרי פאַרן זומער, וועגן קליידער. אָבער, וואָס איז מכּוח עיקר? אַ זינען אין לעבן? קולטור־אַרבעט? אירע פיס האָבן זי געפירט צום לאָקאַל פון דער באַוועגונג. דאָס הויז איז געווען העל באַלויכטן. אַרום גאַניק האָבן געשימערט קאָלירטע לעמפּלעך אויף דראָטן. בווירטאַס האַרץ האָט אָנגע־

הויבן קלאַפּן האַסטיקער: עפּעס אַ קולטור־אָוונט הײַנט? זי פֿאַרגעסט לעצטנס...

זי האָט זיך דערפֿילט ייִנגער און אָנגעהויבן שפּרײַזן מיט שנעלערע טריט. אָבער אין קאָרידאָר האָט זי דערוואַרט אַן אַנטוישונג:

— ס'איז דאָ הײַנט אַן איטאַליעניש חתונה — האָט דער מענעדזשער איר אָנגעזאָגט, ווען זי איז אַריבער דעם שוועל.

די כמאַרע אויף בוירטאַס הימלען איז נאָך שוואַרצער געוואָרן:

— אַ 'טאַליעניש חתונה!... תּלמוד־תּורה'ס!...

זי האָט אַרײַנגעקוקט דורך דער אָפֿענער טיר. אין גרויסן זאַל זײַנען אַרומגעשטאַנען פֿעסער ביר און בײַכיקע פֿלעשער ווײַן. אַן אָרקעסטער האָט געליאַרעמט, דער עולם האָט געגעסן און געטרונקען און געטאַנצט איטאַליעניש טענץ, און פֿון גרויסן בילד איבער דער סצענע האָט אַראָפּגעקוקט שלום עליכם מיט אַ קלוגן שמייכל.

— וואָס דען, יידן וועלן בײַ אונדז פֿראַווען זייערע חתונות? זיי לויפֿן אין די טעמפּלען, לויפֿן זיי — האָט געזאָגט דער מענעדזשער — נאָך אַ נס וואָס די איטאַליענער דינגען דעם זאַל פֿון צײַט צו צײַט, אַנישט, וואָלט מען שוין פֿון לאַנג געדאַרפֿט צומאַכן דאָס קרעמל.

בוירטאַ איז אַרויס און זיך געלאָזט אַהיים. די הויכע גאַסן־לאַמפּן האָבן געלויכטן טריב. אונטן האָבן שטיקער אַלטע צײַטונגען געפֿלאַטערט אין ווינט.

זי האָט זיך נאָך מער ווי אַמאָל געטוליעט צו דער באַוועגונג. איצט האָט זי קיין איין מיטינג ניט פֿאַרפֿעלט, קיין איין פּאַרטי. און אויף די לעקטשורס קומט זי די ערשטע און זי זעצט זיך אויף דער פֿאָדערשטער באַנק, כּדי ניט צו פֿאַרפֿעלן קיין וואָרט.

מען ווערט אָבער, משמעות, ניט ייִנגער. דער קאָפּ כאַפּט מער ניט די אַלע רייד פֿון רעדנער. די אויגן קלעפּן זיך. זי ראַנגלט זיך מיטן שלאָף. דער רעדנער רעדט וועגן ייִדישע שרײַבער, פּאָליטיק, מלחמות, סאָציאַליזם. זי הערט האַלב זײַנע ווערטער, זי דרימלט האַלב, אין אירע רעיונות פּלאָנטערן זיך בילדער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אָפּגעריסענע פֿעדים פֿון

שפּינוועבס אין האַרבסט: דער רוסישער צאַר... ברידער און שוועסטער... די מאַמע בענטשט ליכט... ווו גייסטו?... שוין ווידער אַ סכאַדקע?... מ׳עט דיך נאָך פאַרשיקן אין קייטן, קיין סיביר... „און טרעפט דיך אַ קויל מיין גע־לי־ב־טער"...

פון אַלע אינסטיטוציעס אַרבעט זי איצט אַמליבסטן פאַרן אַלד עידזש האַום, אַ היים פאַר אַלטע לייט פון דער באַוועגונג (זי זאָגט ניט „מושב זקנים"), וואָס די באַוועגונג בויט אין ניו־יאָרק. אַמאַליקע יאָרן האָט מען זיך מער אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, קלאַסן־קאַמף, סאָציאַליזם. אָבער וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער גאַנצער פּאָליטיק? אָט, איר זעט דאָך: מען האָט אויסגע׳הרג׳עט דאָס ביסל יידן אין דער היים... גזלנים!... היט־לערס... מערדער... איז אַז מען וועט אויסבויען אַ היים פאַר די אַלטע לייט, זיי זאָלן האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, איז עס טאַקע אַ זאַך. טאָ וואָס טויגן מיר די אַלע קונצן?

נאָך מיטאָג לייענט זי די בלאַט. זי לייענט איבער אַלע נאָטיצן וועגן אַלע מיטינגען וואָס קומען פאָר אין גאַנץ ניו־יאָרק: אין אַלע דיוויזיעס, צענטראַלעס, ברענטשעס. דערנאָך קוקט זי אַריין אין די „עצות פון דאָק־טער". אַמאַליקע יאָרן פלעגט מאַריס איר פאַרלייענען אין אָוונט אויך אַר־טיקלען: פּאָליטיק, סאָציאַליזם, קאָמוניסטן, גערעכטיקייט, איר ווייסט דאָך. אָבער די היינטיקע שרייבער זיינען ניט דאָס, וואָס די אַמאַליקע שרייבער. אַמאַליקע יאָרן, אַז אייב. קאַהן האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, איז עס געווען אַן אַרטיקל — — —

וואָס דאַרפט איר אַ סך? אַפילו די „עצות פון דאָקטער" זיינען ניט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאַליקע יאָרן פלעגט זי אויף טשיקאַוועס כאַפּן אַ בליק אין „יענע זאַכן", וואָס דער דאָקטער האָט באַשריבן: סעקס־זיבן, זי וויל ניט, ער קען ניט, דאָס און יענעס. היינטיקע צייטן ניט קיינער פרעגט וועגן אַזעלכע זאַכן און ניט קיינער ענטפערט. משמעות אַז קיינער קען שוין ניט; דער דאָקטער אַליין אויך נישט; אַפילו ניט דער רעדאַקטאָר.

אָבער די „עצות פון דאָקטער" זיינען איצט דווקא זייער און זייער באַ־לערנדיק. די היינטיקע לייט פרעגן וועגן פאַרהאַרטעוועטע אָדערן, גאַל־בלאַדערס, קראַנקע הערצער, הויכן בלוטדרוק וכדומה אינטערעסאַנטע

זאַכן, וואָס אינטערעסירן יעטווידן מענטשן. ס׳הייסט, מען גייט טאַקע צו אַ דאָקטאָר אויך. אַ שטייגער יענער ייד פון די בראָנקס, וואָס האָט צו טאָן מיטן האַרצן און מיט אַריטרייטיס און מיט דער גאַל — ער שרייבט, אַז ער איז שוין געווען ביי דריי דאָקטוירים און ביי איינעם אַ פּראָפעסאָר, אַ ספּעציאַליסט; פון דעסטוועגן פרעגט ער אַן עצה דורך אַ בריוו אין „די בלאַט״. וואָרעם איר מעגט אייך גיין צו צען פּראָפעסאָרן אַפילו און זיך לאָזן אונטערזוכן מיט אַלערליי עקס־שטראַלן, אַנאַליזן און דאָס גלייכן, אָבער אַז דער דאָקטאָר שרייבט אייך אַן ענטפער אין „די בלאַט״, איז עס דאָך אַנדערש: ס׳איז היימישער און איר דערפילט זיך גלייך בעסער.

זי אַליין, בוירטאַ, וואָלט אויך געהאַט חשק אָנצושרייבן אַ בריוועלע צום דאָקטאָר וועגן איר האַרץ, וואָס איז לעצטנס ניט מיט אַלעמען. אָבער גיי פאָלג מיר אַ גאַנג און שרייב בריוו. לייענט זי די בריוו פון די אַנדערע לייט, וואָס שרייבן בריוו, און די ענטפערס וואָס דער דאָקטער גיט זיי. און אַ מאָדנע מעשׂה: די מערסטע בריוו זיינען ווי צוגעפּאַסט צו איר, טאַקע ממש ווי אָנגעמאָסטן.

אירע אויגן הייבן זיך אָן צו קלעפּן און דער קאָפּ פאַלט אַראָפּ איבער דער בלאַט. זי שטרענגט זיך אָן צו לייענען ווייטער: וואָס, אַ שטייגער, איז געשען מיט יענעם מיסטער פון די אַלסערס?... זי דערלאַנגט אַ מיש צו דער זייט פון די ראָמאַנען. דריי ראָמאַנען. אַנו, לאָמיר זען ווי עס האַלט מיט דער יתומה׳לע? אָבער די בלאַט גליטשט זיך אַרויס פון בוירטאַס הענט און פאַלט אויפן דיל. אין אירע אויערן גייט מיט אַ מאָל אויף דער מאַמעס ניגון ביים לייענען די „צאינה וראינה״: אין דער מעשׂה מיט חוה׳ן, וואָס האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון דער שלאַנג, און ווי די טוירקן האָבן פאַרשלעפּט יוסף׳ן קיין מצרים. זי עפנט די אויגן און טשוכעט זיך אויס פון דרימל. אַן אָפּגעפרישטע הייבט זי אויף די בלאַט, שאָקלט זיך און לייענט אויפן קול, מיטן ניגון פון טייטש־חומש, די ליבעס־געשיכטעס פון דער פאַרפירטער יתומה׳לע, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון די נאַלעווקעס ביז צום ריווערסאַיד־דראַיוו.

און איין מאָל איז געווען אַ מיטינג און פריינדיני בוירטאַ איז ביים

מיטינג ניט געווען. די טשערליידי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט אַ פרעג געטאָן:

— זע נאָר, איך זע דאָך ניט פריינדיני בוירטאָן!

— זי איז ניט מיט אַלעמען — האָט איינע אַ פריינדיני, בוירטאָס אַ נאָענטע שכנה׳טע, באַריכטעט.

— זי ליגט אין בעט אָדער זי גייט אַרום? — האָט די פּאָרזיצערין פאַרלאַנגט ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע.

— זי גייט אַרום.

— אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט וויסן! — האָט געזאָגט די פאָר־זיצערין — וואָרעם ווען זי ליגט צו בעט וואָלט מען געדאַרפט שיקן אַ קאָמיטי, אָבער וויבאַלד זי גייט אַרום דאַרף מען קיין קאָמיטי ניט שיקן.

ביים נעקסטן מיטינג האָט די שכנה׳טע באַריכטעט:

— פריינדיני בוירטאָ ליגט צו־בעט.

— פריינדיני טשערליידי, אַפּאָינטעט אַ קאָמיטי! — האָט איינע אַ פריינדיני זיך צוגעאײַלט מיט אַ פאָרשלאָג.

— אונטערשטיצט!

— ווער מעלדעט זיך פרייוויליק? — האָט געפרעגט די פאָרזיצערין.

אַלע וואָלטן זיך געמעלדעט פרייוויליק, אָבער באַלד האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז פאַר דער צייט האָבן שוין אַלע מבקר־חולה געווען בוירטאָן. די פאָרזיצערין האָט נאָמינירט אַ קאָמיטי. אויפן קומענדיקן מיטינג האָט די קאָמיטי אָפּגעגעבן אַן אָפיציעלן באַריכט. מען האָט עס פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל.

ווי דער שטייגער, איז יענער ווינטער געווען אַ זייער ביזי ווינטער: אַ קאָרד־פּאַרטי, אַ חנוכה־פּאַרטי, אַ באַזאַר, אַ דרייסיק־יאָריקע אַניווער־סערי אאַז״וו. אָבער בוירטאָ איז אין ערגעץ ניט געקומען. אין אַ פרייער מינוט האָבן פריינדיניס זיך אַראָפּגעכאַפּט צו איר, און אויף די מיטינגען און אויף דער דרייצנטער עווניו, בעת׳ן איינקויפן, האָט מען זיך אָפּגע־געבן אומאָפיציעלע באַריכטן:

— נאָך אַלץ קראַנק...

— וואָס זאָגט דער דאָקטער?

— וואָס זאָל ער זאָגן? מען ווערט ניט ייִנגער!

און איין טאָג איז זיך צעגאַנגען די ידיעה איבער ביידע זייטן פון דער דרייצנטער עוועניו:

— איר האָט געהערט?

— יאָ, אַוודאי האָב איך געהערט... פריינדיני בוירטאָ... כ'האָב אייך גראָדע געוואָלט אָפּרופן.

— אַזוי פּלוצלונג! אַ מענטש איז טאַקע שוואַכער ווי אַ פליג.

אַלע טעלעפאָנען האָבן ווי געקלונגען מיטאָמאָל און אַלע האָבן שוין געוווּסט נאָך איידער דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, ווי די פייגל פון הימל וואָלטן צעטראָגן דעם קול. אַפילו דער אַלטער איטאַליענער, סיניאָר וויטאָ־ריני, פון גרינסגעשטעל וואָס אויפן פּישמאַרק, האָט שוין אויך געוווּסט, נאָך איידער דאַכט זיך עמעצער האָט באַוויזן אים צו דערציילן.

די טשערלײדי איז געווען אַ גוטע פּאַרזיצערין, מען קען אַפילו זאָגן אַ באמת גוטע; זי האָט ניט נאָר געקענט אַלע הלכות־פּאַרלאַמענטאַריזם אויף אויסנווייניק, נאָר זי האָט טאַקע ליב געהאַט די קולטור ממש: לעק־טשורס, באַגריסונגען, וואַלן, אינסטאַלײשאַנס, באַריכטן. אָבער מער פון אַלץ אויף דער וועלט האָט זי ליב געהאַט אַניווערסעריס, ס'הייסט חתונה־יובילעומס. און נאָך מער האָט זי ליב געהאַט דורכצופירן אַ טרויער־רעזאָ־לוציע.

זי פלעגט דורכפירן אַ טרויער־רעזאָלוציע מיטן גאַנצן צערעמאָניאַל, טאַקע ממש בדחילו ורחימו, ווי זי וואָלט איבערגעשניטן בידים אַ לענטע צו דער אייביקייט. אַ טרויער־רעזאָלוציע פלעגט אין איר אַריינבלאָזן אַ ניי לעבן און אַ גייסט פון דערהויבנקייט. איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס ס'איז ביי איר ניט אַוועק אַ מיטינג אָן אַ צוויי־דריי טרויער־רעזאָלוציעס. זי האָט שוין געפונען די פּאַסיקע קאַנדידאַטן: אַ שרייבער, אַ דיכטער, סתם אַ קולטור־טוער, אַ געוועזענעם סעקרעטאַר אָדער אַן ערן־פּרעזידענט; כדי יוצא צו זיין האָט זי זיך אַפילו באַגנוגנט מיט אַ זינגער אָדער גאָר מיט אַ טענצערין, און בשעת הדחק פלעגט זי אויסזוכן אַ חשוב'ן בר־מינן ערגעץ אין ווייטע מקומות: אין מעקסיקע, אין אויסטראַליע, מעבר להרי חושך.

קען מען זיך פֿאָרשטעלן וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן ווען פריינדיני בוירטאַ איז געשטאָרבן. אויף אַלע מיטינגען האָט מען אָנגענומען טרויער־רעזאָלוציעס: אין ברענטש, אין דער דיוויזיע, אין טשאַפּטער און ווו ניט. און ערשט דעמאָלט האָט די פּאָרזיצערין איינגעאָרדנט אַ געמיינזאַמען מיטינג פֿון אַלע אינסטיטוציעס אַרום דער דרייצנטער עוועניו און מען האָט אָנגענומען אַ טאָפּלטע טרויער־רעזאָלוציע: איינע פֿאַר בוירטאָן דער פּערזאָן, און די צווייטע — פֿאַר דער געזעלשאַפטלעכער טוערין: קערפּערלעך און גייסטיק, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט די טשערליידי.

מען האָט אויך ניט פֿאַרגעסן צו שיקן אַ קאָמיטי צום פיונעראַל־דעפּאַרטמענט, דאָרט טאָן, כּדי צו זען, אַז אַלץ זאָל דורכגעפירט ווערן צום „וואָהל אַמבעסטן", ווי עס פֿאַרדינט אַזאַ געטרייע פריינדיני.

די לוויה איז טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע לוויה. אַלע פריינד פֿון אַרום דער דרייצנטער עוועניו האָבן זיך באַטייליקט. און פֿאַרנדיק נאָך דעם מיט דער קאָלווער־לאַין אַהיים, האָבן פריינדיניס גערעדט מיט אַ זיפץ:

— אַי, ווען פריינדיני בוירטאַ וואָלט עס געזען! זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט שיינע לוויות!

די נסיונות
פון עווערגרינער מקובל

א

אין יענעם זונטיק אין דער פרי האָט מײראַ גאָלוב געבראַכט איר קלײן ברודערל, ביל, אין קלאַס פון די „ביבל־געשיכטעס“ בײם קאָמיוניטי־סענטער פון עווערגרין, לאָנג־אײלענד.

— העללאָו, מר׳ דזשײקאָבסאָן! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ שמײכל צום לערער.

אפרים דזשײקאָבסאָן האָט אַ שאַר געטאָן זײנע ברילן איבערן שטערן און זי אָן אויגנבליק באַטראַכט:

— זע נאָר, ביסט דאָך געוואָרן אַ גאַנצע באַרישניע, מײראַ — האָט ער געזאָגט. אַ צעוואַקסענע, מיט פאַררונדיקטע גלידער, האָט זי אים דערמאָנט אין אַ פסוק פון שיר־השירים.

— נו, יאָ — האָט זי אַ שמײכל געטאָן — אַזוי פיל יאָרן, לערער! אין זיבן וואָכן אַרום וועל איך ווערן זיבעצן.

— יאָ... — האָט ער אַ זיפץ געטאָן. אָט־אָקערשט איז זי נאָך אַלײן געגאַנגען אין ביבל־קלאַס, אַ קינד!

מײראַ איז געווען צווישן די ווײניקע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן יידיש־קײט, געלערנט ביז צו דער גראַדויִרונג. ס׳איז אפשר ניט געווען אַזוי אין זכות פון דער תורה און ביסל לשון־קודש, ווי ס׳איז געווען גוט אַז מײראַ זאָל זײן ערגעץ פאַרנומען, האָבן אַ שטיקל השגחה איבער זיך. דער פאָטער אירער, מר׳ גאָלוב, איז יעדן אינדערפרי געפאָרן קײן ניו־יאָרק, אין די

ביזנעס, און די מוטער, פּרנסה'ס גאַלוב, איז געווען אַ פאַרנומענער מענטש — מיטינגען, לאַנטשנס, פּאַרטיס, זאַמלונגען — שטענדיק פאַרטאָן אין אַ וויכטיקער „זאַך": ראַסן־גלייכקייט, ישׂראל, שטרייקט פאַר שלום, קונסט, מאַלע וואָס, זי איז געווען אַ זייל אין סאָציאַלן לעבן פון עווערגרין.

— ווּעסט פאָרן אַהיים מיירא, אָדער צוואַרטן אויף בילן? — האָט געפרעגט מר׳ דזשייקאָבסאָן.

— היינט וועל איך צוואַרטן, דערנאָך וועלן מיר זען. ס'עט דאָך ניט געדויערן לאַנג?

— ניין. מיר הויבן היינט אָן דעם פרילינג־זמן פאַר די אָנפאַנגער. קום אַריין, ביל, האָסט געהערט די געשיכטע וועגן אָדם און חוה?

אפרים דזשייקאָבסאָן איז אַלט געווען 54 יאָר, און 36 יאָר איז ער געווען אַ „היברו טיטשער" — 18 יאָר פון די יאָרן אין טעמפּל „אהבת שלום" ביים סענטער אין עווערגרין. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען „ביבל סטאָריס". ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיק פּנים און אַ גוטמוטיקן בליק, און אויפן שפּיץ פּאַטעלניע האָט ער געטראָגן אַ קליינטשינקע שוואַרצע יאַר־מעלקע.

דאָס קליינוואַרג האָט אים ליב געהאַט. שוין אַזוי פיל יאָרן ווי ער האָט דערציילט די מעשׂה'ס פון גן־עדן און מבול, וועגן יוסף און זיינע ברידער, און יעדעס מאָל האָט ער זיי דערציילט מיט געפיל, ווי די לעצטע בייעס פון טאָג. די קינדער זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און מיט די אויגן פון זייער גייסט האָבן זיי געזען ווי אויף אַן עקראַן פון טעלעוויזיע: ווי נוח'ס קאַסטן איז געשווומען איבער די וואַסערן; סדום איז פול געווען מיט גענגסטערס און האַלד־אַפּניקעס; די קינדער פון ישׂראל האָבן גע־וואַנדערט אין מדבר ווי קאַובאָיס אין אַ „וועסטערן" און זיך געשלאָגן מיט די אינדיאַנער פון כּנען.

ניט אַלע געשיכטעס האָט מר׳ דזשייקאָבסאָן דערציילט. ער'ט דאָך ניט גיין דערציילן קליינע קינדער די מעשׂה וועגן תּמר'ן, וואָס האָט זיך פאַר־שטעלט ווי אַ זונה און פאַרפירט איר שווער; וועגן לוט'ס טעכטער, וואָס האָבן איינגע'שיכּור'ט דעם אייגענעם טאַטן און אים געבאָרן קינדער; וועגן דוד המלכס ליבע מיט בת־שבע'ן. אָבער די פאַרשוויגענע געשטאַלטן האָבן,

משמעות, געלויערט אין די באַהעלטענישן פון זיין באַוווּסטזיין און געמאָנט זייער תיקון. יאָרן־לאַנג האָבן זיי געדרימלט, פּאַרטאַיעט — ביז יענעם פרילינג, ווען מייראַ האָט געבראַכט איר קליין ברודערל, ביל, אין שול אַריין.

✶

מייראַ איז געבליבן ניט בלויז אין יענעם אינדערפרי. אין אַנהויב פלעגט זי וואַרטן אין שכנות'דיקן צימער, האָט אַריינגעקוקט אין אַ זשורנאַל, טייל מאָל צוגעגרייט אירע אייגענע שול־אַרבעטן. זי איז שנעל געוואָרן היימיש און באַלד האָט זי אָנגעהויבן אַרויסהעלפן מר' דזשייקאָבסאָנען ווי אַ ניט־אָפיציעלע אַסיסטענטקע. אין קלאַס האָבן געלערנט עטלעכע גרופּעס גלייכצייטיק. ווען דער לערער האָט דערציילט די אָנפאַנגער חומש־מעשה'ס, איז מייראַ אַרומגעגאַנגען צווישן די הינטערשטע טישלעך, ווו תּלמידים האָבן קאָפּירט העברעיִשע אותיות אָדער דעשיפרירט שווערע לשון־קודש'דיקע ווערטער פון אַ תּפילה. זי האָט אַריינגעקוקט אין די העפטן, געוויזן ווי צו שרייבן אַן אות, אויסגעבעסערט. זי פלעגט זיך אפילו צוזעצן ביים לערערס טיש און אַרויסרופן צו זיך איינצלנע תּלמידים.

די צייט איז געלאָפן. דער אייבערשטער האָט פאַרטריבן אָדם און חוה'ן פון גן־עדן און די מענטשן האָבן אויפגעבויט אַ טורעם און זיך געדראַפּעט אין הימל. די ברידערלעך האָבן פאַרקויפט יוסף'ן קיין מצרים און באַלד האָט מען זיך געמוזט אַ נעם טאָן צו יציאת־מצרים, וואָרעם ס'האָט זיך אָנגערוקט דער דזשוניאָר־סדר, וואָס מען האָט געפּראַוועט אין שול באַצייטנס, ווי אַ רעפּעטיציע צום אמת'ן סדר אין דערהיים. מייראַ האָט אַרויסגעהאָלפן ביים אויסלייגן די קערה און איינ'חזר'ן די פיר קשיות. דערנאָך האָבן זיך געשטעלט הייסע טעג און מר' דזשייקאָבסאָן, אַ צעוואָרעמטער פון וועטער און פון די געשעענישן אין חומש, האָט אויפגעהאַנגען זיין רעקל אויף אַ זייטיקן שטול ביים טיש.

איין מאָל, ווען ער האָט גראָד דערציילט וועגן מתן־תּורה — ס'האָט געדונערט און געבליצט און דאָס קול אויפן שפּיץ באַרג האָט אָפּגעהילכט מיט פייערדיקע אותיות — איז זיין בליק געפאַלן אויפן זייטיקן שטול, און

די עשׂרת־הדברות זיינען אים שטעקן געבליבן אין האַלדז. מיירא איז דאָרט געזעסן אָנגעשפּאַרט, איר אָרעם פּאַרוואָרפן איבערן אָנלען; איר האַנט האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעגליטשט איבער זיין רעקל און די פינגער האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין דער רעכטער קעשענע און גענישטערט. איר בליק איז בשעת־מעשׂה געווען פאַרטיפט אין אַ העפט, וואָס איז געלעגן פאַר איר אויפן טיש. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון מטבעות און אַ דערציטערטער אָפּגעדרייט דעם קאָפּ.

„זי?... מיירא?... דערפאַר האָבן מיר לעצטנס געפעלט דאַימס און ניקלס" — האָט אים אויפגעבליצט אין מוח.

אין זיין צעמישעניש האָט ער שוין אָפּגע׳פּטר׳ט דעם מתּן־תּורה אויף איין פוס. ער איז אַריבער צום עגל־הזהב און אויף שנעל צעבראָכן די לוחות. מיירא האָט זיך אויפגעהויבן:

— כ׳וועל אַרויסגיין אַ ווײַלע אויף אַ שפּאַציר — האָט זי געזאָגט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

ווען די קינדער האָבן נאָך דער לעקציע זיך אַרויסגעשאָטן אין קאָרידאָר, האָט ער זי דערזען דורך דער צעעפנטער טיר. זי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט מיט גרויס הנאה געביסן פון אַ פּליטקע שאָקאָלאַד.

„זי?!... ס׳הייסט אויך דעמאָלט איז זי עס געווען!" — האָט ער אויפגעאָטעמט ווי אַ דעטעקטיוו, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרן געפאַלן אויף די שפּורן פון אַ געהיימען פאַרברעכער.

ס׳איז געווען אין יאָר פון מייראַס גראַדויִרונג. קינדער האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז עס ווערט ביי זיי פאַרפאַלן געלט — פון אַ מאַנטל־קעשענע, פון אַ רעקל, קליינגעלט בלויז: אַ ניקל, אַ צענער, אַ מאָל אַ קוואָדער. אפשר אויסגעגעבן? אָנגעוואָרן אין גאַס? — ניין, ניט אויסגעגעבן און נישט פאַרלאָרן. ס׳איז דערגאַנגען ביז צום עלטערן־קאָמיטעט, צו דער פאַרוואַלטונג פון סענטער. און פונקט ערב דער גראַדויִרונג־צערעמאָניע זיינען ביי דזשודי סילווער נעלם געוואָרן גאַנצע צוויי דאָלער פון זשאַקעט. דער זשאַקעט איז געהאַנגען אין קאָרידאָר. ווער איז אַרויס אין מיטן דער לעקציע?... אָבער וואָס איז דער חילוק? גנב׳ענען קינדער פון עווערגרין? צו וואָס? עווערגרין איז געווען אַ רייכע פאָרשטאָט,

בלויז פּאַרמעגלעכע מענטשן, איש תחת גפנו ותחת תאנתו, יעדער משפּחה אין איר אייגן הויז, מיט אַ גאָרטן אַרום, אַ גאַראַזש, אַן אויטאָ, צוויי אויטאָס אַפילו. די קינדער האָט ניט געפעלט פון קיין פייגל-מילך.

און אפשר מאַכט ער אַ טעות? — האָט אפרים דזשייקאָבסאָן געטראַכט גייענדיק אהיים. ניין, שוין אַ לענגערע צייט ווי עס שטימט עפּעס ניט מיט זיין קליינגעלט. אויסגעגעבן? ווו ט'ער אויסגעגעבן? אַז טרינקען טרינקט ער ניט און רויכערן רויכערט ער ניט. ער איז בכלל געווען אויסגערעכנט מיטן גראָשן. אַ לערער פון „ביבל-סטאָריס" איז ניט קיין גביר, אַפילו ניט אין עווערגרין.

אָבער פאַר וואָס? עס פעלן איר די עטלעכע סענט? דער פּאָטער אירער, מר' גאָלוב, האָט געהאַט אַן אייגענעם שאָפּ אין גאַרמענט-סענטער. מען זשאַלעוועט איר דען אין שטוב?... מילא, ער טאָר מער ניט האַלטן קיין געלט אין רעקל-קעשענע. ניין, דווקא פּאַרקערט, ער וועט אַריינלייגן קליינגעלט אין קעשענע, נאָר ער וועט עס געננוי איבערציילן אין פאָרויס — האָט ער אָנגעהויבן שפּילן אַ דעטעקטיוו. ס'איז אים פאָרגעקומען ווי אַ זינד. לפני עוור לא תתן מכשול — האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה.

דעם קומענדיקן זונטיק איז מיראַ, ווי אויף צו-להכעיס, נישט געבליבן אין קלאַס. מר' דזשייקאָבסאָן איז געווען אַנטוישט. האָט זי עפּעס דער-שמעקט? חושד געווען? ער האָט ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. בעת דער פאָלגנדיקער לעקציע האָט זי זיך נאָר אַ דריי געטאָן צווישן די הינטערשטע בענקלעך און זיך באַלד דערנענטערט צום טיש פאָרנט. איז זי אויך געווען אומגעדולדיק? ער האָט גערעדט צום קלאַס און זי באַטראַכט פון אַ ווינקל פון די אויגן. זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן שטול. איר אָרעם האָט זיך אויסגעדרייט הינטן-אַרום און לאַנגזאַם געפּויזעט איבערן רוקן פון זיין רעקל. איר גוף האָט זיך אָנגעצויגן אין שפּאַנונג. די פינגער האָבן זיך דערנענטערט צו דער רעכטער קעשענע.

מיט אַ מאָל האָט זי דערשפּירט, אַז מען קוקט אויף איר. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אַן אויגנבליק האָט זי אויסגעזען צעטומלט, ווי פאַרכאַפּט פון פּאַניק. איר אָרעם איז ווי פאַר-שטאַרט געוואָרן. באַלד איז זי געקומען צו זיך. זי האָט אים געקוקט גלייך

אין די אויגן מיט אַן אומשולדיקן, כּמעט תּמ׳עוואַטן בליק. אָבער איר אָרעם האָט זיך ווידער אַ ריר געטאָן און אירע פינגער האָבן אָנגעהויבן בישטערן אין דער קעשענע — ווי זיי וואָלטן געווען אומאָפּהענגיק פון איר ווילן.

דער לערער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און ווייטער גערעדט צום קלאַס. טרומייטערס האָבן געשאַלט און די מויערן פון יריחו זיינען געפאַלן. מיירא האָט טיף אויפגעאָטעמט, מיט אַ זיפץ כּמעט, און זיך אויפגעהויבן פון שטול:

— כ׳וועל באַלד צוריקקומען — האָט זי אַ מורמל געטאָן — כ׳דאַרף זיך אַריינכאַפּן אַ ווײַלע צו אַ חברה׳טע אין דער געגנט.

ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון רעקל. „זי האָט געזען, אַז איך זע... זי ווייסט, אַז איך ווייס..." — האָבן זיינע געדאַנקען זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאַד. ער האָט אָנגעטאַפּט די מטבעות אין דער קעשענע. ס׳איז ניט געבליבן קיין ספק: אַ ניקל און אַ צענערל זיינען נעלם געוואָרן.

וואָס טוט מען? נאָך די לימודים האָט ער אַ לענגערע ווײַלע געשפּרייזט איבער די צימערן פון „סענטער" און זיינע פיס האָבן אים פאַרפירט אין בית־התּפילה. זיין בליק איז געפאַלן אויף די לוחות איבערן אָרון־קודש. „ל א ת ג נ ב"! אפשר זיך דורכרעדן מיט די עלטערן? ניין, בעסער ניט אָנהויבן זיך מיט מרס׳ פרענסיס גאָלוב. אפשר זיך מאַכן ניט ווייסנדיק? מאַינד יור אָון ביזנעס!... ניין, ס׳אַן עבירה! מילא דעמאָלט איז זי נאָך געווען אַ קינד, אַ קאַפּריז אפשר, אָבער איצט — אַ דערוואַקסן מיידל. דער פּסיכאָאַנאַליטיקער!... יאָ, אַמבעסטן וועט ער כאַפּן אַ שמועס מיט ד"ר מאַיער, דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער. היינטיקע צייטן דערקלערן זיי דאָך אַלץ על פּי חכמת־ה׳פּסיכאָלאָגיע.

ער האָט אים געקענט, ד"ר מאַיערן — טאַקע ביי די גאָלובס אויף אַ פּאַרטי האָט ער אים געטראָפן, מיט עטלעכע יאָר צוריק. אויף די פּאַרטיס ביי פרענסיסן פלעגט קומען די סמעטענע פון דער וועורגרינער אינטעלי־גענץ: מאָלער, שרייבער, יונגע קאָלעדזש־לייט, עטלעכע פון די געוועזענע טראָצקיסטן. דער עולם איז אַרומגעשטאַנען מיט גלעזער משקה אין דער האַנט צווישן די הויכע פּאָליצעס ביכער, דער איינגעבויטער באַר, טאַצן כּיבוד מיט כּזית־סאַנדוויטשן און אַבסטראַקטע געמעלער. אפרים האָט זיך

פאַררעדט מיט דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער. זיי האָבן געשמועסט וועגן העכערע זאַכן: קבלה, חסידות, מאַרטין בובער, פרויד, ווילהעלם רייך. פאַר זיי איז ער געווען ווי אַ שארית־הפליטה פון אַמאָליקער יידישקייט, אַ מין מוזעום־שטיק. איז פרויד באַאיינפלוסט געוואָרן פון חסיד׳יזם? זיי וואָלטן נאָך מסתמא לענגער געשמועסט, ווען אַ יונגע נעגערין אין אַ ווייסן פאַרטעך וואָלט זיי ניט מפסיק געווען צום קאַפע־מיט־קוכן.

וואָס שייך מייראַן איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן: אפרים האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ס׳וואָלט גאָרניט נישט געשען; מייראַ האָט אין משך פון טעלערס וואָכן אויסגעמיטן דעם טיש. ער האָט געוואַרט. איין מאָל אַ זונטיק האָט ער באַמערקט אַן אומרו אין אירע באַוועגונגען. זי האָט אַ שפּרייז געטאָן פאַרויס, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס, ווי אַ שיכור׳ע — ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט מיט זיך — און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. זי האָט אים אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן און איר בליק איז אים פאַר־געקומען ווי היפּנאָטיזירט. „ווי עפּעס אַ דיבוק וואָלט אַריין אין איר" — האָט ער שנעל אָפּגעדרייט דעם קאָפּ — „ווי געטריבן דורך אַ בייזן גייסט..."

ער האָט אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג דעם שמועס מיט ד״ר מאַיער, און האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך מער ניט איבערצולאָזן קיין קליינגעלט אין קעשענע. ער האָט אָבער כּסדר געבראָכן זיין באַשלוס. „אויב ניט ביי מיר, וועט זי נעמען ביי די קליינוואַרג" — האָט ער זיך פאַרטיידיקט. מייראַ האָט געוווּסט, אַז ער ווייסט, און איר תאווה האָט אים געגעבן מאַכט איבער איר. ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין שליטה, אָבער ביסלעכוויז האָט ער זיך אַליין פאַר־פלאָנטערט אין אַ נעץ. רעדנדיק צום קלאַס וועגן שמשון און דלילה, האָט ער נאָכגעפאָלגט מייראַס באַוועגונגען צווישן די הינטערשטע בענקלעך. אירע היפטן, פאַררונדיקטע, האָבן זיך געצייכנט אויפן דינעם קלייד און זיך געהוידעט אין גאַנג. ס׳האָט אים אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן און ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. און פּלוצלונג האָט ער תופס געווען פאַר וואָס שמשון האָט זיך כּסדר געשפּילט מיט פייער.

*

דער זמן האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף און אפרים דזשייקאָבסאָן

האָט דערציילט זיינע תּלמידים זיין סאַמע באַליבטע געשיכטע — וועגן דוד און גלית. מיט התפּעלות האָט ער געשילדערט די וואָפן פון ריז: „...און אין אַ פּאַנצער פון שופּן איז ער געווען אָנגעטאָן, און די וואָג פון דעם פּאַנצער איז געווען פינף טויזנט שקל קופּער... און דער קלינג פון זיין שפּיז איז געווען זעקס הונדערט שקל אייזן..."

מיירא האָט זיך אַ שאַר געטאָן אויף די שפּיץ פינגער איבערן צימער. זי האָט געטראָגן אַ לייכט קליידל און אַ דינע קאָלירטע בלוזע. זי האָט אַראָפּגענידערט אויפן שטול און פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס. איר פּנים איז געווען פאַררויטלט פון דער היץ און די ווייסקייט פון אירע אַנטבלויזטע קני האָט אים אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. אַ טראָפּן שווייס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט איבער איר קין צום טאָל צווישן אירע בריסט.

„און דוד האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין דער טאָרבקע און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שטיין, און אַ שליידער געטאָן" — האָט אפרים דזשייקאָבסאָן גערעדט אויפן קול, און זיין שטימע האָט אָפּגעקלונגען הייזעריק אין זיינע אויערן. „און עס איז געווען קעגן אָונטצייט... און דוד איז אַרומגעגאַנגען אויפן דאַך פון מלכ'ס הויז, און ער האָט געזען פון דאַך אַ פרוי זיך באָדן" — האָט אַן אַנדער געשיכטע זיך גענומען פּלאָנטערן אין זיינע רעיונות — „און די פרוי איז געווען זייער שיין פון אויסזען... האָט דוד געשיקט שליחים און האָט זי געלאָזט ברענגען, און זי איז צו אים געקומען, און ער איז געלעגן מיט איר..."

מיירא האָט פאַרוואָרפן איר אָרעם איבערן אָנלען פון שטול און פון איר צעשפּילעטן דעקאָלט האָט אַ ווונק געטאָן צו אים די רונדקייט פון איר בוזים. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן און ווי געלייענט זיינע געדאַנקען. איר בליק איז געווען פול מיט חוצפּה און שפּאָט.

ב

— דו גייסט מיר עפּעס אָרום ווי אַ נעכטיקער — האָט געזאָגט די מיסיס — אַ צע'חוש'טער.

— ניין... יאָ... כ׳מיין, אָט הייבן זיך שוין אָן די וואַקאַציעס — האָט אפרים אַ שטאַמל געטאָן.

— איז אפשר וועסטו פאַרריכטן די נעצן איבער די פענצטער? דורך די לעכער קענען שוין אַדורכגיין העלפאַנטן, ניט נאָר מאָסקיטאָס. און דו גייסט אַרום אַ פאַר׳חלום׳טער.

— כ׳האָב געטראַכט, אַז אפשר זאָל איך היי־יאָר נעמען עטלעכע זומער־קורסן אין קאָלעדזש, אפשר גאָר זיך נעמען צוגרייטן פאַר אַ „מאַסטערס״ — איז אים איינגעפאַלן אַ תּירוץ.

— אין דיינע יאָרן?

זי האָט אים אָנגערירט אין אַ טיפער ווונד. אין זיינע יאָרן!... ווער וואָלט זיך געריכט, אַז אין זיינע יאָרן וועט ער פאַרכאַפּט ווערן פון אַזאַ משוגעת. וואָס וואָלט דער פרעזידענט, מר׳ לעוויטאַן, געזאָגט? דער ראַבאַי? ער האָט זיך געשעמט מיט זיינע זינדיקע מחשבות. אַ צייט־לאַנג האָט ער זיך נאָך געראַנגלט מיט זיך. ער האָט פּרובירט אָפּשפּרעכן די גלוסטעניש מיט פּסוקים: „שני שדיך כשני עפרים... כי עזה כמות אהבה...״, אָבער די הייליקע לשון־קודש׳דיקע ווערטער זיינען זיך צעשוווּמען און אין זיין דמיון איז אויפגעשטיגן מייראַס גוף, אַ גשמיות׳דיקער, בשר ודם, צעבליטע אברים וואָס האָבן צוגעוווּנקען פאַרשייט.

„די זינד הויערט ביי דער טיר... אָבער דו קענסט געוועלטיקן איבער איר״. ער האָט ניט געקענט, און די זינד האָט געוועלטיקט איבער אים. און מייראַ האָט געוועלטיקט איבער אים. ווען ער איז דאַן, נאָך דער בת־שבע־געשיכטע, אַרויס פון קלאַס, איז מייראַ געשטאַנען אין אַ ווינקל פון האָל מיט אַן אייזקרים־קאָנוס אין דער האַנט. איר צורה איז געווען צעפלאַמט פון גאַנג אין הייסן דרויסן. איר רויט צינגל האָט אַרויסגעשטעקט פון צווישן צעעפנטע ליפּן און געלעקט מיט הנאה דעם שוימענדיקן פראָסט פון איבערפולטן בעכער. ער האָט דערשפּירט אַ טרינקעניש אין האַלדז, ווי אַ וואַנדערער אין מדבר. זי האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון אונטער אירע אַראָפּגעלאָזטע וויִעס קוקט־אַרויס שפּאָט, חוזק.

ער האָט פאַרלאָרן די שליטה איבער איר. איצט האָט מייראַ געקראָגן די שליטה איבער אים. ער האָט מורא געהאַט פאַר איר און האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָמענט, ווען זי וועט דערשיינען. ער האָט געגלעט די מטבעות, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין קעשענע, און ס׳איז אים פאַר־געקומען ווי ער וואָלט געגלעט אירע פינגער, וואָס וועלן זיי באַרירן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַקאַציעס און מיירא איז אַוועקגעפאָרן אויף דאַטשע אין די בערג. אָבער איר געשטאַלט איז געבליבן. ער האָט זי געזען אומעטום: אין די צעעפנטע בעכערס פון בלומען אין די עווערגרינער גערטנער און אין די זאַפטיקע מעלאָנען. די קעטסקיל־בערג האָבן זיך פאַרמישט מיט דער לאַנדשאַפט פון תנ״ך און מיירא האָט געזינדיקט ווי אין פאַרצייטיקן כנען: אויף יעדן הויכן בערגל און אונטער יעדן צעגרינטן בוים.

ווען שמועסן מיט ד״ר מאַיער האָט שוין מער קיין רייד ניט געקענט זיין. איצט וואָלט ער גאָר געדאַרפט רעדן וועגן זיך. אַ שיינע מעשׂה: אין זיינע יאָרן וועט ער זיך אויסציִען ביים פּסיכאָאַנאַליטיקער אויף דער סאָפע און וועט רעדן — וועגן וואָס? ער וועט ווידער אַ מאָל דערציילן די „ביבל־סטאָריס“, אָבער נאָר פון דער אַנדער זייט: ווי פּוטיפר׳ס ווייב האָט גערופן יוסף׳ן, אַז ער זאָל ליגן מיט איר, וועגן רחב הזונה און די קדשות ביים בעל־פּעור; ווי אבישג האָט מיט איר יונגפראויאישן לייב געוואַרעמט דאָס בעט פון אַלטן מלך — און ווי זיי האָבן אַלע אויסגעזען ווי מיירא גאָלוב.

ער האָט אַריינגעקוקט אין די מאָדערנע ביכלעך און האָט אַליין געזוכט אַ באַשייד. מייראַס זינד איז איצט געוואָרן אַ מין טרייסט פאַר אים. פאַר וואָס ביי מיר? — האָט ער זיך געפרעגט צום וויפלטן מאָל — דווקא ביי מיר?

— ס׳אַ פאָטער־קאָמפּלעקס! — האָט ער איין מאָל אויסגערופן אויפן קול צו זיך אַליין — אַ סימבאָל פון ליבשאַפט!

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל און דערזען אַן עלטערן מאַן. ער האָט לעצטנס צוגענומען וואָג, און די יאַרמעלקע אויף זיין פּאַטעלניע איז ווי שוואַרצער געוואָרן אויף דער אויסגעשפּרייטער ליסינע.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך ווער אַ ביסל דיק — האָט ערביים אָנבייסן אַ זאָג געטאָן צו דער מיסיס.

— ס'איז דען אַ וווּנדער? אַז דו לאָבסט זיך נאָר מיט פעטע מאַכלים: באָרשטש מיט סמעטענע, געהאַקטע לעבערקעס מיט הינערשמאַלץ, קרעפּ־לעך, בלינצעס.

— מ־מ־מ... — האָט ער אַ ברום געטאָן און שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָלסט געדאַרפט גיין אויף אַ שטיקל דיעטע — האָט זי גע'עצה'ט.

— יאָ, אַ דיעטע... יאָ... — האָט ער מסכּים געווען, אָבער אויסן געווען איז ער גאָר עפּעס אַנדערש, לחלוטין אַנדערש. די הרהורי־חטא האָבן אים לעצטנס געבראַכט אויפן זינען מחשבות וועגן תּעניתים און סיגופים, תּשובה און תּיקון. די מאָדערנע ביכלעך מיט די קאָמפּלעקסן האָבן אין ערגעץ ניט געפּירט. גובר זיין דעם יצר־הרע? אָבער ווי? וואָס? און איין מאָל, בחצי־הלילה, האָט ער דערהערט אַ שטים, ווי אַ בת־קול, וואָס האָט צו אים אויסגערופן אויף אַראַמעיִש לשון: ניתי ספר ונחזי. ס'איז געווען ווי אַ רוף פון אַ ווייטן אַמאָל, און ער איז מיט אַ מאָל פאַרוואָרפן געוואָרן פון עווער־גרין נ. י. אויף פיר מאָל ת"ק פּרסאות און צענדליקער יאָרן אין שטעטל אַריין, און אפשר נאָך ווייטער, אַזש אין דער הייליקער שטאָט צפת, צווישן די רביים און תּלמידים פון אר"י הקדוש.

אין נגלה האָט ער זיך שוין פריִער עוסק געווען. קיין גאָר גרויסער למדן איז ער ניט געווען. אין דער אַלטער היים האָט ער געלערנט אין חדר און נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ יאָר אין אַ ישיבה. באַלד נאָך בר־מצווה איז ער געקומען מיט טאַטע־מאַמע קיין אַמעריקע. מען האָט זיך גענומען גרייטן אויף שנעל צו האַי־סקול, אָניאָגן. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער איינגעקויפט עטלעכע ספרים אויף לשון־קודש, מיט ענגליש־טייטש ביי דער זייט. זיי זיינען געשטאַנען, פאַרגעסענע, צווישן די קאַלעדזש־ביכלעך און בעסט־סעלערס.

לעצטנס האָט ער זיך גענומען אַריינקוקן אין זיי. אָבער זיי, די חז"ל, האָבן געערעדט צום שׂכל: „ואל תּרבה שׂיחה עם האשה" און „כּל המרבה שׂיחה עם האשה... סופו יורש גיהנום". ער האָט עס שוין סיי־ווי געוווּסט.

האָט ער דען ניט געלעבט אין אַ מין אייגענעם גיהנום? אָבער וואָס טוט מען? מיטן שׂכל וועסטו דעם יצר־הרע ניט גובר זיין.

אויך וועגן נסתר וואָלט ער געקענט הערן אין עווערגרין גופא. אין סענטער „אהבת שלום" פלעגט מען איינלאַדן באַרימטע מענטשן פון גייסט און זיי האָבן דאָרט געהאַלטן לעקציעס וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן סאַרטרס עקזיסטענציאַליזם, הערמאַן וואָוקס בעסט־סעלערס, טי. עס. עליאָטס פּאָעזיע, וועגן וואָס נישט? און אויך וועגן מאַרטין בובערס חסידות און גרשום שלומס קבלה. ס'איז לעצטנס אפילו אַריין אין דער מאָדע. אפילו די ביטניקס פון עווערגרין האָבן זיך לעצטנס פאַרליבט אין קבלה.

אָבער אפרים האָט ניט געוואָלט שעפּן פון אַ צווייטער כּלי. פון מקור האָט ער געוואָלט שעפּן. איז אויב ניט צו די סאַטמאַרער אין וויליאַמסבורג אָדער צו די לובאַוויטשער אין קראַון־הייטס, איז ער לכל־הפחות צוגעפאָרן אין אַבראַמאָוויטשעס ספרים־געשעפט אויפן ראָג פון קאַנאַל־סטריט און איסט בראָדוועי.

אַ ווײַלע האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער דער געגנט, ווו ער האָט געוווינט אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. אויף דער הויפּט־עוועניו זיינען נאָך געהאַנגען שילדן פון „רבי מאיר בעל־הנס" און „בית וועד לחכמים ואנשי־תורה", וואָס האָבן אָנגעבאָטן צו זאָגן „קדיש" נאָך אַ נפטר און צוגעזאָגט צו לערנען אין זיין יאָרצייט אַ פּרק משניות פאַר זיין נשמה, אָבער אין די קאַלט־וואַסער דירה'ס מיט די פאַרזשאַווערטע פייער־טרעפּ פון די זייטיקע גאַסן האָבן זיך אַריינגעקליבן נעגער און פּאָרטאָריקאַנער. אין קליינעם פּאַרק קעגנאיבער די יידישע צייטונגען האָבן געדרימלט אַלטע לייט און אַ כאָפּטע שלעפּער־וואַגאַבונדן האָבן געזופט ב'קאָמפּאַניע פון איין פלעשל. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די טויזנטער פענצטער פון די „פּראָיעקטן"־בנינים, וואָס מען האָט דאָ לעצטנס אויפגעשטעלט. פון דער וויטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי גיגאַנטישע בינשטאָקן. פון דער ווישטאַווע פון אַבראַמאָוויטשעס קראָם האָבן אַרויסגעקוקט לשון־קודש'דיקע ספרים, מאָדערנע העברעיִשע ראָמאַנען פון ארץ־ישׂראל, סידורים, פּאָעזיע ביכלעך אויף יידיש, טליתים, ווי אויך ענגלישע בעסט־סעלערס.

אין קראָם איז געווען ליידיק. נאָר פּאָרנט, ביי דער קאַסע, האָט אַ יונגע

אַמעריקאַנער מאַמע צוגעקליבן אַ פּאָר תּפילין פֿאַר איר זון, דעם בר־מצווה־בחור. אפרים האָט זיך אַ שאַר געטאָן צווישן די געשטעלן, האָט אַרויסגענומען אַ ספר דאָ, אַ ספר דאָרטן, אַריינגעקוקט, געבלעטערט, זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און גענומען לייענען מיט אַ סדר, און באַלד איז ער אַוועקגעפֿלויגן אין ווייטע עולמות, אין ספֿרן וואָס זיינען נאָענט געווען צו זיין געמיט — ענינים פֿון זינד און תּשובה, קדושה און טומאה, חרטה, תּיקון. אַ סברה, אַז פֿאַרן עסן פֿון עץ־הדעת איז גאָרניט געווען קיין טוב ורע, ערשט נאָך דעם איז געקומען די צעטיילונג אויף צוויי: שלעכטס און גוטס, קין און הבל; קין — פֿון דער סטרא דרע, און הבל — פֿון דער סטרא דטוב. אָבער אויך אין דער סטרא אחרא, אין דער טומאה, זיינען פֿאַראַן ניצוצין קדושים, הייליקן פֿונקען...

ס׳הייסט אַז אויך אין זיין זינדיקער תּאווה זיינען געווען פֿונקען פֿון קדושה — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — ווו? ווי?

און מען דאַרף אַרויסקלייבן דאָס גוטע פֿונעם שלעכטן און מתקן־זיין די פֿאַרשטויסענע נשמות; און מען דאַרף אויסלייזן די ניצוצין קדושים, וואָס זיינען אַראָפּגעפֿאַלן אין דער סטרא אחרא. אַ מאָל איז אפֿילו בויטיק אַ ירידה לשם אַ שפּעטערדיקער עליה.

ער האָט ווידער מפסיק געווען. זיין בליק האָט געוואַנדערט איבער די פֿאַליצעס ספֿרים: הייליקע כּתבֿים, יידישע מעשה־ביכלעך, ספֿרי־חול. אומעטום זיינען געווען הייליקע פֿונקען. אפשר איז עס אויך ביי אים געווען אַ ירידה לצורך עליה? אפשר...

ער האָט זיך פֿאַרלייענט ביז שפּעט. אַ פֿאַרקויפֿערין האָט איינגעזאַמלט די צעשפּרייטע ביכער און זיי אַוועקגעשטעלט אויף זייערע ערטער. אפֿרים האָט אַראָפּגעגאַנגענדערט טיף אונטער דער ערד און איז איינגעשטיגן אין סאָבוועי. אין חלל איז געהאַנגען אַ הייסע פֿאַרע. פֿאַרשוויצטע לייבער האָבן זיך צונויפֿגעדריקט אין דער הייסער לופֿט. אויף דער פּענסילווייניע־סטאַציע איז ער אַריבער אין דער לאָנג־איילענד־באַן. ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט אַ קיל ווינטל אַ בלאָז געטאָן דורך די אָפֿענע פֿענצטער. באַלד האָט דער וואַגאָן זיך געגליטשט צווישן פֿעלדער, וועלדלעך און אָזיערעס.

ס׳רוב עולם האָט אַריינגעקוקט אין טאַבלאָיִד־בלעטער, וואָס זיינען יוצא געווען מיט עטלעכע שורות פּאָליטיק און דערציילט לאַנגע מעשׂה׳ס וועגן מאָרדן, האָלד־אַפּס, לינקע ליבעס. אַ טייל פּאַסאַזשירן זיינען געווען פאַרטיפט אין די לאַנגע ליסטעס פון אַקציעס אויף דער ניו־יאָרקער בירזשע: פּרייזן, דיווידענדס, ריווחים.

און מיט אַ מאָל איז אים איינגעפאַלן: אפשר איז עס געווען אַ רמז פון אויבן? זעקס־און־דרייסיק יאָר האָט ער דערציילט די געשיכטעס פון תּנ״ך — און מיט וואָס איז ער געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע אָרום? ויהי כּאחד האדם — אויך ער איז געזונקען אין די הבלי העולם הזה. וואָס איז אים באמת געלעגן אין זינען? אַ הוספה, אַ נייע קושעטקע אין ליווינג־רום, אַ גוטער אָנצוג (אַ מציאה אויף אַן אויספאַרקויף, בזיל־הזול!), אַ געשמאַקער ביסן. איז אפשר דער נסיון געווען אַ רמז פון אויבן: ירידה לצורך עליה?

צומאָרגנס איז ער באַצייטנס געקומען אין דער ספרים־קראָם און זיך געשטעלט אין אַ ווינקל מיט אַן אָפענעם ספר׳ל אין דער האַנט. ווי ווערן די הייליקע ניצוצין אויסגעלייזט פון דער טומאה?... ס׳איז ניט גענוג אַרויס־צוהייבן די קדושה פון דער טומאה, נאָר מען דאַרף פאַרבעסערן דאָס בייז גופא. און מען דאַרף דערהויבן די קדושה גופא און זי דערפירן צו שלמות. פאַר דעם צוועק זיינען פאַראַן ג ל ג ו ל און ע י ב ו ר. די נשמה ווערט מגולגל ביז ד׳ פּעמים, כּדי מתקן צו זיין דאָס בייז, וואָס זי האָט פריִער געזינדיקט.

און וועמענס גלגול זיינען זיי אַלע? — האָט ער געטראַכט פאַרנדיק פאַרנאַכט אין געפּאַקטן סאַבווײ. איינגעקלעמט צווישן שטייענדיקן עולם, האָט די רונדקייט פון אַ פולער פרויען־ברוסט באַרירט זיין אָרעם. און מייראַ? ווער איז מגולגל געוואָרן אין מייראַן? מייראַ איז מרים. מרים הנביאה? דער וואַגאָן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און ער האָט דערשפּירט די וואַרימקייט פון פרויען־לייב. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן: אפשר... אפשר די מאַגדאַלענאַ, ר״ל?

אפרים איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין ספרים־געשעפט. ער האָט זיך איינגעקויפט עטלעכע ספרים און לשון־קודש׳דיקע ווערטער־ביכער,

כּדי תּופס צו זיין ווי געהעריק די ענינים, אין וועלכע ער האָט זיך פאַר־טיפט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין די נעכט האָט ער געפּראַוועט התבודדות, אָבער ביי טאָג האָט עס אים געצויגן צום ציבור. שטייענדיק אין אַ ווינקל, צווישן די הונדערטער חיבורים און קונטרסים, איז אים פאָרגעקומען ווי ער וואָלט געאָטעמט די לופט פון די אַמאָליקע דורות אין צפת און ספרד, ווי ער וואָלט זיך מתייחד געווען מיט די נשמות פון די פאַרצייטיקע יודעי־ח״ן, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין מאַנהעטן, אויפן ראָג פון קאַנאַל־סטריט און איסט־בראָדוועי.

און ער גופא — וועמענס גלגול איז אין אים אַריין? אפרים... „ישימך ה׳ כּאפרים וכמנשה". איין מאָל איז מנשה, דער מלך פון ישׂראל, געקומען צו חלום דעם אמורא רב אשי. האָט רב אשי צו אים געזאָגט: „סטייטש, ווי קומט עס, אַז דו, אַ מלך בישׂראל, זאָלסט גאָר דינען דער עשתּורת?" האָט מנשה געזאָגט: „אַי, רב אשי, רב אשי, ווען דו וואָלסט געווען אין מיין צייט און וואָלסט זי געזען, וואָלסטו פאַרקאַשערט די פּאָלעס פון דיין קאַפּאָטע און וואָלסט איר נאָכגעלאָפן..."

אפרים האָט געזוכט אַ רמז פאַר זיינע נסיונות, און ער האָט געפונען — און ניט בלויז אַ רמז: „אַלץ וואָס דער רבש״ע האָט באַשאַפן, האָט ער באַשאַפן אין זוגות, פאַרלעך: הימל און ערד, די זון און די לבנה, אדם און חוה... די הזדווגות פון מאַן און פרוי איז ווי דער סוד פון דער יצירה. אַפילו די תּאווה קען דערהויבן ווערן צו אַ מדרגה פון הייליקייט. ווען אַן איש און אַ אשה זיינען זיך מתייחד ביחוד גמור אין קדושה, איז גאָר נישטאָ קיין העכערע קדושה ווי די קדושה פון זיווג. אָבער ווען איז עס אַלץ גערעדט געוואָרן? אַז די אהבה איז בקדושה. אָבער אויב ניט, ווערט די נשמה געפאַנגען דורך לילִיתן..."

ג

איין מאָל האָט דער שׂטן אים פאַרפירט אַפּ־טאַון. פאַרנדיק פאַר נאַכט פון דער ספרים־קראָם, האָט דער שׂר־השכחה אים צעמישט די רעיונות און ער איז גאָר אויסגעשטיגן אויף בראָדוועי און דער 96־ער גאַס. ער

האָט זיך פּאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט פּלוצלונג פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ פיינטלעך לאַנד. עפּעס האָט ער געהאַט געהערט, אַז דאָ אַרום, אין די רומינג־הייזער פון די זייטיקע גאַסן, ווימלט עס מיט נעסטן פון זינד — דראַגס, פאַרשייטע פרויען, משכב־זכר אַפילו. אין בין־השמשות׳דיקן חלל איז געהאַנגען אַ פייכטער טומאַן. פון די שטיינערנע ווענט האָט געשלאָגן די איינגעזאַפּטע היץ. דער ברייטער בולוואַר האָט געאָטעמט שווער און אויסגעזען ווי אַ גלגול פון אַ דזשונגל אָןביימער.

אַ פאַרבאַרגענע קראַפט האָט געשטויסן אפרים׳ען אַריבערצוטראָגן די שלאַכט אויף דער טעריטאָריע פון שונא. פון רויטלעכן נעפּל פון אַ באַר האָט אים צוגעוווּנקען אַ דיק־געשמינקטע פרוי. אויפן ראָג האָט אַ מיידל אַ לאַך געטאָן צו אים: „איר האָט אַ סיגאַרעט, מיסטער?" ער האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ שטים הינטער זיך:

— ווּהין גייסטו, מענטש?

די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען ווי אַ רוף צו חשבון־הנפש: „מאין אתה בא ולאן אתה הולך?" אפרים האָט זיך אומגעדרייט.

— העללאָו, גוט נ׳אָוונט מיסטער, וואָס מאַכט איר? — האָט די שטימע איצט גערעדט ערדישער. זי איז דערגאַנגען פון אַ פינצטערן קאָרידאָר. אויפן שוועל איז דערשינען אַ פול־לייביקע, טונקל־הויטיקע געשטאַלט. אין גרויען אָוונט־ליכט האָט זי אויסגעזען ווי אַן אור־פרוי: אַ גרויסער בויך, ריזיקע בריסט, צעשוואָלענע היפּטן.

— גוטן אָוונט, לעידי — האָט אפרים אַ מורמל געטאָן.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, און פון צווישן אירע דיקע צעעפנטע ליפּן האָבן אַרויסגעקוקט עטלעכע עלנטע ציין. „אויב דער יצר־הרע האָט זיך פאַרשטעלט אין איר גוף, האָט ער אויסגעקליבן אַ מאָדנעם לבוש" — האָט אפרים אַ קלער געטאָן — „אָבער וואָס ווייסט דען אַ מענטש וועגן די דרכים פון יצר־הרע?" די ווייסלען פון אירע אויגן האָבן אַ בלינצל געטאָן אין טונקעלן אַרום:

— איר קענט זיך פאַרגינען אויסצוגעבן אַ צענערל, מיסטער?

— אָה ניין, ניין! — האָט ער געמאַכט אַ שריט אויף צוריק — כ׳אײַל זיך...

— ש־ש־ש, יאָגט זיך ניט! וואָס איז די איילעניש, מיסטער? קומט, מיר׳ן שוין דורכקומען. איר זעט מיר אויס צו זיין אַ פיינער מאַן, און איר וועט ניט קריוודען אַן אָרימע פרוי. און איר וועל זיין גוט צו אייך — האָט זי אַרויסגעשטעקט איר צונג און באַלעקט מיט כוונה די ליפּן — קום, ס׳איז דאָ באַלד.

— איר ווינט נישט דאָ?

— ניין, דאָ איז נאָר מיין פּאָזיציע. יעדן אָוונט.

אפרים האָט ניט געהאַט קיין האַרץ איר מעיז־פּנים צו זיין. זיי האָבן זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ, צום טייך צו. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט, צי ער גייט איר טאַקע נאָך. אויך אין דער טומאה זיינען פאַראַן פונקען פון קדושה — האָט ער געטראַכט. זי האָט אפשר ניט עטלעכע דאָלער צו באַצאָלן דירה־געלט. אפשר האָט זי אַ קינד, צוויי, דריי, און זי בויטיקט זיך אין די עטלעכע סענט צו קויפן ברויט פאַר די קינדער, אַ פּאָר שיכלעך, אַ פלעשל מילך. מען דאַרף אַרויסקלייבן די הייליקע ניצוצין און זיי געבן אַ תיקון...

— וואָס מורמלט איר, מיסטער? — האָט זי פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט — איר דאַווענט?

— אָה? — האָט אפרים זיך אַרומגעקוקט — וווהין גייען מיר?

— ס׳איז שוין באַלד, נאָך עטלעכע הייזער.

די גאַס איז געווען פּוסט, מען האָט ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש. אונטן, לענגויס דעם האָדסאָן, האָבן זיך געשוואַרצט דיביימער פון דראַיוו. אַ שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט: וווהין פירט זי אים? זיי זיינען אַרויף עטלעכע טרעפּלעך און אַריין אין אַ גרויסן האָל. אַ ברייט־פּלייציקער נעגער האָט געדרימלט אויף אַ בענקעלע לעבן דער ווינדע. ער האָט געעפנט איין אויג און גלייכגילטיק אָנגעקוקט די געסט. זי האָט זיך פאַרנומען צופוס מיט די טרעפּ און זיי האָבן געוואָנדערט דורך אַ לאַבירינט פון טונקל־באַלויכטענע קאָרידאָרן. זיין פּחד איז געוואַקסן און כל׳ערליי מיתה־משונה׳ס זיינען אים געקומען אויפן רעיון: מ׳עט אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ און אַריינ־

וואַרפֿן אין טייך; זיי וועלן אים אַריינשטופּן אין ברענענדיקן אויוון אונטן אין קעלער.

סוף־סוף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ פּינטל געטאָן צו אים מיט אַן אויג און אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר — איין מאָל, צוויי מאָל, צוערשט שטיל, דאַן העכער.

— קיינער נישטאָ! — האָט זי געזאָגט.

— קיינער ניט!! — האָט אפרים אויסגערופֿן ווי אַן עכאָ, און זיין קול האָט אָפּגעהילכט טעמפּ איבער די פּוסטע קאָרידאָרן, מיט אימה, ווי ער וואָלט פֿלוצלונג תּופֿס געווען די איינזאַמקייט פֿון מענטש אין אוניווערס.

— מיינע אַ חבר'טאָרין וווינט דאָ — האָט זי געזאָגט — איך ווייס ווייט פֿון דאַנען, אָבער דאָ אַרבעט איך. איז זי פּונקט נישטאָ אין דער היים.

„ס'איז מן השמים" — האָט אפרים דערפֿילט אַ דערלייכטערונג און אַ גראַבל געטאָן אין קעשענע.

— אָל־ראַיט, אויב אַזוי וועל איך שוין גיין — האָט ער געזאָגט און איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט צוויי גרינע פּאַפּירלעך — ס'מאַכט ניט אויס, נעמט סיי־ווי! אָבער ווי גייט מען אַרויס פֿון דאַנען?

זי האָט געוואָרפֿן אַ שנעלן בליק אויף די עטלעכע דאָלער און זיי אַריינגעשטעקט אין איר האַנט־טאַש:

— וואַרטסט! וויבאַלד איר לאָזט זיך שוין סיי־ווי קאָסטן, איז שוין נאָך עטלעכע דאָלער. כ'האָב פֿיינט סתּם אַ נדבה. לאָמיר נאָך פּרובירן אונטן, דאָרט וווינט מיינער אַ באַקאַנטער. אַן „ער־זי" — האָט זי אַ פֿליסטער געטאָן.

— אַ וואָס?

— אַן „ער־זי", אַ זכר וואָס מאַכט אַ לעבן פֿון מענער, ווי אַ נקבה.

— אוי, ווי איז מיר — האָט אפרים אַ זיפֿץ געטאָן.

— און וואָס איז אייער פּראָפֿעסיע, מיסטער? אַ מיליאָנער אין וואָל־סטריט?

ער איז איר נאָכגעגאַנגען איבער טונקעלע טרעפּ פֿון אַ הינטערשטן גאַנג. וואָס זאָל ער איר זאָגן? אַז ער איז עוסק אין מיסטיק? אַז זי איז אפשר גאָרניט קיין גאַסנפֿרוי, נאָר אַ פֿאַרשטויסענע נשמה וואָס בלאָנדזשעט

אין עולם־התוהו און וואַרט אויף אַ תיקון. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ קאָרידאָר און זי האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר מיט געציילטע קלעפּ, ווי לויט אַ שיפר.

אַ שליסל האָט אַ סקריפּ געטאָן און אין שמאָלן שפּאַלט פון דער געעפנטער טיר איז דערשינען אַ יונגערמאַן אין אַ שלאָפראָק, מיט לאַנגע האָר און געשמינקטע ליפּן.

— העי, מאַד, העללאָו! — האָט ער באַגריסט די פרוי און איז אַרויס אין קאָרידאָר.

אפרים האָט אַ בליק געטאָן אינעווייניק. אין אַ קרייז, אויף אַ טעפּעך, זיינען דאָרט געזעסן אַ כאַפּטע יונגעלייט אין תחתונים. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן אויף צוריק, און פון דער ווייטנס האָט ער אויפגעכאַפּט דעם משׂא־ומתן ביי דער טיר:

— דריי טאָלער — האָט דער ער־זי געזאָגט.

— פון וואַנען זאָל איך נעמען אַזאַ מאַטביאַ? — האָט גע׳טענה׳ט מאַד — צוויי, גוט?

— ער זעט מיר אויס צו זיין אָנגעשטאָפּט מיט ממתקים.

— ווייס איך וואָס! אַ שלימזל... אַ קבצן... עפּעס אַ הייליקער!

— מיר זיינען אַלע הייליקע אֶביונים. נו, גוט, זאָל זיין צוויי — האָט ער אויסגעשטרעקט אַן אָפענע דלאָניע — אָבער נאָר אויפן בעטל אין קיך. גענוג גוט פאַר אים.

„דאָס בעטל פון סדום!״ — האָט אפרים אַ ציטער געטאָן און זיך גענומען שאַרן הינטערוויילעכטס. ביים עק פון קאָרידאָר האָט ער זיך אומגעדרייט און אָנגעהויבן לויפן.

„העי, מיסטער, ווהין לויפסטו? — האָט ער דערהערט אַ געשריי הינטער זיך, און אַ הילכיק כאַכאָטשען האָט אָפּגעהילכט צווישן די ווענט. דער ברייט־פּלייציקער נעגער אין האָל האָט געעפנט ביידע אויגן, אָבער זיך ניט גערירט פון אָרט. אפרים איז געלאָפן מיט די גאַנצע כוחות באַרג־אַרויף. ער האָט געוווסט ווו ער איז געווען: ביי די טויערן פון גהינום התחתון.

ערשט אויפן ראָג פון בראָדוועי האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק. אין דער ווייט, אויף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג פון טייך, האָבן געלויכטן מיט ריזיקע אותיות די שילדן פון „אַלומינ־יום קאָמפּאַני אָוו אַמעריקאַ" און „סטאַנדאַרד אויל אָוו ניו־דזשוירזי". אפרים האָט זיך דערמאָנט, אַז משיח זיצט צווישן די אָרעמעלייט ביי די טויערן פון רוים און וויקלט זיינע וווּנדן. ווען ער האָט אַראָפּגענידערט די טרעפּ פון סאַבוועי, האָט ער מער ניט געוווּסט אויף זיכער, ווו ער איז געווען און אויף וועלכער וועלט ער איז. דער צוג האָט זיך אַ יאָג געטאָן מיט האַסט אין פינסטערן טונעל.

ד

ער האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין די ספרים׳לעך און זיך באַמיט מכוון־צו־זיין צו די הייליקע רעיונות, אָבער במסתרים האָבן זיי פאַרמישט זיינע געדאַנקען מיט הרהורי־חטא און אַרויסגערופן על משכבו בלילות זינדיקע זעונגען אין זיין דמיון. ער האָט זיך געסטאַרעט צו טראַכטן וועגן מייראַן מיט אהבה שבקדושה, אָבער די רייד וועגן הזדווגות האָבן געוועקט אין אים ערדישע גלוסטונגען, גשמיות׳דיקע תאווה. און ער האָט זיך געזאָגט, אַז ער מוז גובר זיין דעם יצר־הרע אויף זיין תחום טאַקע, אויפן תחום פון גשמיות: פאַסטן תעניתים, זיך מסגף זיין.

און ס׳איז געווען אַ פאַסיקע צייט פאַר תעניתים און סיגופים. די מיסיס איז — ווי יעדן זומער אין דער צייט — אַוועקגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט: צו ערשט אויף אַ וויזיט צו דער אויסגעגעבענער טאָכטער, אַדעל, אין ברוקלין; דערנאָך — צו דייוויד׳ס משפּחה אין פילאַדעלפיע; דאַן — צו דער ייִנגסטער טאָכטער, די לערערין, וואָס האָט יעדן זומער געדונגען אַ באַנגאַלאָו אין מאָנטיסעלאָ, אין די קעטסקילס.

די מיסיס איז טאַקע אַוועקגעפאָרן, אָבער דער רעפרידזשערייטאָר איז געבליבן. איידער זי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט זי אָנגעפילט דעם קילשראַנק מיט אַלערליי מאַכלים, וואָס זי האָט אַליין פאַרבאַרייט: געהאַקטע לעבער, אַ שיסעלע פוס־נאָגי, אַ געבראָטן הינדל, סלאָיקעס

געפּילטע פיש, גלעזער קאָמפּאָט. פּאַרפּאַלן, ס׳אַן עבירה אַרויסצווואַרפן, האָט ער קודם־כּל געמוזט אַלץ אויפעסן — און ס׳האָט געקלעקט אויף שיינע עטלעכע טעג.

ס׳איז אָבער געווען ווי אַ סעודת־מצווה, ווי פאַרפאַסטן ערב יום־כּיפּור, אַ שטייגער. דערנאָך האָט ער געפאַסט אַ פולן מעת־לעת, פון זון־פאַרגאַנג ביז צום זון־פאַרגאַנג, און האָט אָנגעביסן מיט די שיריים פון זאַפּאַס. אין די קומענדיקע טעג איז ער אָפּגעקומען מיט שה״י־פּה״י. ער האָט זיך בוהג געווען צו עסן טרוקן ברויט מיט וואַסער בצמצום און אַ ביסל קאָמפּאָט אין אָוונט, און פון צייט צו צייט האָט ער אָפּגעריכט אַ פולן תענית.

אין אָנהויב האָט דער הונגער אים געמאַטערט און אַפילו פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון גשמיות, ווייל דער חשק צום עסן האָט באַוועלטיקט זיין גאַנצן יש, דעם גוף און די נשמה, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן לייכט און אויסגעלייטערט. ער האָט זיך באַפרייט פון קטנות־דמוחין און זיך טייל מאָל אויפגעהויבן און געקוקט ווי פון אַ ווייטן שטערן אויף די הבלי העולם הזה: די קליינע השׂגות פון טאָג־טעגלעכן לעבן, מלבושים, בילס, קנאה־שׂנאה, חיי־שעה. אין זיין התבודדות, פאַרטיפט אין העכערע ענינים, איז ער פון צייט צו צייט דערגאַנגען צו ביטול־היש און התפשטות־הגשמיות.

דער ענין פון טבילה איז שוין געווען האַרבער. די פּאַרצייטיקע מקובלים — האָט ער געוווּסט — האָבן זיך גע׳טובל׳ט אין מיקווה אָדער גאָר אין בערגיקע באַכן און קאַלטע וואַסער־שטראָמען אונטערן פרייען הימל. אָבער אין עווערגרין איז נאָך דערווייל קיין מיקווה ניט געווען. עס זיינען דאָרט געווען סווימינג־פּולס, אָבער אין זייערע וואַסערן זיינען אַרומגעשווומען האַלב־נאַקעטע נימפעס אין ביקיניס. דער אוקינוס הגדול איז געווען ניט ווייט, אָבער זיינע פּלאַזשעס זיינען געווען באַדעקט מיט פאַרביקע פּאַראַסאָלקעס, טראַגבאַרע ראַדיאָס וואָס האָבן געהילכט מיט זינדיקע שלאַגערס, און כּל־המינים אַנטבלויזטע זכרים און נקבות.

בלית־ברירה האָט ער געמוזט יוצא־זיין מיט דער גרויסער וואַנע. כּדי עס זאָל ניט זיין ווי סתּם אַ באָד, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך צו טובל׳ען קאַלט. ער האָט אָנגעפילט די וואַנע און זיך אָפּגעטונקט. אָבער דאָס וואַסער

איז געקומען ממעמקים, פון אונטערערדישע טיפענישן, און אַזוי ווי אפרים איז געווען צוגעווױנט צו וואַרימע בעדער, און דערצו איז ער נאָך געווען אָפּגעצערט פון די תּעניתים און סיגופים, האָט דאָס קאַלטע וואַסער פאַר־גליווערט זיין חוט־השדרה און דורכגענומען מיט פראָסט זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

„אוי, אַ טראָפּן וואַרימקייט!" — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און אויסגע־שטרעקט די האַנט צום קראַן פון הייסן וואַסער. און ווי נאָר ער האָט געגעבן אַ פּתחון־פּה דעם שטן — —

לילית האָט געלויערט אומעטום, אַפילו אין קאָכעדיקן וואַסער־קעסל אונטן אין קעלער. תּחילת האָט זי זיך אַפילו איינגעהילט אין אַן איצטלא פון קדושה. אפרים האָט זיך לעצטנס מתעסק געווען מיט גימטריאות, צירופים און נוטריקונס, און ליגנדיק אַן אויסגעצויגענער אין לעבלעכן וואַסער, איז אים איינגעפאַלן אַן אייגענע גימטריא: מיירא איז מירא — און מירא און אפרים האָבן געהאַט די זעלביקע אותיות, ביידע בגימטריא 251. נאָך מער: אפרים פאַרקערט האָט זיך געלייענט מירא. דאָס וואַסער איז וואַרעמער געוואָרן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין אפרים איז פאַראַן איין אות מער. וואָס זאָל עס באַטייטן? אַ רמז מסתמא. וואָס? מען וועט דאַרפן געפינען דעם פּתרון. „פּ" איז אַ ראשי־תּיבות פון פּתרון... פּתרון־חלום... פּלאי־פּלאים! פּענח... צפנת־פּענח...

זיינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט און זיין קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט נידעריקער. דאָס שנירעלע וואַסער פון וואַרעמען קראַן איז הייסער געוואָרן, קאָכעדיק כמעט. דער חדר איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ געדיכטן נעפּל.

און פּלוצלונג איז פון ערגיץ־ווו דערשינען מיירא — ווי אַרויסגערופן דורך אַ צירוף, אַ באַשווערונג. זי איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן. אויך זי האָט זיך געגרייט צו טבילה — ווי אַ כּלה נאה וחסודה. שעמעוודיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, האָט זי אויסגעטאָן אירע מלבושים. איר גוף איז געווען כּולו רוחניות, נאָר אירע בגדים זיינען געווען גשמיות. זי האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די געוואַנדן ווי אין אַ מין התפשטות־הגשמיות. אפרים האָט דערפילט איר וואַרעמקייט, וואָס איז אַלץ נענטער און נענטער געוואָרן

און האָט דורכגענומען זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים — און אים איינגעהילט אין אַ הייסן וואָלקן.

אָבער ממעמקים איז אַ באַהאַלטענע שרעק אויפגעשטיגן אין אים: זיווג בקדושה אָדער, ר״ל, אַ זיווג פון סמאל מיט לילית? און מיט אַ מאָל איז ער אויפגעשפּרונגען אין פּאַניק. באו מים עד נפש — זיין קאָפּ איז כּמעט ווי געזונקען אין וואַסער און מוטנע טראָפּנס האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ניט־טויט, ניט־לעבעדיק האָט ער אַרויסגעשטעלט די פּיס אויף דער יבשה. דער חלל איז געווען פול מיט הייסער פּאַרע און ער האָט קוים געפונען דעם וועג צום אַרויסגאַנג. ער האָט זיך אויף שנעל איינגעוויקלט אין עטלעכע גרויסע האַנטיכער, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון אַ פּאָליצע. זיין גוף האָט זיך געטונקט אין הייסן שווייס און אויף זיין שטערן האָבן אַרויסגעשלאָגן דיקע טראָפּנס קאַלטער שווייס.

ער האָט פאַרוואָרפן אַ שלאָפראָק אויף די אַקסלען און אָנגעטאָן די סאַמעטענע יאַרמעלקע. ווער ווייסט? ס׳איז אפשר געווען איבער זיינע כּוחות? געקלעטערט צו הויך! אפשר איז ער ניט געווען ראוי, אָדער — לא אכשרא דרא? פון עווערגרין ביז צפת איז אַ ווייטער וועג — אַ מהלך פון דריי הונדערט יאָר, פינף הונדערט, נאָך מער אפשר. ארבעה נכנסו לפרדס, פיר זיינען אַריין אין פּרד״ס... בן עזאי הציץ ונפגע... און נאָר איינער, רבי עקיבא, נכנס בשלום ויצא בשלום. דערווייל איז ער אויך אַרויס בשלום; ער איז אָבער כּמעט ווי געוואָרן אַ מתחייב בנפשו. ס׳איז אים געווען שוואַך אונטערן האַרצן און ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פּיס. ושמרתם לנפשותיכם — אָבער דער קילשראַנק איז געווען ליידיק און אין שטוב איז ניט געווען ניט צום בייסן און ניט צום ברעכן. ער האָט זיך אָנגעטאָן, איז אַרויס אין גאַס און איז איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס, וואָס איז געפאָרן אין „שאָפּינג־סענטער״. ס׳איז נאָך אַ נס, וואָס מען האָט לעצטנס געעפנט אַ כּשר׳ן רעסטאָראַן אין עווערגרין: מיט געקאָכטע פלאַנקען, געפילטע פיש און שאר־ירקות. עווערגרין האָט זיך געמענטשלט, איז געוואָרן מיט לייטן צוגלייך.

ה

דער זמן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך די ימים־טובים, אָבער סוכּות פּלעגן די קינדער פון „היברו" פּראַווען אַ שמחה אין דער סוכּה, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין הויף פון „אהבת שלום". עס זיינען געפאַלן רעגנס און ביי נאַכט האָט געוואָיעט אַ האַרבסטיקער ווינט. די בלומען אין די גערטנדלעך האָבן אָנגעהויבן וויאַנען. צו דער רעגיסטראַציע גלייך נאָך „לייבאָר־דעי" איז ביל געקומען אַליין, אָן מייראַן. ער איז שוין אַ גרויסער — האָט ער געזאָגט — און ער וועט פאָרן אין „היברו" מיטן אויטאָבוס, צוזאַמען מיט חברים'לעך פון זיין געגנט.

אפרים איז געווען רויק און רעזיגנירט, ווי אַ בוים וואָס האָט זיך געגרייט צום ווינטערשלאָף. ער איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען ווי לאחר־יאוש, ווי איינגעטונקט אין הבל־הבלים'דיקייט. אָבער מוצאי יום־כּיפּור איז מייראַ אומגעריכט דערשינען אין סענטער:

— אויב איר ווילט, מר' דזשייקאָבסאָן, וועל איך אייך אַרויסהעלפן ביים פאַרפּוצן די סוכּה.

— גוט, מייראַ, מאָרגן נאָך מיטאָג וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

צו מאָרגנס איז ער געקומען באַצייטנס. אַ ווילע האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אָבער דער יצר־טוב האָט גובר געווען און ער האָט אַרויס־גענומען דאָס קליינגעלט פון זיין רעקל־קעשענע און עס פאַרשלאָסן אין טישקעסטל פון זיין שרייבטיש, כּדי ניט צו שטעלן מייראַן פאַר אַ נסיון. די סוכּה איז געווען אַ באַראַקל, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר באַנוצט געוואָרן ווי אַ סקלאַד. מייראַ איז געקומען אָנגעטאָן אין בלויע דזשינס — ווי ס'פּאַסט זיך צו דער אַרבעט — און אַ רויטן, איינגעפּאַסטן סוועטער. דער דזשעניטער האָט אויסגערוימט די טראַנטעס פון באַראַקל און אַריינגעשטעלט אַ הויכן לייטער. מר' דזשייקאָבסאָן האָט אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל, און די צוויי שיפּועים פון דאַך האָבן זיך פּאַמעלעך צעעפנט און אַנטפּלעקט דעם הימל.

מייראַ איז אַרויפגעשטיגן אויפן לייטער און מר' דזשייקאָבסאָן האָט איר דערלאַנגט צווייגן סכך, וואָס זי האָט אויסגעלייגט איבער די בעלקעס צווישן די ווענט. דערנאָך האָט זי זיך גענומען אויפהענגען אַלערליי פּירות:

רויטע עפּל, שטענגלעך ווילדע ווײַנטרויבן, מילגרוימען, אַפּלסינען. אונטערן סכך און איבער די ווענט האָט זי פֿאַרצויגן לאַנגע גירלאַנדן בלומען. אפרים האָט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען, אָבער אָן גלוסטעניש. זי איז איצט געווען אין זײַנע אויגן אין דער בחינה פֿון „אַ פֿאַרשלאָסענער גאָרטן איז מײַן שוועסטער, די כּלה... אַ פֿאַרזיגלטער קוואַל... און דער ריח פֿון דײַנע קליידער איז ווי דער ריח פֿון לבנון..."

אָבער ביסלעכווײַז איז אַן אומרו אויפֿגעשטיגן אין אים. דער לײַטער האָט זיך לײַכט געהוידעט און מײַראַס גלידער האָבן זיך געוויגט און גע־צאַפּלט. אירע צעשויבערטע האָר האָבן געפֿלאַטערט. אונטער אירע אײַנ־געפּרעסטע הויזן האָבן אירע היפּטן אויסגעזען ווי לענגלעכע צײַטיקע פּרוכט. זײַ האָבן זיך געשאָקלט און צעמישט זײַנע געדאַנקען. אפרים האָט זיך באַמיט אָפּצורײַסן זײַן בליק פֿון איר און ניט געקענט.

פֿאַרנאַכט־צו האָט דער הימל זיך פֿאַרצויגן מיט וואָלקנס. דער דזשע־ניטער איז דערשינען אויפֿן שוועל:

— מיר דאַכט זיך, אַז ס'וועט רעגענען — האָט ער געזאָגט.

— אויב איר ווילט, קענט איר פֿאָרן אַהיים, דזשאָן — האָט געזאָגט מר' דזשייקאָבסאָן — כ'על שוין אַליין אַראָפּלאָזן דעם דאַך.

— לאָמיר נאָך פֿאַרענדיקן די לעצטע וואַנט — האָט געזאָגט מײַראַ. אירע אויגן האָבן אַ שײַן געטאָן מיט אַ שעלמישן שמייכל, ווען זי האָט אַראָפּגענומען אפרים'ס רעקל פֿון האַקן אויף דער וואַנט און אים פֿאַרהאַנגען איבער אַ שטול.

— יאָ, כ'על גיין — האָט געזאָגט דזשאָן — כ'ווייס ווייט און ס'איז ניט גוט צו פֿאָרן אין אַ שלאַקסרעגן, בפֿרט אין דער רעש־שעה.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן און פֿאַרריסן די אויגן צום הימל:

— יאָ, ס'עט זײַן אַ זאַווערוכע!

דזשאָן איז אַוועק. די כמאַרעס אונטערן הימל זײַנען געדיכטער געוואָרן, שוואַרצער. מײַראַ האָט זיך גענומען אַריבערררוקן דעם לײַטער צו דער ניט־פֿאַרפּוצטער וואַנט. אפרים האָט אַ שפּרײַז געטאָן צו איר:

— וואַרט, כ'וועל דיר העלפֿן.

— אַ דאַנק, כ׳על זיך אַן עצה געבן.

— לאָז, ס׳איז שווער.

אַ ווײַלע האָבן זײַ זיך געראַנגלט. זייערע פינגער האָבן זיך צונויפגעדריקט. דער לייטער איז געשטאַנען צווישן זיי, און זײַן שפּיץ האָט דערגרייכט צום סכך. אַן אויגנבליק האָט ער זי געזען ווי צווישן קראַטעס פון אַ תּפיסה. אירע ליפּן האָבן זיך צעעפנט און אין בין־השמשות׳דיקן ליכט האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַר׳חלש׳ט. זייערע קני האָבן זיך באַרירט צווישן די לייסטן. יעקב׳ס לייטער — האָט אויפגעבליצט אין זײַן מוח: „ערשט אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זײַן שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און זע, מלאכים פון גאָט גייען אַרויף און אַראָפּ אויף אים". סטייטש, זיי האָבן דאָך געדאַרפט צוערשט אַראָפּגיין און דערנאָך אַרויפגיין? דער תּירוץ איז: דאָס זײַנען געווען די נפילים — די מלאכים, וואָס זײַנען פאַרצייטנס אַראָפּ אויף דער ערד, און זיי האָבן געזען די טעכטער פון מענטשן, אַז זיי זײַנען שיין, און זיי זײַנען געקומען צו זיי.

אויך ער פאַלט אַראָפּ!... אַ ירידה לצורך עליה?

דער לייטער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער נאַקעטער וואַנט. איר גוף האָט זיך דערנענטערט. אפרים האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קאָפּ און געגלעט אירע האָר. איר האַנט האָט באַרירט זײַן נאַקן און זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זײַן רוקן. איבער זייערע קעפּ האָט געברומט דער ווינט און דער סכך האָט געשאָרכט ווי אין אַ געמורמל. די הענגענדיקע פּירות און בלומען האָבן זיך צעוויגט.

מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט אַ מאָדנעם גערויש הינטער זײַן רוקן — ווי דאָס שאָרכן פון פּאַפּיר. ער האָט זיך אומגעדרייט. אין איין האַנט האָט מייראַ געהאַלטן זײַן פּאָרטפּעל, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן הינטערשטער הויזן־קעשענע, און די פינגער פון איר צווייטער האַנט האָבן גענישטערט און בלינד געזוכט צווישן די פּאַפּירן.

אַ הילכיקער דונער האָט זיך אַ קייקל געטאָן אונטער די הימלען און אַ בליץ האָט צעשניטן דעם האָריזאָנט.

— וואָס טוסטו, מייראַ? — האָט ער אַ מורמל געטאָן — פאַר וואָס טוסטו עס?

אַרום האָט געבושעוועט דער שטורעם. אַ בליץ האָט צעריסן די חשכות אין דעם בית־התפילה קעגנאיבער און באַלויכטן די לוחות איבערן אָרון־קודש. פון די קולות וברקים האָט אַרויסגעדונערט אַ קול: „לא תגנוב!... לא...“ מייראַס שטים איז ווי דערגאַנגען פון דער ווייטנס:

— און איר, מר׳ דזשייקאָבסאָן? און איר?

אויף דער
בירזשע פון אייביקייט

צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ יאָר זיבן צוריק, אין אַ קליינער קאַפעטעריע ביי קאַנאַל־סטריט, ניט ווייט פון דער לופטבאַן וואָס רוישט דאָרט פאַרביי מיט טראַסק און האַרמידער צווישן די הויכע גאָרנס פון פאַרסאַזשעטע געביידעס. איסר קראַסני איז געזעסן ביי אַ טישל אין הינטערגרונט פון לאָקאַל — אין ווינקל ווו ס׳איז אין די נאָכמיטאָג־שעה׳ען אָפּגעריכט געוואָרן די „בירזשע פון אַדרעסן”. זיין שכן, אויך אַ דיכטער, אַ דיקלעכער מאַן מיט גרויע האָר, האָט אַרויסגעזוכט איינצלנע קאָרטלעך פון אַ טעשל און זיי אויסגעלייגט אויפן טיש. איסר האָט אַריינגעקוקט און גערדרייט מיט דער נאָז:

— וועמען גיט איר מיר דאָ? דעם מיסטער אייב האָפמאַן פון שיקאַגע גיט איר מיר? כ׳האָב אים! און סיי־ווי, ער קויפט שוין פון לאַנג ניט קיין ביכער. די אויגן זיינען אים קאַליע געוואָרן, צי וואָס...

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אַ צווייט קאָרטל און אויף זיינע ליפּן איז דערשינען אַ שמייכל:

— מיסטער קאָרן פון קליוולאַנד? אַ שיינע מעשה! ער איז דאָך שוין פון לאַנג אויפן עולם־האמת — אַ יאָר דריי אַוודאי.

— אפשר מיינט איר אַן אַנדער מיסטער קאָרן?

— וואָס הייסט אַן אַנדער קאָרן? „מיסטער קאָרן ענד סאַנס” פון דער „אינטערנעשאָנעל אייזן און ברוכוואַרג קאָרפּאָריישאַן”, אין קליוולאַנד, אָהייאָ, יאָ? פונקט פאַר דריי יאָרן האָב איך אים צוגעשיקט מיין בוך לידער „דעם טאַטנס ניגון” און ס׳איז צוריקגעקומען מיט דער בפירוש׳ער צושריפט

פון דער פּאָסט אויפן קאָנווערט: „דיסיזד". ס׳הייסט נפטר געוואָרן, הלך לעולמו...

אַ לאַנגער צעשאָקלטער צוג איז פאַרבייגעלאָפן מיט ליאַרעם, און דער שמועס איז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן. אין אײַנגאַנג איז דערשינען אַן אָפּגעריסענער מאַן מיט אַ פאַרוואָקסענעם פּנים — אַ וואַגאַבונד, משמעות, וואָס איז דאָ אָפּגעטראָטן פון דער שכנות׳דיקער באַוערי־גאַס. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און אײַנגע׳טענה׳ט אויפן קול, מיט אַ שיכּור׳לעכער שטימע — מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין און מיט דער דיקער באַלעבאָסטע הינטער דער פּאַרבאַנק. אַ מאָגערער כינעזער האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן די טישלעך און זיך באַזעצט אין בירזשע־ווינקל מיט צוויי סענד־וויטשעס און אַ טעפּעלע קאַווע. איסר האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט:

— אײַ, ווען די פינף הונדערט מיליאָן כינעזער וואָלטן, אַ שטייגער, גערייענט יידיש, וואָלטן מיר געהאַט אַ ים מיט לייענער! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ.

— און די קינדער? — איז זײַן שכן געווען סקעפּטיש — איר זײַנט אַן אָפּטימיסט, ווי איך זע, און איר נעמט אויף די קליינע כינעזערלעך אַרײַן אין חשבון.

דער כינעזער האָט דערשפּירט, אַז מען רעדט וועגן אים. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן. איסר קראַסני האָט שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין מײַן זײַט:

— איר... כ׳האָב איך, דאַכט זיך, געזען אויף איסט־בראָדוועי, אמת? אין ליטעראַרישן רעסטאָראַן.

— יאָ, ס׳קען זײַן.

— קומט, זעצט זיך צו! וואָס זיצט איר אַליין? איר זײַנט, דאַכט זיך, אַ נײַער?

— יאָ — האָב איך געזאָגט און בין אַריבער צו זייער טיש.

— איר קלײַבט זיך אַרויסגעבן אַ בוך? וואָס שרײַבט איר, לידער?

— ניין.

—אַז איר׳ט אַרויסגעבן אַ בוך, וועט איר דאָ שוין זײַן אַן אָפּטער גאַסט. אַזאַ איינער ווי איר, אַ גרינער, האָט דאָך מסתּמא ניט קיין איין אַדרעס.

און דאָ איז, אַזוי צו זאָגן, אונדזער בירזשע, אונדזער „וואָל־סטריט“. וואָל־סטריט איז טאַקע דאָ ניט ווייט, אַ קאַצנשפּרונג פון דאַנען, ניט קיין סך ווייטער ווי איסט־בראָדוועי. איר זיינט אַ מאָל געווען אין וואָל־סטריט?

און ער האָט זיך גענומען אָפּ׳משל׳ען פאַר מיר די באַרימטע גאַס: דעם „ניו־יאָרק סטאָק עקסטשעינדזש“ און דעם „אַמעריקען סטאָק מאַר־קעט“, די מעקלער־הייזער וווּ דער עולם זיצט פון אין דער פרי ביז פאַר נאַכט און קוקט בדחילו ורחימו אויפן לויפנדיקן „טיקער“, דעם שׂכל פון אַ „בום“ און פון אַ „קראַך“, די „בולס“, די ביקעס הייסט עס, וואָס שפּעקולירן אויף אַ האָסע, און די „בערן“, וואָס שפּעקולירן אויף אַ באַרג־אַראָפּ.

— און איסט־בראָדוועי לויפט אויף דער אַנדער זייט פון מאַנהעטן־שפּיץ — האָט ער געזאָגט — איר קענט דאָך מסתמא די געגנט. איר קומט אָפּט אַהינצו?

*

כ׳האָב געקענט די גאַס און אויך די אַרומיקע געגנט האָב איך געקענט. די גאַס אָטעמט מיט שאָטנס פון אַמאָל: דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט אָקערשט־איינגעוואַנדערטע שרייבער און דענקער, טרוימער פון וועלט־איבערקערענישן און פון אַלוועלטלעכן שלום, גאָט־זוכערס און זוכערס פון גערעכטיקייט, פּאָליטישע עצה־געבער און מבינים, אַנאַרכיסטן און רעפאָר־מיסטן. צען־גאָרנדיק הויך הייבט זיך דאָ די יידישע צייטונגס־געביידע און קוקט אַראָפּ אויף דעם מוטנעם איסט־ריווער און דעם הו־האָ פון דער „אונטערשטער איסט־סאַיד“ מיט אירע תּלמוד־תּורה׳ס און מושב־זקנים׳ס, חסידים־שטיבלעך, כּשר׳ע מיקווה׳ס מיט העכסטס מאָדערנע איינריכטונגען על־פּי אַמעריקאַנער טעכניק, מתים־סאַלאָנען וווּ מען פּראָוועט־צו דעם בר־מינן לויט דער לעצטער מאָדע און מען האַלט אַלטמאָדישע הספּדים פּאַרבראָקט מיט פּסוקים און מאמרי חז״ל, רעסטאָראַנען וואָס האָבן אַ שם מיט זייערע געפילטע פיש, געהאַקטע לעבערלעך און רוסישן באַרשטש. ערב יום־טוב קומט מען אַהערצו פון די עלעגאַנטע פּאַרשטעט אין קווינס און וועסטשעסטער איינצוקויפן „יידישע מאכלים, ווי די מאַמע האָט זיי געקאָכט“.

אין די פֿאַרעלטערטע הייזער פֿון דער געגנט קלייבן זיך לעצטנס אַריין נעגער און פּאָרטאָריקאַנער. מען זעט נאָך דאָ אָבער יידן מיט הדרת־פּנימ׳־דיקע בערד, וואָס שפּאַצירן געלאַסן ערב־סוכּות מיט אַן אתרוג־לולב אין די הענט, חדר־יינגלעך מיט לאַנגע פּאה׳ס, יידענעס מיט פּאַרוקן אויפֿן וועג אין מיקווה. און דורך די גרויסע וויטרינע־שויבן פֿונעם קליינעם רעסטאָראַן אויפֿן ראָג פֿון איסט־בראָדוועי קען מען זען אין די נאָכמיטאָג־שעה׳ען די שארית־הפּליטה פֿון שטורמישן ליטעראַרישן אַמאָל.

זיי קומען אַהער מיטאָג־צייט פֿון די שרייבטישן אין די דערנעבנדיקע רעדאַקציעס, אָדער זיי קומען פֿון דער היים, כּדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט גוטע פֿריינד — ס׳רוב עלטערע מענטשן מיט גרויע האָר און מידע אויגן. פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן געקענט לעניג׳ען ווי אַ בחור׳ל אין שווייצאַריע, אַנדערע — וואָס זיינען געלאָפֿן הינטער ד״ר הערצל׳ס קאַרעטע אין ווילנע; עטלעכע פֿון זיי זיינען געווען פֿאַרשיקט אין סיביר פֿון די צאַרן, אַנדערע — אין סאָוועטישן סיביר. זיי נעמען אַ קאַווע מיט צובייס ביי דער פֿאַרבאַנק, שאַרן זיך דורך צווישן געדיכטן עולם, וואָס איילט זיך מיט טאַצן מאכלים, און באַזעצן זיך ביי די טישלעך אין פֿראַנט. דער געקלימפּער פֿון גאָפּל־מעסער אַרום מישט זיך צונויף מיט דער אויפֿשטייגנדיקער פּאַרע פֿון הייסע שפּייזן. איבער זייערע קעפּ הענגט ווי אַ נעפּל אַ שטורמישע פֿאַרגאַנגענהייט: קאָזאַקן און רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און מלחמות, דער ווייטשעפּל פֿון לאָנדאָן, די ראָמאַנישע קאַפֿע אין ווײמאַר־דייטשלאַנד, דער פּאַריזער מאָנפּאַרנאַס. איצט שרייבן זיי אַרטיקלען, אַ מאָל אויך לידער, און טייל מאָל גיבן זיי אַרויס ביכער. כּמעט אַלע ציִען זיי זייער חיונה פֿון די צייטונגען. אייניקע צווישן זיי האָבן רעספּעקטאַבלע באַנק־ביכלעך, און יחידי־סגולה — אַפֿילו סאָלידע אַקציעס פֿון דער אַמעריקאַנער טעלעפֿאָן־קאָמפּאַני (יערלעכער דיווידענד — 9 דאָלער פּער אַקציע).

די אַדרעסן־בירזשע האָט זיך געפֿונען אין דער מיט — צווישן וואָל־סטריט און איסט־בראָדוועי — ווי צווישן צוויי פּאָלוסן. זי האָט געהויזט אויף אַ מין שיידוועג צווישן דעם כינעזישן קוואַרטאַל, דעם צירונגמאַרק פֿון קאַנאַל־סטריט און דער מלוכה פֿון די שנאָרערס און וואַגאַבונדן אויף דער באָוערי־גאַס.

די אמת׳ע פּראָפּעסיע־לייט, די מענטשן פון די צייטונגען, האָבן זעלטן פאַרשמעקט אַהערצו. די שטאַמגעסט זיינען דאָ געווען פּעריפעריע־שרייבער, ס׳רוב דיכטער, אומבאַקאַנטע קינסטלער פון אויפן ראַנד. זעלטן־ווען האָט ווער פון זיי זוכה געווען צו אַ שטיקל רעצענזיע, שלעפּערס און פּרינצן כאחד זיינען זיי געווען: זיי האָבן געוויגן זייערע גראַמען און ריטמען ווי מען וועגט גינגאָלד אויפן שכנות׳דיקן צירונגמאַרק, האָבן געהאַנדלט מיט אַדרעסן ווי שנאָרערס און געלעבט ווי הינטער אַ כינעזישער מויער אין סאַמע מיטן פון מאַנהעטן־שטאָט.

— אַז איר׳ט אַרויסגעבן אַ בוך, וועל איך אייך געבן אַ פּאָר גוטע אַדרעסן, גלאַט אַזוי, אַ מתנה — האָט איסר קראַסני גערעדט צו מיר מיט פּאַטערלעכער צערטלעכקייט אין קול — איר זייט דאָך דאָ אַ פרעמדער, איינזאַם אין דער גרויסער קאַלטער שטאָט. גוטע אַדרעסן, איר הערט? זיכערע צענערלעך, ס׳קען זיך אַפילו אַ מאָל מאַכן אַ פינף־און־צוואַנציקער אויך. איינער פון זיי איז אַ גביר אַדיר, אַ מיליאָנער... אין סאַקראַמענטאָ, קאַליפאָרניע... אויב ער איז נאָך דערוויילע ניט געשטאָרבן — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

דער דיכטער מיט די גרויע האָר, וואָס האָט אַלץ געניסטערט אין זיין קאַרטאָטעקע, איז אויפגעשפּרונגען:

— דעם מיליאָנער פון סאַקראַמענטאָ האָט איר שוין אויך? אַבי איך זוך אים דאָ אַרום.

— ער לעבט?

— אַוודאי לעבט ער.

— גאָט־צו־דאַנקען, אַבי ער לעבט!

אין דער בירזשע אַרום איז ביסלעכווייז לעבעדיק געוואָרן. עס זיינען דערשינען באַקאַנטע פּנימ׳ער. מען האָט זיך באַגריסט און זיך צוגערופן פון טישל צו טישל. דער כינעזער האָט זיך דערפּילט ווי אַ יוון אין סוכה. — ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן סענדוויטש, פאַרטרונקען מיט אַ זופּ קאַווע און זיך אָפּגעטראָגן. דער עולם האָט געשמועסט אויפן קול וועגן פּאָעזיע, ביכער, רעצענזיעס און אַדרעסן.

— צו ערשט האָב איך אַראָפּגעשטעלט מיינע ביכער אין קעלער — האָט אַ מחבר דערציילט פאַר אַ חברותא — ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי אונדז אין קעלער זיינען פאַראַן מייז. און די מייז ביי אונדז אין קעלער זיינען, משמעות, בעלנים אויף יידישע ביכער. האָב איך געגעבן דעם פּאַרטיע צען דאָלער, און ער האָט אַרויפגעטראָגן די ביכער אויפן בוידעם. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן אַ לעכערדיקן דאַך און עס רעגנט ביי אונדז אַריין אויפן בוידעם. בקיצור, איידער וואָס ווען האָט מיר די מעשׂה אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט.

— און ווי פאַרקויפט זיך דאָס בוך? — האָט עמיצער זיך נאָכגעפרעגט. יענער איז משמעות געווען טויבלעך:

— מען זאָגט, אַז אין אַרגענטינע זיינען נאָך פאַראַן קונים — האָט ער געענטפערט.

דער דיכטער מיט די גרויע האָר האָט אַלץ געטאַשט זיין קאַרטאָטעקע. איסר קראַסני האָט איבערגעשריבן עטלעכע אַדרעסן און אַריינגעבראַכט קאַפּע פאַר אונדז דריי:

— ווי פאַרקויפט אַ נאָש־בראָט אַ בוך? — האָט ער אַ זופּ געטאָן פון זיין טעפּעלע און זיך גענומען מיר דערקלערן דעם מעכאַניזם פון מסחר — אונדזער איינער גיט געוויינטלעך אַרויס אַ בוך אויף זיין אייגענעם חשבון. דאַן שיקט ער אַרויס דאָס בוך אויף אַדרעסן. און עס זיינען פאַראַן, פאַר־שטייט איר מיך, אַלערליי קאַטעגאָריעס „אַדרעסן״: זיכערע און אומזיכערע, ניו־יאָרקער און אין דער פּראָווינץ, אין אַזאַ כּרך ווי שיקאַגאָ און אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל ערגעץ אין טעקסאַס, אַזעלכע וואָס שיקן גלייך אַ טשעק און אַנדערע וואָס מען דאַרף זיי דערמאָנען זעקס מאָל מיט אַן „אהובי־ידידי״־בריוול, און נאָך אַנדערע וואָס דאָס דערמאָנען העלפט ביי זיי ווי אַ טויטן באַנקעס — פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַריין, ניט קיין טשעק און ניט קיין בוך! און ווערטן זיינען אויך פאַראַן כּל־ערליי: דריי דאָלער, פינפערלעך, צענערלעך, אַ פינף־און־צוואַנציקער אַפילו, אויב ניט נאָך העכער. בקיצור, ווי איר זעט אַליין: אַ בירזשע מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַפילו אַ שוואַרצע ליסטע האָבן מיר — פון די אַנזעצערס.

איסר קראַסני האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און צוגעגעבן מיט אַ זיפץ:

— דאָס ערגסטע איז אָבער, אַז עס הייבן אָן צוריקקומען ביכער מיט דעם פּאָסט־שטעמפּל „דיסיזד", ס'הייסט געשטאָרבן. וואָס פאַראַ טענה'ס קענט איר האָבן צו אַ בר־מינן ?

— ווען קיינער וואָלט ניט געשטאָרבן, וואָלט איר דאָך געגאַנגען באַנקראָט מיט אייערע אַנדערע ביזנעס — האָט אַ זאָג געטאָן דער גרויס־האַריקער דיכטער פון זיינע קאַרטלעך אַרויס.

— גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט — האָט געזאָגט איסר — איך דאַרף שוין טאָקע גיין. איר ווילט מיך באַגלייטן ? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר.

מיר זיינען געגאַנגען דורך דער באַוערי. איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך געצויגן דער פאַרזשאַווערטער אייזן־סקעלעט פון דער דריטער עוועניו „על". דאָ און דאָרט זיינען אויפן טראָטואַר געזעסן „באָמס", וואַגאַבונדן, ב'קאָמפּאַניע אָדער ביחידות. זיי האָבן געגעסן פון פאַפּירענע טאָרבקעס אַרויס, געזשלאָקעט פון אַ פלעשל, וואָס איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אָדער געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ באַרג צייטונגען, מיט ליידיקע פלעשלעך צוקאָפּנס.

— ביי וואָס אַרבעט איר, פריינד קראַסני ? — האָב איך געפרעגט איסרן — כ'מיין, פון וואָס מאַכט איר אַ לעבן ?

— איך ?... — האָט ער מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט — כ'האָב אַ בית־עולם.

— אַ בית־עולם ? מאַכט ניט קיין חוזק פון מיר !

— ווער מאַכט דען חוזק ? איר זיינט אַ גרינער. אַ בית־עולם איז דאָ אַ גאָלדענע ביזנעס, אַ שמאַלצגרוב, און דערצו נאָך אַ זיכערע אויך. מיר האָבן טאָקע ניט קיין ספּעציעלע פּראָספּעריטיס, אָבער דערפאַר ליידן מיר אויך ניט פון קיין קריזיסן.

— אָבער וואָס הייסט איר האָט אַן אייגענעם בית־עולם ? איר זיינט אַ קברן ? כ'מיין...

מיר זיינען גראָד אַריבער אויף דער אַנדער זייט פון דער עוועניו. אויפן וועג זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ פלאָנטער פון אויטאָס, אויטאָ־בוסן און לאַסטוואַגנס, וואָס האָבן זיך געיאָגט ווי די שדים פון אַלע זייטן. איך האָב געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט. איסר האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם :

— איר זעט, וואָס איך מיין? — האָט ער געזאָגט — וואָס וואָלט אַ שטייגער געווען ווען מען פֿאָרט אייך איבער? איר האָט כאָטש קרקע?

— נ־יי־ן... — האָב איך אַ שטאַמל געטאָן, ווען מיר האָבן זיך סוף־סוף געראַטעוועט אויפֿן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר.

— איז ווי וואָלט מען אייך מקבר געווען, אַה? — האָט איסר טריומ־פירט — אין דער אַלטער היים האָט אַ ייד געוווּסט, אַז ווען זיין טאָג וועט קומען, נאָך הונדערט מיט צוואַנציק, וועט מען אים טאָן זיין רעכט און ברענגען צו קבר ישׂראל. אָבער דאָ, אין ניו־יאָרק, אין דער גרויסער פֿרעמדער וועלט? גיי שריי חי־וקים! איז פּונקט ווי אַ מענטש נעמט אַרויס אַ פֿאַרזיכערונג־פּאָליסי אויף זיין לעבן, און ווי ער קויפֿט מעבל אויף ראַטעס, אַזוי פֿאַרזיכערט ער זיך אויך מיט קרקע — אויף אויסצאָלן. און מיין קאָרפּאָריישאָן האָט טאַקע אַזאַ בית־עולם. ס׳רעדט זיך אַזוי אַ „קאָר־פּאָריישאָן״ — אַז בסך־הכּל האָב איך אַ שטיקל באָדן אין לאָנג־איילענד און אַן אָפּיס אין ניו־יאָרק, אויף דער סעקאָנד־עוועניו. איר ווילט זיך אַרויפֿכאַפּן צו מיר? ס׳איז ניט ווייט פֿון דאַנען.

— מהיכי־תּיתי.

מיר האָבן געמיטלעך געשפּרייזט איבער דער סעקאָנד־עוועניו, אין דער געגנט פֿון די יידישע טעאַטערס, פֿאַרביי דעם ליטעראַרישן „קאַפֿע ראָיאַל״.

— פֿאַראַן אויך אמת׳ע בית־עולם־קאָרפּאָריישאָנס — האָט איסר ווייטער דערציילט — מיט גרויסע שטחים לאַנד, פֿאַרצווייגטע פֿיליאַלעס איבער דער גאַנצער שטאָט און אַ טיכטיקן פּובליסיטי אַפּאַראַט. אַ סך האָבן געמאַכט שטיקער גאָלד: געקויפֿט לאַנד פֿאַר בית־עלמין׳ס און געבויט אויף זייער אָרט אַפּאַרטמענט־הייזער פֿאַר לעבעדיקע. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיר זיינען געלעגן אין זינען לידער, ריטם, גראַמען, סאָנעטן. האָב איך מיר מיין ביסל אַמאָליקע קאָסטימערס. קיין נייע קומען ניט צו. די אַלטע שטאַרבן־אויס צו ביסלעך, אָבער איך וועל שוין ווי־ניט־איז אויס־לעבן מיינע יאָרן מיט זיי.

איסר׳ס קאָרפּאָריישאָן האָט זיך געפֿונען אויפֿן זיבעטן גאָרן פֿון אַן אַלטער געביידע, אין אַ לאַבירינט פֿון אַלערליי ביוראָען: דאָקטוירים,

אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, ליי־קאַסעס. אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ שילדל מיט די ווערטער „מאַונט אָליוו" אויף ענגליש, און „הר הזיתים" אויף לשון־קודש. מיר זיינען אַריין אינעווייניק.

רעכטס, ביי אַ גרויסן טיש, איז געזעסן אַ יונגע סעקרעטאַרין. אין אַ ווינקל דערנעבן איז געשטאַנען אַ שמאָלע קאַרטאָטעקע־שראַנק. אויך אויפן טיש זיינען געשטאַנען קאַרטאָטעקעס אין גרויע שטאָלענע קעסטלעך. איבער דער וואַנט איז געהאַנגען אַ קאַרטע מיט פּאַסיקלעך, פּינטעלעך און נומערן — דער פּלאַן פון גוטן אָרט, משמעות; אויף זיין אונטערשטן ראַנד איז געשטאַנען אַ ציטאַט פון קהלת אין צוויי שפּראַכן: „אַ צייט געבאָרן צו ווערן — און אַ צייט צו שטאַרבן".

אויך אין דער לינקער זייט פון צימער איז געשטאַנען אַ טיש, אַ קלענערער, מיט שופלאָדן, און אויף אים — איין קאַרטאָטעקע, אין אַ ווייסן הילצערנעם קעסטל. אויף דער וואַנט איז דאָרט געהאַנגען אַ פּאָליצע מיט ביכער.

— העללאָו, מיס שטיינפילד! — האָט איסר באַגריסט דאָס מיידל — איר האָט שוין געוואַרט אויף מיר?

— יאָ — האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף איר האַנט־זייגערל.

— עמעצער האָט טעלעפאָנירט?

זיי האָבן אַ ווײלע געשמועסט וועגן ענינים פון ביורא. ערשט ווען די סעקרעטאַרשע איז אַוועק, האָט איסר זיך צערעדט:

— איר זעט די צוויי טישן? איך רוף זיי „דער טיש פון טויט" און „דער טיש פון אייביקייט". אָט־דאָרט, רעכטס, איז דער ווינקל פון מיינע ביזנעס. אין דער שאַפקע שטייען די קאַרטאָטעקעס: פון די מתים באַזונדער און פון די אַבאָנענטן, ביז הונדערט מיט צוואַנציק, באַזונדער, אַלע לויטן אלף־בית, לויט דעם ענגלישן. אויפן קאַרטל, ביי יעדן בר־מינן, איז פאַרצייכנט דער נומער פון זיין קבר, די דאַטע פון זיין טויט, די אַדרעסן פון די קרובים.

— און די קעסטלעך אויפן טיש? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז ווידער אַן אַנדער קאַרטאָטעקע, אַ כראָנאָלאָגישע, ווו די מתים זיינען קאַטאַלאָגירט לויט די דאַטעס פון זייער טויט, על־פּי דעם

יידישן לוח. וואָרעם אונדזער אָפּיס דערפֿילט נאָך אַ פֿונקציע: אַ יאָרצייט־דינסט. מיר מעלדן די קרובים באַצייטנס ווען זיי האָבן יאָרצייט. מיס שטיינפֿילד האָט גראָד געהאַלטן אין אויספֿילן די קאַרטלעך פֿון דער וואָך.

איסר האָט אַ ווײַלע מפסיק געווען און אַ שפּרייז געטאָן צו דער לינקער זײַט פֿון אָפּיס:

— און דאָ שטייט „דער טיש פֿון אייביקייט״ — האָט ער געזאָגט — אין אַ פֿרײַער מינוט שרײַב איך דאָ איבער מײַנע לידער.

אויף דער פּאָליצקע איבערן טיש זײַנען געשטאַנען זײַנע געדרוקטע ווערק. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און זיי מיר דערלאַנגט אייניציק־ווײַז: „די אַלטע היים״ — לידער פֿון בענקשאַפֿט און זכרונות פֿון שטעטל; אַ באַנד סאָציאַלע לידער וועגן שאַפּ אין אַמעריקע און אַרבעטער־לעבן; אַ דין ביכל ליבע־לידער; לידער וועגן עלנט און איינזאַמקייט אין דער גרויסער שטאָט; און צום סוף — אַ פּעקל מאַנוסקריפּטן, גרייט צום דרוק.

— און אָט איז מײַן ליטעראַרישע קאַרטאָטעקע — האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן ווײַסן הילצערנעם קעסטל אויפֿן „טיש פֿון אייביקייט״ — די נעמען און די אַדרעסן פֿון די קונים פֿון מײַנע ביכער. נאָר פֿון די לעבעדיקע. די בר־מינן׳ס טראָג איך אַריבער אַהינצו, צום אַרכיוו פֿון מײַן בית־הקבֿרות, כאָטש זיי האָבן אייגנטלעך ניט קיין שום שייכות מיט אַנאַדער.

ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס דעקל פֿון קעסטל און אַרײַנגעקוקט אינע־ווייניק:

— און אַז איר ווילט, איז יאָ פֿאַראַן אַ שטיקל שייכות צווישן זיי — איז זײַן שטימע געוואָרן מעלאַנכאָליש — יענע קאַרטאָטעקע ווערט אַלץ דיקער און דיקער, און אָט־די — צווישן אין בוך און צווייטן ווערט זי מאָגערער. אײַנגעדאַרט און אײַנגעקוואָרט ווערט זי.

ער האָט אַרײַנגעשטעלט, לויטן אלף־בית, די קאַרטלעך מיט די נײַ־באַקומענע אַדרעסן אין דער קאַרטאָטעקע און האָט צוגעגעבן:

— איז יעדער מאָל ווען איך קלײַב זיך אַרויסגעבן אַ בוך, מוז איך זיך אַראָפּכאַפּן אויף אונדזער בירזשע און אײַנהאַנדלען אַ ביסל נײַע אַדרעסן.

*

זינט דעמאָלט, אין משך פון אַ זיבן־אַכט יאָר, האָבן מיר זיך פון צייט צו צייט געטראָפן. איסר קראַסני איז געווען אַן איינזאַמער מענטש — אָן משפחה, אָן נאָענטע פריינד אַפילו. לידער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין דער אַלטער היים, אין קליינעם שטעטל האָראָדאָק, לעבן ביאַליסטאָק. אין אַמעריקע האָט ער צוערשט געאַרבעט אין אַ שאָפּ, ביי כּל׳ערליי מלאכות, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט — מיט דער הילף פון לאַנדס־לייט, וואָס האָבן געהאַלטן פון זיין טאַלאַנט — אויף זיין בית־עלמין־ביזנעס.

אַנומלט האָב איך געלייענט אַ נאָטיץ אויף דער ליטעראַרישער זייט פון אַ יידישער צייטונג, אַז איסר קראַסני האָט אַרויסגעגעבן אַ ניי בוך „לידער און פּאָעמען" — דעם זיבעטן באַנד זיינעם. קורץ נאָך דעם האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף דער אַדרעסן־בירזשע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישלעך און געפירט אַ משא־ומתן מיט דעם און מיט יענעם. ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך, ווען מיר זיינען צוזאַמען אַרויס פון דער קאַפעטעריע.

— מיין סעקרעטאַרשע האָט יענע וואָך אַרויסגעשיקט 300 ביכער — האָט ער מיר דערציילט אויפן וועג — נו, מיר׳ן זען וויפל עס וועלן קומען צוריק און וויפל טשעקס עס וועלן אַריינקומען.

ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט! און ניט אַלץ האָט דאָס האַרץ אים געזאָגט.

מיר זיינען אַריין אין דער סעקאַנד־עוועניו. קיין יידיש טעאַטער איז שוין דאָ מער ניט געווען. באַלד זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען דעם „קאַפע ראָיאַל". שוין אַ לענגערע צייט ווי ער האָט זיך געשלאָסן; אויף זיין אָרט איז איצט געווען אַ כינעזישע וועשעריי. ביים אַריינגאַנג צו דער געביידע, וווּ ס׳האָט זיך געפונען איסר׳ס אָפּיס, איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאָסט־אויטאָ. דער באַאַמטער האָט דערקענט איסר׳ן:

— העללאָו, מר. קראַסני — האָט ער אים באַגריסט — ביכער צוריקגעקומען!

איסר האָט לייכט אַ ציטער געטאָן:

— וויפל?

— אַ פולער וואָגן.

— מאַכט ניט קיין חוזק! — האָט איסר׳ס קול זיך געבעטן.

— איך מאַך ניט קיין שפּאַס — האָט דער פּאָסטמאַן אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען — אַ דריי הונדערט שטיק, דאַכט זיך.

ער איז איינגעשטיגן אין וואָגן און זיך גענומען אַרויסטראָגן די ביכער. אַ צווייטער באַאַמטער האָט אים צוגעהאָלפן. איסר האָט זיך געוואָרפן אויף די איינגעוויקלטע, פאַרשנורעוועטע פּאַקעטן. אויף יעדן פּעקל איז, לעבן אַדרעס, געשטאַנען אַ געשטעמפּלטע צושריפט פון דער פּאָסט:

„געשטאָרבן. צוריק צום עקספּעדיטער״.

„געשטאָרבן... געשטאָרבן... געשטאָרבן...״

— אַלע געשטאָרבן?

ביי איסר׳ן האָבן געציטערט די ליפּן. מיר האָבן גענומען צו טון ביכער און זיך געלאָזט מיט דער ווינדע צו זיין אָפיס. אויפן וועג האָט ער געשוויגן. ערשט ווען מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די שוועל פון צימער, האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריִען:

— די ציג!... די קו!... די בהמה!...

— ווער? וואָס? — האָב איך אויסגערופן ווי אַן עכאָ.

— מיס גרינפילד, מיין בייע סעקרעטאַרשע. זי האָט פאַרביטן די קאַר־טאָטעקעס. מיינע „לידער און פּאָעמען״ האָט זי אַרויסגעשיקט אויף די יאָרצייט אַדרעסן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי איינגעגראָבן. דערנאָך האָט ער אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס. מיט אַ מאָל האָבן זיך די ביכער אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און זיך צעשאָטן איבער דער פּאָדלאָגע. איסר איז אומ־געפאַלן און איז געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענער אין מיטן צימער, צווישן די צוויי טישן.

די קושעטקע און די וואַנט

א

זי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט, מיט אַ הויכער גלאָז וויסקי־סאָדאַ אין דער האַנט, און זיך געפילט עלנט און פאַר־לאָזן. די טיר איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך, עס זיינען דערשינען נייע פּנים׳ער, מען האָט זיך באַגריסט אויפן קול און זיך געשטופּט אין קיך אַריין צום טיש מיט די משקאות. אַרום איז מען געשטאַנען אין קאָמפּאַ־ניעס, מיט גלעזער אין די הענט, געזופּט צו ביסלעך און באַטראַכט די געמעלדער, וואָס זיינען געווען פול אומעטום: אויף די ווענט, אויף געשטעלן, אָנגעלענט אויף שטולן און טישן.

זי האָט אַ צי געטאָן פון גלאָז און דער אומעט, אַ גרויער, איז זיך צעגאַנגען מיט דער ביטערער משקה איבער אירע גלידער. שעלי האָט זי אָפּגערופן אין דער לעצטער מינוט: אַ פּאַרטי! מאָלער, קינסטלער, קאָסמאָ־פּאָליטישע חברה... „כ׳בין מיד” — האָט זי זיך תחילת געקווענקלט — „כ׳האָב ניט קיין חשק אַרויסצוגיין”. אָבער שעלי איז צוגעשטאַנען: „מען טאָר זיך ניט אָפּלאָזן! ווילסט דווקא אַרויפשלעפּן אויף זיך די אַלטע מויד?”

מילא, זי האָט זיך גענומען אָנטאָן אין איילעניש, מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ. איין פּונק האָפענונג — און די אויסגעלאָשענע אילוזיעס האָבן אויפ־געבליט. אין דער אָפּגעלאָזענער, ציגלנער געביידע, אין אַ פּאַרטאַריקאַנער געגנט ביים ראַנד פון האַרלעם, איז ניט געווען קיין ווינדע. זיי זיינען גע־שטיגן צופוס איבער גרויע טרעפּ פון אַ טונקעלן גאַנג.

— אַן אָרעמער קינסטלער! — האָט געזאָגט שעלי, ווען זיי האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אויפן פינפטן גאָרן — ווי אַמאָליקע יאָרן.

— יאָ, זייער אינטערעסאַנט!

און איצט איז די שפּאַנונג געפאַלן. די אומבאַקאַנטע פּנים׳ער האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן. שעלי איז נעלם געוואָרן צווישן עולם, זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע, געשלאָסן נייע קאַנטשאַפטן, געזאָגט מבינות אויף די בילדער. אָבער וואָס קומט אַרויס? זי איז צו אַגרעסיוו און איך בין צו פיל צוריקגעהאַלטן.

די מורא פאַרשטויסן צו ווערן... — האָבן אירע געדאַנקען זיך אָנגעהויבן שפּינען.

שוין ווידער אויף דער „קושעטקע"! — האָט זי זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט.

— איר נעמט גאָרניט קיין טרונק, מיס?

זי האָט געעפנט די אויגן. דער יונגערמאַן לעבן איר האָט געטראָגן אַ ברוין קאָרדעראָ־רעקל און דיקע, צעקנייטשטע הויזן.

— כ׳האָב — האָט זי אָנגעוויזן אויפן גלאָז.

— שוין פאַרוואַסערט. דאָס אײַז איז צעשמאָלצן. און מיין גלאָז איז אויך ליידיק — האָבן זיינע אויגן אַ שמייכל געטאָן צו איר. ער האָט אויסגעזען צו זיין אין די דרייסיקער, מיט אַ ברייטן, ביינערדיקן פּנים און קורץ־געשוירענע האָר. — קומט, כ׳וועל אייך מאַכן אַ פרישן טרונק!

זיי האָבן זיך אַ שאַר געטאָן דורך שמאָלע צימערלעך, וואָס האָבן זיך געשלאָסן אין אַנאַנדער ווי וואַגאָנען פון אַ צוג. אַ מיטליעריקער מאַן מיט גרויע האָר האָט אַרומגעשמאַיעט צווישן עולם, אַרויסגעהויבן דאָ איין בילד, דאָ אַ צווייט, געוואָרפן שבחים מיט התלהבות. עמעצער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פרייזן.

— ס׳איז כמעט ווי אַן אויסשטעלונג — האָט זי געזאָגט.

אַרום לאַנגן טיש אין קיך איז געווען אַ געדראַנג און טומל. ער האָט זיך דורכגעשטופּט פאָרנט:

— וואָס טרינקט איר? סקאָטש? — האָט ער גערעדט הויך איבער די קעפּ פון די אַרומיקע — מיט וואַסער אָדער סאָדאַ? וויפל אײַז?

זיי האָבן זיך געשטעלט אין אַ ווינקל, ביי אַ פענצטער, וואָס האָט אַרויס־געקוקט אין אַן ענגן חלל צווישן מויערן.

— ווי רופט מען אייך?

— מאַיאַ.

— אָה, אַ ראָמאַנטישער נאָמען! פרילינג, בלומען...

— מיינע טאַטע־מאַמע האָבן געפירט אַ ליבע אין רוסלאַנד, אין אַמאָליקן; געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, זיך געשלאָגן מיט קאָזאַקן אויף ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציעס. דאָ האָבן זיי געליטן פון נאָסטאַלגיע, האָבן זיי מיר אַ נאָמען געגעבן מאַיאַ. איר מאָלט אויך? — האָט זי באַטראַכט די פאַרב־פלעקן אויף זיינע הויזן.

— יאָ.

— ווי איז אייער נאָמען?

— פיליפּ. אַן אומבאַקאַנטער נאָמען... דערוויל... — האָט ער אַ צי געטאָן פון גלאָז — איר קענט דעם בעל־ה׳פּאַרטי?

— ניין, כ׳קען דאָ קיינעם ניט. כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן צופעליק, אַ חבר׳טע האָט מיך מיטגענומען.

— ער איז אַ באַגאַבטער מאָלער, אַן אמת׳ער טאַלאַנט, און ער ראַנגלט זיך נאָך אַלץ, מאַטערט זיך. איר זעט דאָך ווי ער וווינט! מיט אַ יאָר דריי־סיק צוריק, אין בערלין, האָט ער שוין געהאַלטן אָט־אָט ביים ווערן באַרימט: אויסשטעלונגען, ענטוזיאַסטישע קריטיק, אַ שטיקל נאָמען ביי קונסט־הענדלער, סנאָבן און רייכע דאַמען. אָבער גראָד זיינען די נאַציס געקומען צו דער מאַכט.

— אַ ייד?

— צופעליק ניט. אַ גוי מיט אַ יידישלעכער ביאָגראַפיע: „דעגענע־רירטע קונסט", איר ווייסט דאָך אַוודאי; און פּאָליטיש איז ער אויך געווען, לינקס. ער האָט געשמוגלט די גרענעץ, געלעבט אומלעגאַל אין פּאַריז, גע־קעמפט אין שפּאַנישן בירגער־קריג, זיך געוואָלגערט אין כּל־המינים לאַגערן: ביי די פאַשיסטן אין אַסטוריאַס, ביי די קאָמוניסטן אין קאַטאַלוניאַ, אין דער דריטער רעפּובליק פון פראַנקרייך, אין דער אָקופּירטער, אונטער „ווישי", ווו ניט?

— גערוען גרויסע צייטן! — האָט מאַיאַ אַ זיפץ געטאָן.

— פאַר דער צייט האָט ער ניט אויפגעהערט צו מאָלן, צווישן איין לאַגער און אַ צווייטן. איר ווילט זיך באַקענען מיט אים? קומט! — האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף צוריק אין אַטעליע, פאַרבט, און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן — ער איז, דאַכט זיך, גראַד פאַרנומען מיט וויכטיקע געסט. ער לעבט פון האַנט אין מויל, פון די עטלעכע בילדער וואָס גוטע פריינד קויפן אויף דער יערלעכער „פּאַרטי"...

אין געדראַנג האָט זי אים פאַרלוירן. זי האָט אים אַ זוך געטאָן מיטן בליק צווישן עולם, אָבער ער איז ווי ניט געוואָרן. פאַר אירע אויגן האָט זיך געהויבן אַ גרויסער אַבסטראַקטער אַקוואַרעל. זי האָט אַ זופּ געטאָן פון דער משקה, געקוקט אויפן מיש־מאַש פון פאַרביקע פלעקן און גאַרניט געזען. אויפן גלאָז פון דער ראַם האָט זיך אַ שפּיגל געטאָן אַ מטושטש׳דיק געשטאַלט: די פיגור שלאַנק, ביינערדיק, און דער בוזים פלאַך. וואָלט ער זיך געקענט פאַרליבן אין מיר? אויפן הינטערגרונט פון די גרינע קאָלירן האָט איר קלסתר־פּנים געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ דערשראָקענעם פויגל. זי האָט אַ צי געטאָן האַסטיקער פון וויסקי. ניין!... פאַר וואָס ניט?... וואָס איז די נפקא־מינה?... ס׳אַ גרויסע נפקא־מינה! — האָט זי ביטער אַ לאַך געטאָן. זי האָט געוווּסט, אַז זי קען זיך ניט אָפּנאַרן. אין משך פון יאָרן אויף דער „קושעטקע" האָט זי זיך געלערנט צו קוקן דעם אמת אין די אויגן.

— פאַר וואָס שטייסטו אַליין? — האָט זי דערהערט שעלי׳ס קול הינטער זיך.

— אַה? גלאַט אַזוי, ס׳הייסט...

— האָסט געשמועסט מיט פיליפּן?

— דו קענסט אים?

— ווער קען ניט פיליפּן? ער איז אומעטום פול: אויף אַלע פּאַרטיס, ווערניסאַזשן, אויסשטעלונגען.

— ער האָט טאַלאַנט?

— ווער קען דען וויסן הייַנטיקע צייטן? אַלע שמירן! מען לויפט נאָך דער לעצטער מאָדע, אַ ברירה האָט מען? און דער עולם פּלאַפּלט נאָך דעם זשאַרגאָן פון די מבינים, עקספּערטן. ווער וויל דען אויסזען אַלטמאָדיש?

— אָבער ?...

— פיליפ ? זיי זאָגן, אַז ער איז באַגאַבט, ער האָט דעם פונק, אַזוי צו זאָגן. אָבער דערווייל פגר׳ט ער אויפן פיסק. אין ניו־יאָרק לעבן מסתּמא צען טויזנט מאָלער, אפשר צוואַנציק טויזנט, און וויפל מ׳שטיינס געזאָגט פאַרקויפן ? אָט שטייט ער דאָרט...

מאַיאַ האָט נאָכגעפאָלגט איר בליק. פיליפ איז געשטאַנען הינטער אַ מאָל־געשטעל, פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט צוויי פרויען.

— מיט אַ פּאָרל פון זיין האַרעם.

— וואָס פאַרא האַרעם ?

— ס׳רעדט זיך אַזוי. נשים צדקניות, וואָס העלפן אים אַ ביסל. פּאַבליק רילײשאָנס, אַזוי צו זאָגן. אַז מען ווערט באַרימט, דינגט מען אַ פּרעסע־אַגענט, אָדער די גאַלעריע דינגט איינעם. אָבער כּל־זמן מען איז אומ־באַקאַנט... דערווייל העלפן אים די ווייבלעך אַ מאָל פאַרקויפן אַ בילד. קום, כ׳וועל דיך באַקענען מיט עטלעכע מענטשן.

— באַלד... וואַרט ! אַ ווײַלע שפּעטער... — האָט מאַיאַ געשטאַמלט — כ׳וועל מיר צו ערשט נעמען אַ פרישן טרונק.

— גוט, ברענג מיר אויך מיט ! — האָט שעלי אויסגעשטרעקט איר גלאָז — בוירבאָן אויף אײַז. אַ „פּאַרטי" קען מען איבערלעבן נאָר אַז מען ווערט אַ ביסל בגילופין.

— יאָ — האָט מאַיאַ געוואָרפן אַ שנעלן זייטיקן בליק צום מאָל־גע־שטעל און זיך פאַמעלעך אַ שאַר געטאָן צו דער קיך. אַרום האָט מען גע־רעדט אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן : פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש, געמישט מיט ענגליש. זיי קענען זיך אַלע ! פון בערלין און פּאַריז, פון אומלעגאַלע האָטעלן, פון שמוגלען גרענעצן, פון וואַנדער־שיפן. נאָר זי איז דאָ אַזוי איינזאַם — אין דער גרויסער ניו־יאָרק. אין קיך האָבן עטלעכע פרויען צוגעגרייט קאַפע און סענדוויטשעס. זי האָט זיך צוגערוקט צום טיש און גענומען איינשענקען דעם בוירבאָן. פון הינטן האָבן צוויי פינגער אַ גלעט געטאָן איר נאַקן. די פלאַש האָט אַ ציטער געטאָן אין אירע הענט און די משקה האָט זיך פאַרגאָסן אויפן טיש. זי האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. פיליפּס אויגן האָבן געשמייכלט צו איר :

— איר זיינט אַריבער צו בוירבאָן? איר ווילט זיך אָנ׳שיכּור׳ן? — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער פלאַש. זיינע קני האָבן זי באַ־רירט. זי האָט לייכט אַ ציטער געטאָן.

— ניין, דער בוירבאָן איז פאַר מיינער אַ פריינדין.

— פאַר שעלין? אַן אַלטע באַקאַנטע מיינע. זי האָט מיר אָקערשט דערציילט, אַז איר אַרבעט ביי רעקלאַמע — האָט ער זיך גענומען צוגרייטן די געטראַנקען.

— יאָ, אין אַ פאַרלאַג. כ׳האָב אייגנטלעך געזוכט אַ דזשאָב אין עדי־טאָריעל־דעפּאַרטמענט, אָבער ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט... כ׳מיין... — האָט זי געזוכט געהעריקע ווערטער. זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אַז זי שרייבט לידער, אַז זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דער טומלדיקער, מעכאַ־ניזירטער שטאָט, אַז זי האָט ליב דעם וואַלד, פעלדער.

— אָלל־ראַיט — האָט ער זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און אַ שפּריִז געטאָן אין אַ זייט — איר פאַרשטייט, איך וועל מסתמא האָבן בקרוב אַן אויסשטעלונג, ניט אין קיין גאַלעריע, אין אַ גרויסן „קאָמיוניטי־סענטער״, און כ׳וועל מוזן אַליין אַ שטופּ טאָן דעם וואָגן: פּובליסיטי, באַציִונגען, איינ־לאַדונגען. איז ווען איר וואָלט געוואָלט צוליגן אַ האַנט — — —

— יאָ, זיכער... כ׳וואָלט עס גערן געטאָן.

— ווי איז אייער טעלעפאָן? — האָט ער אַרויסגעצויגן אַ צעטעלע פון קעשענע — כ׳וועל אייך אָפּרופן, גוט? איר ווינט אַליין?

— מיט מיין מוטער, אָבער ס׳מאַכט ניט אויס, זי וועט אונדז ניט שטערן — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט און פאַרביסן די ליפּן.

— מיר וועלן זיך נאָך אַוודאי זען שפּעטער, מאַיאַ — האָט ער לייכט באַרירט איר אָרעם — כ׳דאַרף זיך נאָך זען מיט עטלעכע מענטשן. כ׳וועל אייך טעלעפאָנירן, מאָרגן, איבערמאָרגן... אויב מיר וועלן זיך ניט זען באַלד.

זי איז שטיין געבליבן אַליין, מיט ביידע גלעזער אין די הענט. אפשר וועט ער זי באַגלייטן אַהיים? און אויב ער וועט וועלן אַרויפגיין מיט איר? זי האָט אַ זופּ געטאָן פון סקאָטש. גלייך? שוין היינט?... פאַר וואָס ניט?... און די מאַמע? די מאַמע שלאָפט שוין אַוודאי.

מיט וואַקלדיקע שריט איז זי אַריבער אין פּאָדערשטן צימער און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. ניין, זי וועט מער ניט אָפּלייגן — גענוג גע־רעדט אויף דער „קושעטקע" וועגן געהיימע ווונטשן און אינהיביציעס. און פון וואַנען האָבן זיך צו איר גענומען צוויי גלעזער? — האָט זי זיך גע־וווּנדערט, טרינקענדיק פון בוירבאָן. אפשר וויל זי זיך טאַקע אַנ׳שיכּור׳ן, כּדי גובר צו זיין די אינהיביציעס?

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן. די בילדער אויף די ווענט האָבן זיך לייכט געהוידעט. מענטשן זיינען אַרויס דורך דער צעעפנטער טיר. אפשר וועט ער נאָך קומען זי נעמען אַהיים? זונטיק וועלן זיי שלאָפן שפּעט. זי וועט אים דערלאַנגען פרישטיק אין בעט: אָראַנזש־זאַפט, אַ פיינקוכן אויף טאָוסט, מאַרמעלאַדע, קאַפע. זיי וועלן טרינקען קאַפע און לייענען די וועכנטלעכע ביילאַגעס פון דער ניו־יאָרקער „טײַמס": וועגן נייע ביכער, טעאַטער, מאַלעריי. דערנאָך וועלן זיי גיין אין „מעטראָפּאָליטען", אין „גוגענהיים", אין אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן.

איר בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן אַרום. אויף די טישן, שטולן, אין די ווינקלעך אויפן דיל זיינען געשטאַנען אָנגעפולטע אַש־טעצעלעך מיט ציגאַרעטן־עקלעך. פיליפּ איז שוין אַוודאי אַוועק! אין חלל איז געהאַנ־גען אַ קאַלטער רויך. עטלעכע פאַרבליבענע געסט האָבן זיך אַרומגעשלייכט ווי שאָטנס מיט רויטע אויגן. מען דאַרף גיין אַהיים! — האָט זי געטראַכט און זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט מורא געהאַט צו גיין אַליין ביי נאַכט איבער די צוויי לאַנגע בלאָקס צווישן בראָדוועי און ריווערסאַיד. דאָס אָפּ־געלאָזענע „רומינג־הויז" אויפן וועג האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַן אימה.

דער גאַסטגעבער איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר. איצט האָט ער געהאַט צייט. זי האָט געוואָלט רעדן מיט אים, אים אויספרעגן וועגן פּאַריז, דעמאָנסטראַציעס, רעוואָלוציעס. אָבער דאָס איז דאָך די צרה מיט איר — וואָס זי קען ניט געפינען קיין קאָנטאַקט מיט מענטשן. אין „רומינג־הויז", לעבן איר דירה, האָבן געוווינט נאַרקאָטיקער, גאַסן־מיידלעך, שיכּורים, האָמאָס. אויך זי האָט זיך געפילט פאַרשטויסן, נאָר אָנשטאָט צו נעמען נאַרקאָטיקס איז זי געגאַנגען צום פּסיכאָאַנאַליטי־קער, און זי האָט זיך דערעדט צו דעם, אַז איר מורא האָט, אייגנטלעך, גע־

שטאַמט פון אַ געהיימען ווונטש פאַרגוואַלדיקט צו ווערן. נעגערס זיינען געווען אַ סימבאָל פון מענלעכער קראַפט. אויף דער „קושעטקע" איז די גאַנצע וועלט געשטאַנען קאַפּידרעך: פאַר וואָס האָט זי יעדע נאַכט באַהאַלטן די קיך־מעסערס פאַרן גיין שלאָפן? זי האָט עס געטאָן, הייסט עס, ניט צוליב מורא פאַר נאַכט־גזלנים, ווי זי האָט געמיינט, נאָר ווייל זי האָט זיך געשראָקן פאַר איר באַהאַלטענעם ווונטש צו מאָרדן. וועמען? אַ זעלבסט־מאָרד־אימפּולס, אפשר?

ב

זי האָט זיך שנעל אַרומגעוואַשן, צוגעקעמט די האָר און אין איילעניש נאָכגעקוקט, צי ס'איז פאַראַן גענוג כּיבוד אין שטוב: וויסקי, געזאַלצענע ניסלעך, אײַז, קאַפע. קוכן וועט זי שוין ניט באַוויזן צו קויפן. אפשר אַ סענדוויטש? אין אײַזשראַנק איז געווען קעז און קאָרנעד־ביף. זי האָט צוגעפּראַוועט דעם צודעק אויף דער סאָפע אין איר סטודיאָ־צימער און בגניבה געכאַפּט אַ קוק אויף די ליילעכער אונטן.

ער האָט אָפּגערופן אין אָוונט, אומגעריכט. נאָך דער „פּאַרטי" האָט זי געוואַרט און זיך געגרייט, אָבער העכער צוויי וואָכן זיינען אַריבער און זי האָט ניט געהערט פון אים — און זי האָט אויפגעגעבן די האָפענונג. ווען זי האָט דערהערט זיין קול, האָט זי איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט גע־זאָגט אַז ער איז אין דער געגנט, אויף בראָדוועי, און אויב זי האָט אַ ווילע צייט, וואָלט ער אַרויפגעקומען. די מאַמע איז גראָד אַריין צו אַ שכנ'טע — אין הויז. אפשר וועט זי זיך פאַרזאַמען? צווישן דעם קליינעם איינגאַנג־האָל און איר סטודיאָ־צימער, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ ליווינג־רום, איז ניט געווען קיין מחיצה.

זי האָט געעפנט די טיר מיט אַ רויִקער מינע. פיליפּ האָט זיך אַנט־שולדיקט: יעדן טאָג האָט ער זיך געקליבן אָפּרופן, אָבער צוליב די צו־גרייטונגען צו דער אויסשטעלונג... ער איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

— אַ טרונק? — האָט זי געפרעגט, ווען זיי זיינען אַריין צו איר אין צימער.

זי האָט געבראַכט איַיז פון קיך. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון גלעזל, פאַר־ביסן מיט עטלעכע ניסלעך און אַרויסגעלייגט אויפן טיש פּאַפּירן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אין אַ קאָנווערט. מאַיאַ האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק: אַ בלעטל פון אַ קונסט־זשורנאַל, אַן אַלטע פּראָגראַמקע פון אַן אויסשטעלונג, עטלעכע פאַרגעלטע צייטונגס־אויסשניטן. זי האָט אָנגעפילט זיין גלעזל:

— אַ סענדוויטש?

— ניין, אַ דאַנק, ניט היינט. כ׳האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ ווילע נאָר. כ׳דאַרף זיך נאָך זען מיט עמעצן היינט אין אָונט. איר מיינט, אַז מען וועט עפּעס קענען מאַכן דערפון? — האָט ער אָנגעוויזן אויף די פּאַפּירן.

— די קונץ פון פּובליסיטי איז צו מאַכן אַ ווינט, אַפילו פון גאָרניט — האָבן אירע ליפּן זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל. איר שטימע האָט גע־קלונגען קאַלט און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענער ביטערקייט.

— גוט, לאָמיר אָנהייבן? — האָט זי גענומען אַ בלייפעדער און אַ בויגן פּאַפּיר.

— איר ווילט עס אָנשרייבן גלייך איצט?

— אַ שטיקל פּלאַן בלויז, אָנוואַרפן די הויפּטליניעס, טאָמער כ׳דאַרף אייך עפּעס פרעגן. איר קענט דערווייל עפּעס צובייסן.

— פיין, אַ דאַנק, מאַיאַ! — האָט ער אַ דריק געטאָן איר האַנט — אָן אייך וואָלט איך עס אָפּגעלייגט אין אלף הששי אַריין. איר האָט אַ פייערדיקע ענערגיע!

זי האָט אַריינגעבראַכט עטלעכע סענדוויטשעס פון קיך. ער האָט גע־לאָזן געקייט איינעם נאָכן צווייטן און זי האָט שנעל דורכשטודירט די אַלטע רעצענזיעס, האָט אָנגעצייכנט די אַלגעמיינע ליניעס, אים אויסגעפרעגט פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע, וועגן זיינע לעצטע בילדער, זיין דרך אין מאַ־לערײ, איינפלוסן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער.

— איר זענט דאָך אַן אמת׳ער עקספּערט! — האָט ער אויסגערופן.

— אַ דאַנק! — האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן. אַ רעזיגנירטע, איז זי גרייט געווען זיך צו באַגנוגענען מיט שיריים, מיט אַ גוט וואָרט. ער האָט

זיך אָפּגעשטעלט הינטער איר און זיך אַ בויג געטאָן איבער איר אַקסל צום טיש:

— איר וועט עס איבערשרייבן אויף ריין?

— פאַרשטייט זיך. אין עטלעכע קאָפּיעס.

— ווען?

— איבערן סוף־וואָך. כ׳דאַרף עס נאָך רעדאַגירן ווי געהעריק. שבת־צו־נאַכט קענט איר עס האָבן פאַרטיק. ניט צו שפּעט?

— ניין, אויסגעצייכנט!

— איר וועט טרינקען אַ קאַפע?

— אַ דאַנק, מאַיאַ, אָבער כ׳מוז גלייך גיין. כ׳וועל זיך אַריינכאַפּן שבת־צו־נאַכט.

זי האָט אים באַגלייט צו דער טיר. „מילא, פאַרפאַלן...״ — האָט אַ יאוש פון נאָך־אַלעמען זי דורכגענומען.

— אַ דאַנק, מאַיאַ, איר האָט מיך געראַטעוועט — האָט ער פאַרלייגט אַן אָרעם אַרום אירע אַקסלען. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט שווייגנדיק. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויִעס.

— גוד באַי — האָט ער באַרירט איר מויל. זי האָט ניט געעפנט די אויגן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ער איז שוין נישטאָ. ער איז ניט בעלם געוואָרן. ער האָט זי צוגעדריקט נענטער צו זיך. זי האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און אירע ליפּע האָבן זיך צעעפנט, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען אומ־זיכער. זי האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון זיין צונג און האָט אויפגעהערט טראַכטן. זיינע הענט האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבער איר רוקן, צו דער רונדקייט פון אירע היפטן. שווייגנדיק האָט זי געשפּרייזט הינטערוויילעכטס און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט. זיינע פינגער האָבן אַנטבלויזט אירע בריסט, געגלעט אירע לידקעס, געזוכט איר נאַקעטקייט. אירע קני האָבן געציטערט און זי האָט זיך געקלאַמערט אין אים. ס׳איז אַלץ געקומען אַזוי פּלוצלונג, אומגעריכט, אַז די אויפרעגונג האָט זי באַצוונגען. איר גוף האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ווי אין אַ ספּאַזמע, און אַ פאַרשטיקטער געיאָמער האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ראַנד פֿון דער סאָפֿקע. „שוין אַזוי לאַנג..." — האָט זי אַ מורמל געטאָן אַ התנצלות און אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט דאַנקבאַרקייט: „אָה, פֿיליפּ!" ער האָט זי אויסגעצויגן אויף דער סאָפֿע. זי האָט איצט געוואָלט רעדן וועגן ליבע, נשמה־זאַכן, זייער צוקונפֿט, אָבער ער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט. זיינע הענט, פֿול מיט קראַפֿט און תאווה, האָבן זיך געריסן צו איר גוף.

— ניט איצט, פֿיליפּ, אַן אַנדערש מאָל, גוט? — האָט זי געמורמלט און זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס — אַן אַנדערש מאָל, מיין טייערער.

ער האָט זיך גענומען אויסטאָן און געוואָרפֿן זיינע מלבושים אויף אַ שטול. די זעלביקע הויזן, ער האָט מסתּמא נאָר איין פּאָר — האָט זי נאָכגעפֿאָלגט זיינע באַוועגונגען — מע׳ט אים דאַרפֿן קויפֿן נאָך אַ פּאָר. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ביי „מעיסיס" איז איצט אַן אויספֿאַרקויף.

— קום, מאַיאַ! — האָט ער זיך אַ בויג געטאָן איבער איר. זי האָט זיך געטוליעט אין זיינע אָרעמס, נאָכגיביק און דאַנקבאַר — אָבער אויס־געניכטערט. קוקנדיק איבער זיין אַקסל, האָט אַ זעונג אַ שוועב געטאָן פֿאַר אירע אויגן: די טיר עפֿנט זיך. זיין נאַקעטער הינטער־חלק הייבט זיך פֿאַפֿריקאַם אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג. זי האָט הילכיק אַ לאַך געטאָן.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַ ברום געטאָן.

— גאָרניט, גאָרניט — האָט זי אים צוגעדריקט צו זיך.

— פֿאַר וואָס האָסטו זיך פּלוצלונג צעלאַכט — האָט ער געפֿרעגט, ווען ער האָט זיך גענומען אָנטאָן.

— אָה, גאָרניט, כ׳האָב זיך פֿאָרגעשטעלט ווי די מאַמע קומט מיט אַ מאָל אַריין — האָט זי ווידער אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— דו האָסט ניט קיין אייגן צימער? — האָט ער גערעדט ברוגז׳לעך ערנסט.

— יאָ, דאָס איז מיין צימער, אָבער דו זעסט דאָך, ס׳איז דאָ נישטאָ קיין טיר צום אַריינגאַנג.

פֿיליפּ האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף זיין זייגער:

— געוואַלד, כ׳האָב שוין פּאַרשפּעטיקט — האָט ער איילִיק צוגעפּראַ־וועט זיינע מלבושים. מאַיאַ האָט אים אַרויסבאַגלייט אין קאָרידאָר און געוואַרט ביז די ווינדע איז אַרויפגעשטיגן.

— שבת וועל איך האָבן פאַרטיק דעם מאַנוסקריפּט, פיליפּ — האָט זי זיך געטוליעט צו אים.

— יאָ, כ׳וועל קומען.

— קום באַצייטנס, וועלן מיר עסן וועטשערע צוזאַמען — האָט זי אים צוגערופן, ווען די טיר פון דער ווינדע האָט זיך געהאַלטן אין צומאַכן.

ג

אין צימער איז געווען טונקל, נאָר ערגעץ אין אַ ווינקל האָט געשיינט אַ בלוילעך ליכט הינטער אַן אַבאַזשור. זי האָט אַרויסגענומען אַ פרישן האַנטוך פון אַ וואַנטשראַנק, אים געוויזן דעם וועג דורכן קאָרידאָר און זיך גענומען אויסבעטן אַ געלעגער אויף דער סאָפע. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז זי געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ מיגניענדיקן ליילעך, אין אַ נאַכטהעמד מיט שפּיצן אַרום דעקאָלטע און די ראַנדן.

פיליפּ האָט אַ שפּרייז געטאָן צום שטול, וווּ עס זיינען געלעגן אָנ־געוואָרפן זיינע מלבושים, אָבער מאַיאַ האָט אים צוגעווונקען מיט אַ פינגער:

— קום!

— און די מאַמע? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד.

— זי וועט ניט קומען אַזוי שנעל — האָט זי אַ שמייכל געטאָן און צוגעפּראַוועט אַ קישעלע פאַר זיין צוקאָפּנס. זי האָט זיך אָפּגערוקט צו דער וואַנט און אים אָנגעוויזן אויפן פרייען פּלאַץ לעבן זיך. ער האָט איר געפאָלגט ווי באין־ברירה.

— ביסט זיכער?

— זי איז אַוועקגעפאָרן איבערן סוף־וואָך — האָט זי געזאָגט און פאַרלייגט אַן אָרעם אַרום אים — וועסט בלייבן איבער נאַכט, גוט?

— כ׳ווייס אַליין ניט... ס׳הייסט מאָרגן דאַרף איך עמעצן טרעפן, גאַנץ פרי.

— כ'וועל דיך אויפוועקן באַצייטנס — האָט זי אים געגלעט איבערן קאָפּ — מיר'ן אויפשטיין פרי און פרישטיקן צוזאַמען, גוט? וועסט קענען אָפּט בלייבן ביי מיר. כ'האָב באַשטעלט אַ וואַנט, וואָס וועט אָפּצאַמען מיין צימער פון אַריינגאַנג.

— אַ וואַנט? — האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. זיין בליק איז געפאַלן אויפן שטול מיט די אַנגעוואָרפענע מלבושים.

— אַ באַוועגלעכע מחיצה אַזאַ, אַ ראַל־וואַנט, וואָס גליטשט זיך אויף שינעס — האָט זי זיך אויפגעזעצט און גערעדט מיט התלהבות — זי ציט זיך אויס ווי אַ האַרמאָשקע: מיט קאָלירטע שטאַכעטן, קאַליפאָרניע־סטיל. וועסט זען!

זי איז אַראָפּ פון געלעגער און איז צוגעגאַנגען צום האָל:

— זי גייט אויף עלעקטרע — האָט זי אַ צייכן געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט דורך אַ כּישוף אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן צימער און דער וועלט — אַ דריק אויפן קנאָפּ און מיר זיינען אַליין! ס'געפעלט דיר?

— מען דאַרף זי אַנקוקן. ס'קאָסט אַוודאי אַ מטמון מיט געלט?

— נישקשה, אָבער כ'וועל זיך אַן עצה געבן.

גלייך נאָך זיין ערשטן באַזוך האָט זי באַשלאָסן וועגן דער מחיצה. עטלעכע טעג איז זי מיטאָג־צייט און נאָך דער אַרבעט אַרומגעלאָפן איבער דעפּאַרטמענט־סטאָרס און ספּעציעלע קראָמען, ביז זי האָט אַנטדעקט די ריכטיקע וואַנט — אַ מאָדערנע וואַנט, ווי איר האַרץ האָט געגלוסט. ס'איז געווען אַ גרויסע הוצאה, בפרט ווען זי האָט צוגערעכנט דעם רעמאָנט. זי האָט פאַרדינט ניט שלעכט, אָבער די „קושעטקע" האָט אויפגעגעסן אַ היפּשן חלק פון איר בודזשעט. און מיט אַ מאָל איז איר איינגעפאַלן, אַז זי וועט זיך איצט באַגיין אָן דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער, און מיט דעם געלט וועט זי פינאַנצירן די וואַנט. „דער אמת'ער בייט!" — האָט זי אַ שמייכל געטאָן, ווען זי האָט אויסגעשריבן דעם אַדערויף טשעק.

— אַ שאָד נאָר וואָס ס'דאַרף נעמען אַ דריי וואָכן ביז זיי וועלן זי אויפשטעלן — האָט זי געזאָגט — אַזאַ ווענטל דאַרף מען באַשטעלן אַ צייט אין פאָרויס.

— נו, יאָ — האָט פיליפּ אַ מורמל געטאָן.

איר ענטוזיאַזם האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעוועפּט. זי האָט זיך דער־פילט אָפּהענטיק. וואָס נאָך קען זי זאָגן?

— וואָלסט אפשר געוואָלט כאַפּן אַ ביס? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, אַ דאַנק, מיר׳ן דאָך אָקערשט געגעסן וועטשערע.

— אַ פרישן טרונק?

— גוט, יאָ.

מאַיאַ האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעלע פון אַ וואַנטשראַנק און אים צוגעוואָרפן. ער האָט עס אויפגעוויקלט און אַ ווײַלע באַטראַכט מיט פאַר־דאַכט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ פּאַסטקע.

— אַ פּידזשאַמע?

— אַ קליינע מתנה. געפעלט דיר? מעסט זי אָן, כ׳על דערווײַלע אַרײַנ־ברענגען אײַז.

מאַיאַ איז אַרײַן איך קיך. אויפן טיש זײַנען געשטאַנען שיריים פון דעם מאָלצײַט. אַ רעשטל ווײַן האָט געגלאַנצט אויפן דעק פון איר גלאָז. פיליפּ איז געקומען באַצײַטנס און נאָכן עסן זײַנען זיי אַריבער נעמען אַ טרונק אין איר צימער. זי האָט אים דאַן געוואָלט געבן די פּידזשאַמע. פיליפּ איז אָבער דעם גאַנצן אָוונט געווען צוריקגעהאַלטן, קאַלט, ווי ס׳וואָלט קיין מאָל גאָרניט געשען צווישן זיי. און זי איז ווידער געוואָרן אומזיכער. און מיט אַ מאָל האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן איר אויף דער סאָפע און זי אַרומגענומען. זיי האָבן אַראָפּגעשטעלט די גלעזער וויסקי אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט צעעפנט די ליפּן און זיך אַ בויג געטאָן הינטערווײַלעכטס.

אַ ליכט האָט געצאַנקט לעבן דער ליידיקער ווײַנפלאַש אויפן טיש. וואָס איז געשען? זי האָט אַלץ אויסגעפּלאַנט אין פאָרויס, מיט אַלע פּרטים — אַפילו דעם אינטימען מאָלצײַט בײַ דער שײַן פון ליכט. אפשר האָט זי צו געניי געפּלאַנט?

זי האָט אָנגעפילט אַ שיסעלע מיט אײַז און עס אַרײַנגענומען צו זיך אין צימער. פיליפּ איז געזעסן בײַ איר שרײַבטיש, האַלב־אָנגעטאָן, מיט אַ רויכערנדיקער לולקע אין מויל, און אַרײַנגעקוקט אין איבערגעשריבענעם מאַנוסקריפּט.

— געפעלט דיר? — האָט זי געפרעגט און איינגעשענקט משקה אין די גלעזער.

— זייער גוט. אויסגעצייכנט! ס'עט ווערן אַן אויסכאַפּעניש אויף מיינע בילדער.

ער האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין גלאָז און אַריינגעשטעקט די פאַרשריי־בענע בלעטלעך אין אַ קעשענע:

— אָבער איצט וועל איך גיין, מאַיאַ. כ'האָב ניט געפּלאַנט, פאַר־שטייסט? און כ'האָב חשק צו זיין היינט אַליין.

— ווי דו פאַרשטייסט. אָבער פאַרענדיק דיין וויסקי — האָט מאַיאַ זיך געסטאַרעט צו רעדן רויִק.

— כ'וועל טעלעפאָנירן. מאָרגן, איבערמאָרגן — האָט ער אויף גיך פאַרענדיקט זיין גלאָז.

✶

אין דריי וואָכן אַרום האָט מען געבראַכט די באַוועגלעכע מחיצה. צוויי אַרבעטער האָבן געמייסטרעוועט אַ האַלבן טאָג — ביז זי האָט זיך געגליטשט ווי אַ מזמור.

— איר ווילט זי אויספּרובירן? — האָבן זיי געפרעגט מאַיאַן, אָנ־ווייזנדיק אויפן קנאָפּ.

— ניין, ס'איז אָלרייט. אַ דאַנק!

זי האָט ניט געדריקט אויפן קנאָפּ. דער אַריינגאַנג איז געבליבן אָפן, ווי פריִער. אָבער מאַיאַן איז פאַרגעקומען, ווי צווישן איר און דער וועלט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געמויערטע וואַנט. וואָס איז געשען? פאַר וואָס? — האָט זי זיך געפרעגט און איבערגעפרעגט. זי האָט געוווּסט, אַז פיליפּ וועט ניט טעלעפאָנירן — און פון דעסטוועגן האָט זי די גאַנצע צייט געוואַרט.

צו מאָרגנס, אין דער פרי, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, האָט זי אויפ־געהויבן דאָס טרייבל און אָפּגערופן איר פּסיכאָאַנאַליטיקער.

דער גוטער סוף

א

„ווי ווייט כ׳בין אַוועק פון דאַנען״ — האָט ער געטראַכט, פירנדיק זיין בליק איבער די צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע הייזקעס, וואָס האָבן געקלעטערט איבערן שטויביקן שיפּוע. דאָס געסל האָט געשמעקט מיט ריחות פון פיש, געפּרעגלטן בוימל און פריש געבאַקענער פּיתּה. אין גרוי פון בין־השמשות האָט זיך געטראָגן אַ קלינג־קלאַנג פון קלאַפּנדיקע האַמערס — די קופּער־שמידן, סאַנדאַלן־מאַכער און קאָרבן־פלעכטער האָבן נאָך געאַרבעט אין די טונקעלע וואַרשטאַטן.

ער האָט געשפּרייזט פּאַמעלעך. לעצטנס איז ער זעלטן געקומען אַהערצו, אין דער שכונה פון דער אונטערשטער שטאָט פון בבל, ווו די גולי־יהודה האָבן זיך באַזעצט. די יונגע פּרויען, וואָס האָבן געפלאָכטן אַ נעץ אין גאַס, האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט. מיט זיין געפּאַליעטער פירקאַנטיקער באָרד און געטורעמטער מצנפת האָט בל בלאַדן אויסגעזען ווי אַ יונגער כאַלדייער פון העכערן שטאַנד.

בל איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז פון געציעסעטן שטיין, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, צווישן פּאַלמען, אויפן שפּיץ היגל. ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַן ענג געסל, און עטלעכע שוועלן ווייטער איז ער אַריין אין אַ טונקעלן פירהויז און זיך פאַרנומען מיט די טרעפּ צום אייבער־שטיבל. מיט אַ מאָל האָט ער איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אויפגעהאָרכט. פון אויבן זיינען דערגאַנגען אָפּגעריסענע ווערטער און זאַצן: „אַ וואָלף און אַ שאָף... און אַ שעפּעלע... וועלן זיך פּיטערן אין איינעם... און אַ לעמפּערט... אַ לייב וועט...״

— שלום, ישעיה! — האָט בל אויסגערופן.

„...אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי... און אַ שלאַנג..."

בל איז אַרויף עטלעכע טרעפּ און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— ישעיה! שלום, ישעיה! — האָט ער אַ רוף געטאָן העכער.

אויבן האָט זיך אָפּגעשאַרט אַ פּאַרהאַנג און אַ קאָפּ מיט צעשויבערטע האָר האָט אַרויסגעשטאַרצט:

— ווער איז דאָרטן? — האָט אַ קול געפרעגט מיט אומגעדולד.

— איך, בל.

— אָה, דו! אין דער טונקלקייט זעט מען קוים. ברוך הבא, בניהו — האָט ישעיה באַגריסט דעם גאַסט מיט זיין העברעיִשן נאָמען — קום אַריין!... „און אַ שלאַנג, איר שפּייז וועט זיין שטויב" — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך.

— וואָס האָסטו דאָרט געזאָגט וועגן וואָלף און לאַם? — האָט געפרעגט בל, אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל.

— וואַרט אַ קורצע ווײַלע, ווערטער צעפליִען זיך ווי טויבן — איז ישעיה צוגעגאַנגען צום טישל ביים פענצטער און זיך גענומען קריצן מיט אַ גריפל אויף אַ ווייכן ליים טאָוול.

— כ'האָב געהערט, אַז זיי רופן דיך דאָ „דער צווייטער ישעיה" — האָט געזאָגט בל.

ישעיה האָט זיך ראַפּטום אומגעדרייט:

— אָה, כ'קום ניט צו זיינע קנעכלעך — האָט ער אויסגערופן — געדענקסט? „און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס, און אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע וועט הויערן..."

— אַ סך וואַסערן זיינען אַוועקגעפלאָסן אין פרת זינט מיר האָבן צוזאַמען געלערנט די אַלטע פּאַרמעטן — האָט בל אַ שמייכל געטאָן.

ישעיה האָט אַראָפּגענומען אַ מגילה פון אַ פּאָליצקע און זי פּאַמעלעך פאַנאַנדערגעוויקלט.

— פאַר וואָס צינדסטו ניט אָן די מנורה? — האָט געפרעגט בל — דער טאָג איז שוין אַוועק קיין מערב.

— זיי טענה'ן, אַז כ'פּאַרנוץ צו פיל בוימל — האָט ישעיה אָוועקגעלייגט די מגילה און האָט ציטירט אויף אויסנווייניק: — „...און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס, און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס...״ דערמאָנסט זיך נאָך?

— ס'איז ניט פאַר בבל — האָט בל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ס'איז פאַר גאָר דער וועלט! „...אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד...״

— אַלטע שמ'עס! אַקעראייזנס און צווייגמעסערס? בבל באַהערשט די וועלט מיטן שפּיץ פון אירע שפּיזן, פון גרויסן טייך ביז צום גרויסן ים. די פעלקער ליגן צו אירע פיס און צאָלן איר צינז.

— דו זעסט נאָר דעם היינט. ער וועט פאַרביי ווי אַ שאָטן.

— און דיין וויזיע איז דער טרוים פון די געשלאָגענע, ישעיה.

— כשדים און פּטרוס וועלן פאַרגיין. דאָס וואָרט פון אייבערשטן וועט בלייבן.

— דאָס וואָרט פון בבל קלינגט פון די בערגיקע טויערן פון סין ביז די זאַמדיקע מדבריות פון לוב. און דו? מיט דיין טאַלאַנט? דיינע ווערטער זיינען ווי פּלעווס אין ווינט.

בל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן:

— דער צווייטער ישעיה!... ווער ווייסט וועגן דיר? די אַלטע זילבערשמידן, די זקנים וואָס קלאָגן אויפן חורבן פון אַ טעמפּל ערגעץ אין אַ פאַרוויסטן לאַנד. אַ שטאַרבנדיקע שפּראַך! — האָט ער אַ טייטל געטאָן מיט אַ פינגער אויף ישעיה'ס פרישן טאַבלעט.

ישעיה האָט אָנגעצונדן די מנורה. דאָס פלעמל האָט זיך געוויגט אין אָונט ווינט און געוואָרפן אַ בלאַסע שיין אויף די געשטאַפּלטע טאָוולען אויפן טיש און דעם וויכן רויטלעכן ליים אין אַ בעקן צופוסנס. דער שאָטן פון אַ וואַסער קרוג איז אַרומגעשפּרונגען איבער אַ געקאַלכטער באַקעטער וואַנט.

בל בלאדן האָט אויסגעשטרעקט דעם רעכטן אָרעם און גערעדט מיט האַרץ:

— קאַראַוואַנען פון פעניציער סוחרים ברענגען אונדז די גלאַנצנ־דיקסטע פאַרבן, די אַרמיי פון מעכטיקן גבו האָט צוריקגעבראַכט ווי קריגס־רויב דעם טייערסטן פּאַפּירוס פון נילוס־טאָל — און דו? דו קריצסט נאָך אַלץ מיט דיין גריפל אויף ליים. ווען דו שרייבסט כּשדיש! די זינגערס אין די טרינקשטובן צאָלן טבין ותקילין פאַר פריילעכע געזאַנגען וועגן וויין און ליבשאַפטן. דער טעמפּל פון „הייליקן וועלדל" צאָלט מיט גאָלד פון תּרשיש און עלפאַנטביין פון הודו. און אין טעמפּל פון די קדשות לעכצן די יונגפרויען צו הערן געפליגלטע ווערטער איידער זיי זיינען מקריב זייערע בתולים צו דער עשתּורת.

ב

ס'איז שוין געווען נאַכט ווען בל איז אַראָפּ אין גאַס. צווישן די פּאַלמען אויפן בערגל האָבן זיך באַוועגט ברענענדיקע פאַקלען. פון די אַרומיקע געסלעך איז דערגאַנגען אַ מיש־מאַש פון אויפגערעגטע קולות. דאָ און דאָרט האָט אַ שיַין געטאָן אַ ליכט צווישן די הייזקעס, און איז נעלם געוואָרן. בל האָט פאַרשנעלערט די טריט. מיט אַ מאָל האָבן עטלעכע פיגורן אים פאַרשטעלט דעם וועג. די פלאַם פון אַ בראַנדהאָלץ האָט אַ ציטער געטאָן אין דער פינצטערניש.

— אַ כּשדי! — האָט אויסגערופן אַ קול דאַנעבן.

— דאָס איז ער!

— ווער? ווו? — האָבן צאָרנדיקע שטימען זיך צוגערופן פון אַלע זייטן.

— זייער פירער! דער פירער פון דער באַנדע!

אַן אויסגעשטרעקטער שטורקאַץ האָט אַ לייכט געטאָן בל'ן אין פּנים. אַן אָנגעלאָף פון מענטשן האָט אים אַרומגערינגלט. פאַר זיינע אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן שטעקנס און פויסטן.

— ווו איז זי?

— וווהין האָט איר זי פאַרשלעפּט?

— כ׳בין איינער פון אייך — האָט בל אויסגעשריִען אויף יהודית — אָט־דאָ, צווישן אייך, בין איך געבוירן געוואָרן. מיינע אָבות שטאַמען פון יהודה, פון די גולים פון ירושלים.

די געשרייען האָבן זיך איינגעשטילט. דער המון איז שטיין געבליבן אַפּהענטיק. נאָר פון די הינטערשטע רייען איז נאָך דערגאַנגען אַ געמורמל פון חשד:

— ס׳אַ ליגן!

— זיין פּרצוף זאָגט עדות, אַז ער איז אַ ליגנער.

בל איז געקומען צו זיך:

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט — וואָס איז די בהלה?

— אונדזער טאָכטער... די עלמה!

— זי איז נעלם געוואָרן.

— אַ באַנדע כשדים האָבן זיך באַצוווּנגען — האָבן אויסגערופן עטלעכע שטימען אויף אַ מאָל — זיי האָבן צעשלאָגן די דינסט און פאַרשלעפּט די עלמה.

— פאַר אַ זונה וועלן זיי מאַכן אונדזער שוועסטער?

אַ יונגער מאַן האָט זיך דערנענטערט צו בל׳ן:

— בניהו? — האָט ער אים אַריינגעקוקט אין פּנים מיט אַ פאַרשנדיקן בליק — בניהו בן נתנאל, וועלכער רופט זיך איצט בל בלאדן?

— יאָ.

— דער סופר, וואָס זיין נאָמען גייט אים פאָרויס פון ווו די זון שיינט־אויף ביז דאָרט ווו זי פאַרגייט.

— כ׳בין צו קליין פאַר אָט־די שבחים. און דו? ווער ביסטו?

— דערקענסט מיך ניט? איך בין פלטיאל. ווען מיר זיינען געווען קינדער, האָבן מיר דאָ געלערנט צוזאַמען אין בית־הכּנסת. ישעיה אויך. געדענקסט?

— אַה, פלטיאל... יאָ... אָבער די עלמה — וואָס פאַראַ עלמה?

— תּרצה, די טאָכטער פון אליפלט —

— די בת־יחידה פון אונדזער נגיד און באַפעלער, וואָס דער אל עליון האָט אים באַשאָנקען מיט רייכקייט און גדולה, און סטאַדעס שאָף און

רינדער ווי זאַמד אויפֿן ברעג פֿון ים — האָט געזאָגט אַ ברייטפּליי־ציקער מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט.

פּלטיאל האָט זיך צוגעבויגן צו בל׳ן:

— ישעיה׳ס כּלה — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

דער מאַן מיטן שטורקאַץ האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז אויפֿן בערגל. אַנדערע האָבן זיך אַ שאַר געטאָן אין די אַרומיקע געסלעך. דער עולם איז זיך צעקראָכן אין דער פֿינצטערניש.

פּלטיאל איז מיטגעגאַנגען מיט בל׳ן:

— אין דריי לבנות אַרום האָט געדאַרפֿט זיין די חתונה — האָט ער געזאָגט.

— מאָדנע — האָט בל זיך געוווּנדערט — ישעיה האָט מיר גאָרניט געזאָגט.

— אפֿשר האָט אים זיין האַרץ עפּעס געזאָגט — האָט פּלטיאל גערעדט שטיל און זיך אַרומגעקוקט.

— וואָס מיינסטו?

— די כּשׂדים האָבן זי ניט באַצוווּנגען. תּרצה איז אַליין אַנטלאָפֿן מיט זיי, מיט איר גוטן ווילן. אַ סבֿרא, אַז זי האָט זיך שוין פֿריִער אַרומגעפֿירט מיט לעבֿ־יונגען פֿון דער אויבערשטער שטאָט.

— טאָ פֿאַר וואָס דער רעש? דער געיעג?

— דו פֿאַרשטייסט ניט פֿאַר וואָס? אונדזער נגיד שטייט ניט אָן, אַז זיין טאָכטער איז גוטוויליק אַנטלאָפֿן פֿון דערהיים. דאָס האָבן אליפֿלט׳ס קנעכט דערלאַנגט דער דינסט מיט שטעקנס, ווייל זי האָט געהאָט אַ לאַנגע צונג. דערנאָך האָט זי שוין דערציילט אַ מעשׂה, אַז מען האָט תּרצה׳ן פֿאַרשלעפּט מיט געוואַלט.

— און פֿאַר וואָס איז זי אַנטלאָפֿן?

— פֿאַר וואָס?... פֿאַר וואָס ביסטו אַוועק? דאָס הייליקע לאַנד איז חרובֿ און וויסט, און די יוגנט דאָ איז פֿול מיט צווייפֿלען. וועלן די טרוקענע ביינער זיך פֿאַרציִען מיט הויט? ווען דער גואל קומען?

— אָבער תּרצה?

— ווער ווייסט, אפשר האָט זי זיך פאַרבענקט נאָך דער ליבע פון עשתּורת. זי איז אויפגעכאָוועט געוואָרן אויף ז״ן דנס. אַ בת־מלכּה! „די עלמה״, האָבן מיר זי אַלע גערופן. מיט זיבן אויגן האָט מען אַכטונג געגעבן אויף איר. דו ווייסט דאָך: די טהרת־המשפּחה פון די טעכטער פון יהודה! איר זיידע איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָט אָנגענומען דעם זאָג „בויט אייך הייזער און קויפט פעלדער״ אין בבל, אָבער דריי מאָל אַ טאָג האָט ער געקניט ביים פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו ירושלים. און תּרצה איז געווען דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג, אָפּגעהיט פון די כּשׂדי׳שע אומוויר־דיקייטן. אָבער די געטער פון בבל האָבן אַ שוואַרצן כּוח.

— זאָג מיר, פּלטיאל, ווי קומט דער נגיד אויסצוקלייבן ישעיה׳ן פאַר זיין בת־יחידה?

— דו ווייסט דאָך, אַז ישעיה׳ס משפּחה שטאַמט פון די יקירי־ירושלים. דאָ זיינען זיי אָרעם. ישעיה העלפט אַפילו אַרויס אין דער פּרנסה מיט איבערשרייבן אַלטע פּאַרמעטן. ער איז אָבער אַן אויפגייענדיקער שטערן. זיין וואָרט איז פלאַם־פייער. זיין נאָמען ווערט געטראָגן אויף אַלע ליפּן: דער צווייטער ישעיה!

ג

ווען בל בלאדן איז צומאַרגנס געקומען אין דער באַרימטער טרינק־שטוב „נורין די כּשׂדיא״, האָבן די שטאַם־געסט — ס׳רוב יונגע סופרים און קינסטלער אין האָלץ און מעטאַל, ווי אויך סתּם לעב־יונגען — שוין געוווּסט, אַז דער גרויסער סקולפּטאָר אַריוך אור האָט סוף־סוף געפונען די געהעריקע מאָדעלקע פאַר דער ריזיקער סטאַטוע פון עשתּורת, וואָס ער האָט זינט יאָרן געשטאַלטיקט אין זיין דמיון.

— צווישן די גולים פון יהודה האָט ער זי אַנטדעקט — האָט דערציילט איינער פון אור׳ס חסידים — די שענסטע מויד פון זייער שכונה. און אַן עכטע בתולה. זי האָט פאַרלאָזן איר פאָטערס הויז און איז אַנטלאָפן מיט אור׳ן.

— וווּהין האָט ער זי אַוועקגעפירט? — האָט געפרעגט בל.

— ער באַהאַלט זי אויס. די קנעכט פון איר פאָטער קריכן אַרום איבער דער שטאָט, קוקן אַריין ווו נאָר אַ לאָך.

אין די פאָלגנדיקע טעג איז תּרצה געווען אויף אַלע צינגער:

— זי איז אין טעמפּל פון די קדשות, אונטערן שוץ פון די געטער.

— זי וועט פאַרשענקען איר גוף ווי די זון שענקט איר ליכט — אַלעמען. ערשט דאַן וועט זי ראוי זיין צו דינען ווי דאָס פאָרבילד פון שענקייט און ליבע...

אין אַ ווינקל האָבן צוויי מיטליעריקע סופרים געזופט פאַמעלעך פון זייערע קריגלעך וויין און געשמועסט וועגן טבין ותּקילין:

— מען זאָגט, אַז די סטאַטוע וועט אויפגעשטעלט ווערן אין טויער פון „היילקן וועלדל". וויפל, מיינסטו, וועט אַריוך קריגן?

— צען לאַבנס גאָלד, האָב איך געהערט.

— צען? גיכער דריי מאָל צען. „דאָס הייליקע וועלדל" איז אָנגע־שטאָפּט מיט גאָלד ווי דער ים מיט וואַסער.

— אירע פיס וועלן זיין פון קופּער, אירע היפּטן פון זילבער, די בריסט פון עלפאַנטביין, און איר קאָפּ וועט זיין פון גאָלד.

און באַלד האָבן די חברה־לייט אין דער טרינקשטוב זיך אָנגעהויבן אויספיינען מיט זייערע וויזיטן ביי דער מויד:

— זי איז הייס ווי די זון און מיסטעריעז ווי די לבנה — האָט איינער אַ יונגער דיכטער אויסגעזונגען איר לויב.

— זי האָט אויסגעפּרעסט דעם זאָפט פון מיינע לענדן ווי מען פּרעסט אויס בוימל פון איילבירטן.

— ביי מיר האָט קודם־כּל דער פּריסטער אויסגעפּרעסט די מטבעות פון בייטל — האָט איינער פון די לעב־יונגען געלאַכט איבער אַ ליידיקן קופּל ביר.

פּוסטע באַרימערייען, פאַנטאַזיעס אויף דער וואָר! — האָט געטראַכט בל. ס'איז אָבער אמת, אַז דער עלמה'ס רום שטייגט צום הימל, און די פּריסטער האָבן זיכער אַרויפגעשרויפט איר פּרייז. כ'מוז זי זען! — האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט זיך דערפילט שולדיק לגבי דעם גאָט פון ירו־

שלים. זיי האָבן חרוב געמאַכט זיין בית־המקדש און איצט האָבן זיי אַוועק־גערויבט די שענסטע בתולה פון זיינע געטרייע. ישעיה׳ס כלה!

ס׳האָט אים מיט אַ מאָל באַנג געטאָן, הלמאי מען אַנטלויפט פון דאָרטן. פאַר וואָס? כ׳מוז זי זען און רעדן מיט איר! ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין דינר ביי דער נשמה און קיין שריפט צו פאַרקויפן האָט ער אויך ניט געהאַט. ער האָט לעצטנס פאַרבראַכט גאַנצענע נעכט אין טרינקשטיבער און זיך אַרומגעשלאַיעט מיט ביליקע נקבות. ער מוז עפּעס אָנשרייבן אויף שנעל! אָבער וואָס?

בל האָט אַ נישטער געטאָן אין זיין זכרון. די כּשׂדים האָבן ניט נאָר פאַרשקלאַפט פעלקער, נאָר האָבן אויך פאַרשלונגען זייערע לעגענדעס. אָבער די מגילות פון יהודה זיינען דאָ דערווײַלע געווען אומבאַקאַנט. זאָל ער שרייבן וועגן די ליבע פּירונגען אין סדום? די מעשׂה מיט אונן? וועגן לוט׳ס טעכטער, וואָס זיינען געלעגן מיט זייער פאָטער? אַ געפּיל פון אָפּהענטיקייט האָט אים באַהערשט. ס׳איז שוין אַלץ באַזונגען געוואָרן, אַפילו משכּב־זכר און משכּב בהמה.

ווען ער איז לאַנג נאָך חצות געקומען אַהיים, האָט פּלוצלונג אַ בילד אויפגעבליצט אין זיין דמיון: „שני שדייך כּשני עפרים...״ אַ־אַה, אָט דאָס איז עס! אַ ליבעגעזאַנג צו דער עלמה — אַזאַ סחורה וועט זיך פאַרקויפן. די ווערטער זיינען צו אים געקומען אויף יהודית. ס׳איז פון אַן אַלטער שריפט, אָבער ווי גייט דאָרט ווייטער? ער האָט מיטגענומען עטלעכע פאַרמעטן פון דעם טאַטנס שטוב, אָבער ווו האָט ער זיי פאַרלייגט?

ס׳האָט שוין געשפּראָצט אויף טאָג, ווען ער האָט געפונען די מגילה. ער איז שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן דעם אַלטן כּתב. יאָ, דאָס צאַרטע ליבע געזאַנג פון די פאַסטעכער אין די בערג וועט זיכער אויסנעמען ביים גרויס־שטאָטישן עולם פון בבל. ער האָט זיך גענומען צו דער מלאכה, האָט אַרויסגענומען אַ שורה דאָ, אַ פּסוק דאָרטן, און צונויפגעשטעלט אַ געזאַנג. אַוודאי, אין דער שכונה פון די גולים איז עס באַקאַנט, מען זינגט עס אַפילו אויף חתונות, אָבער דאָ, אין דער אייבערשטער שטאָט — ווער וועט עס וויסן?

אַרום מיטאָג־צייט איז ער פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם תּרגום אויף אַראַמעיִש. ער האָט געכאַפּט אַ דרימל, און ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז ער אַוועק אין „די ליכט פון כּשדיא" אויפצוזוכן דעם סרסור מרודך נגו.

נגו האָט געהאַט אַ שם צווישן די סרסורים אין דער קונסט וועלט פון בבל. ער איז געווען אַ סריס, און אין זיין יוגנט האָט ער געהיט דעם שוועל פון מלכ׳ס הארעם. דער קעניג האָט אים פאַרשענקט דעם שׂר־המשקים, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט דער קאָלעקציע פון בתולות, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט פון די פאַרשיידענע פעלקער צווישן דעם גרויסן טייך און גרויסן ים. פון די פּילגשים האָט נגו זיך אָנגעהערט וועגן די אויסטערלישע מעשׂים און גבורות פון זייערע געטער און העלדן אין די וייטע מקומות. ער האָט זיך גענומען איבערדערציילן די געשיכטעס אין די הענגענדיקע גערטנער און אין די טויערן פון דער שטאָט, און אַזוי איז ער מיט דער צייט געוואָרן אַ ליטעראַרישער סרסור. ער האָט צוגעשטעלט אין די הייזער פון פרייד ניט בלויז ליים־טאָבלעטן און פּאַפּירוסן, נאָר אויך לעבעדיקע סחורה פון בעסטן סאָרט. „דער טעמפּל פון די קדשות" און „דאָס הייליקע וועלדל" זיינען געווען צווישן זיינע באַרימטסטע קליענטן.

בל האָט לאַנג געוואַרט אין דער טרינקשטוב, אָבער נגו האָט זיך אין יענעם נאָכמיטאָג ניט געוויזן. ער האָט אים אַרומגעזוכט ביז שפּעט ביי נאַכט און צו מאָרגנס, און ערשט אויפן דריטן טאָג האָט ער אים באַמערקט אין אַ טונקעלן ווינקל פון אַ פּערסישער עסשטוב. דער סרסור האָט געביסן פון אַ שעפּסענער פּאָלקע און פאַרטרונקען מיט ווין פון אַ הויכן קריגל.

— ווו ביסטו נעלם געוואָרן? — האָט בל אויסגערופן.

— דער מענטש לעבט ניט פון ברויט אַליין, און די רייצנדיקסטע בתולות געפינט מען אין שויס פון דער נאַטור.

— כ׳האָב פאַרפאַסט אַ ניי ליד. וועגן דאַרפישער ליבע טאָקע.

— דער מאַרק איז פאַרפלייצט — האָט נגו אַרומגעגריזשעט דעם ביין — אונדזער כּשׂדיש איז די וועלטשפּראַך, און אַלע שרייבן. צופיל סופרים! און איצט, אַז אייערע מענטשן האָבן זיך גענומען אַרויפדראַפּען פון דער אונטערשטער שטאָט...

— ס׳איז אַ שיר וועגן אור׳ס נייעסטער ליבע. אַ שיר־השירים צו תּרצה׳ן.

— אַ גרויסע מעשׂה! — האָט נגו אַ שאָקל געטאָן מיט דער פאַלקע — אויף מיין נסיעה איבער די דערפער האָב איך איינגעהאַנדלט גרעסערע קראַסאָוויצעס פון איר.

— אָבער תּרצה איז באַרימט. אור וועט זי מאַכן פאַר דער עשׂתּורת פון „הייליקן וועלדל״.

— יאָ, איך ווייס, דער עולם יאָגט זיך נאָך פרעמדער סחורה — האָט נגו אַ זיפץ געטאָן.

בל האָט פונאַנדערגעוויקלט זיין פאַפּירוס און זיך גענומען לייענען:

וי אַ רויט פאָדים זיינען דיינע ליפּן,
און דיין מויל איז באַ׳חנ׳ט
דיינע צוויי בריסט ווי צוויי הירשעלעך,
צווילינגס פון אַ הירשין,
וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליען

נגו האָט אָוועקגעלייגט דעם ביין און געזופּט פאַמעלעך פון ווין.

ער זאָל מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל,
וואָרים בעסער פון ווין איז דיין ליבשאַפט — — —

דער סריס האָט באַשטעלט אַ פרישן קריגל ווין.

— וויפל? — האָט ער געפרעגט בל׳ן.

— וואָס זיינען פופציק גילדערנע דינר׳ס צווישן פריינד? — האָט געענטפערט בל.

— דריי... אין זילבער.

— אַט־דאָס ליד מיינס וועט געזונגען ווערן אומעטום — אין די טרינקשטובן, די הענגענדיקע גערטנער, אויף די מערק. איז וואָס פאַראַ ראָליע שפּילן שוין פערציק גילדערנע דינר׳ס ביים גרויסן נגו?

זיי האָבן זיך לאַנג געדונגען און זיינען סוף־סוף מושווה געוואָרן אויף אַ האַלבן טוץ דינר׳ס. בל האָט אַריינגעלייגט די מטבעות אין דער טאָרבקע פון זיין גאַרטל, אונטערן כאַלאַט, און זיך גלייך געלאָזט גיין צום טעמפּל פון די קדשות.

ד

אין פּאַלמען־גאָרטן פאַרן טעמפּל האָט געהויערט אַ קאַראַוואַנע קעמלען. די אַנטרייבערס האָבן געבאַקן פּיתּה׳ס אויף גלי̇ענדיקע קוילן, געוואָרפן אַליוון אין מויל אַריין און אַרויסגעשפּיַט די קערנער אין גרויסע בויגנס צווישן די צווייגן פון דיביימער. אַ גרויסער עולם היינט — האָט בל זיך געזאָגט אין האַרצן — און קענטיק פון ווייטע מקומות. ביים איינגאַנג פון דער געטורעמטער געביידע האָט אַ דיקער סריס אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— כ׳וויל רעדן מיטן הויפּט־פּריסטער — האָט געזאָגט בלאדן.

— ער איז פאַרנומען — האָט דער שומר־הסף אַ קריי געטאָן.

בל האָט אים דערלאַנגט אַ מטבע. דער סריס האָט זיך טיף פאַרנויגט, געמאַכט אַ צייכן אַז ער זאָל וואַרטן, און איז אַריין אין טעמפּל, לאָזנדיק די טיר אַ ביסל אָפן הינטער זיך. בל האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק. פאַר זיינע אויגן האָט אַ מיגניע געטאָן די נאַקעטע פיגור פון אַ פרוי, וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרויף־אַראָפּ, האָט געוואַקלט מיטן בויך, מיט די היפטן, מיט די בריסט. באַבערדלטע מענער אין ווייסע טורבאַנען זיינען געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס אין אַ האַלבן קרייז און האָבן זי נאָכגעפאָלגט מיט פאַרגאַפטע בליקן. הינטער אַ מזבח באַדעקט מיט בלומען האָט אַ שלאַנקער יונגערמאַן געקלאַפּט אויף אַ פּייקל.

אַ פּריסטער מיט אַ גלאַט־ראַזירטן קאָפּ איז דערשינען אויפן שוועל און האָט פאַרשטעלט דעם אויסבליק. בל האָט זיך פאַרנויגט:

— איך וויל זען תּרצה׳ן, די עלמה פון... — האָט ער זיך פאַרהאַקט.

— ווער ביסטו?

— אַ סופר. אַ פריינט פון אַריוך אור.

דער פּריסטער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איר פרייז איז איר וואָג אין גאָלד.

— איך וויל נאָר רעדן מיט איר. עטלעכע ווערטער.

— ניט איצט, מיין יונגער פריינד. דער טעמפּל איז פול פון עק צו עק. זאָג דיין באַרימטן פריינד אור, אַז מיר האָבן דאָ היינט חשוב׳ע געסט — אַ קאַראַוואַנע סוחרים פון צור, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף זייער וועג קיין הודו. דריי וואָכן האָבן זיי געשמאַכט, וואַנדערנדיק איבער די הייסע זאַמדן פון מדבר אַרם, און זיי זיינען געקומען צו אונדז אָפּצוריכטן אַ דאַנק־תּפילה צו זייער גאָט בעל און דערפרישן די נשמה מיט דער ליבע פון עשתּורת.

— זאָל איך צוואַרטן? — האָט בל אַ קלוגג געטאָן מיט די מטבעות אין זיין בייטל.

— ניט היינט, מיין פריינד. זי טאַנצט אַצינד פאַר די כּנענים. זיי וועלן צעטראָגן איר רום פון הודו ביז כּוש.

הינטער די ברייטע פּלייצעס פון פּריסטער האָבן אַ שאַל געטאָן הילכיקע קלאַנגען פון פויקן און טאַצן. דער עולם האָט געפּלעסקעט מיט די הענט און התלהבות׳דיקע געשרייען האָבן זיך געריסן אין רוים.

— מען פירט זי איצט צום מזבח, ווו זי וועט מקריב זיין אירע בתולים צו דער געטין פון ליבע און פרוכטבאַרקייט — האָט דער פּריסטער דער־קלערט.

— מיט דער גאַנצער קאַראַוואַנע?

— אָה, ניין, אַ יונגער פּרינץ פון פּרעה׳ס הויז וועט זי לייגן אויפן אַלטאַר. די כּנענים וועלן זיך נאָר צוקוקן. אויף זייערע וואַנדערונגען האָבן זיי שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַלע מינים פרויען — פון די שוואַרץ־לייביקע טעכטער פון פוט ביז די שמאַל־אויגיקע בתולות פון סין. פון דער עשתּורת ליבע ווילן זיי הנאה האָבן מיט די אויגן.

אינעווייניק איז דער עולם אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז: „במזלא יאייא!״ „גדא טבא!״ — האָבן באַנומענע קולות איבערגעשריִען דעם ליאַרעם פון די פויקן. דער פּריסטער האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין. בלאָדן האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַן אַרבל:

— ווי לאַנג וועט זי בלייבן אין טעמפּל? — האָט ער געפרעגט.

— אַזוי לאַנג ווי זי וועט זיין אַ בתולה.

— און ווי לאַנג וועט זי נאָך זיין אַ בתולה?

— אַזוי לאַנג ווי זי וועט בלייבן אין טעמפּל.

ה

אין אייבערשטיבל איז געווען טונקל. דאָס פלעמל פון דער מנורה האָט זיך געוויגט און אַ שײַן איז אַרומגעשפּרונגען איבער דער צעוויקלטער מגילה אויפן טיש. בל האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער פאַרגעלטער יריעה: „...אָט ווערט די עלמה טראָגעדיק און זי געבערט אַ זון, און וועסט רופן זיין נאָמען עמנואל..."

בל׳ס ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל. ווער איז שוין אַלץ ניט געלעגן מיט איר? בבל׳ישע לעב־יונגען, קאַראַוואַן האַרן פון צור, טונקעלע פּרינצן פון נילוס. אָבער פאַר אים איז זי נאָך אַלץ די עלמה, די אומבאַרירטע — אויף אַלע אייביקייטן. און ער זוכט אַ פּתרון אין די אַלטע שריפטן, אַ צייכן.

דער רויטלעכער ליים פונעם טאָבעלט דערנעבן איז נאָך געווען פריש, די שריפט וואַקלדיק, ווי געקריצט מיט אַ ציטערדיקער האַנט. בל האָט אַריבערגערוקט די מנורה און איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן עטלעכע שורות: „...ער איז געדריקט געוואָרן און געפּייניקט, און פלעגט זיין מויל ניט עפענען; ווי אַ לאַם וואָס ווערט צו דער שחיטה געפירט, און ווי אַ שעפּס וואָס איז שטום פאַר אירע שערער, ער פלעגט זיין מויל ניט עפענען..."

— וועגן וועמען שרייבסטו? — האָט געפרעגט בל.

ישעיה האָט געשוויגן. ער איז ווי פאַרגלעטערט געוואָרן — די אויגן טיף אין די לעכער, די באַקן איינגעפאַלן, די באָרד צעפּאַטלט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי פאַרזונקען אין אַ ווייטער וועלט.

בל האָט זיך צוגעבויגן צום טאָבלעט און געלייענט אויפן קול: „...און ער איז אויפגעגאַנגען ווי אַ שפּראָץ אַרויפצו און ווי אַ וואָרצל פון וויסטער ערד... פאַראַכט און אויסגעמיטן פון מענטשן..."

ישעיה האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט גערעדט זייער שטיל. בל האָט קוים אויפגעכאַפּט די ווערטער:

— שרעקלעכע זעונגען האָבן מיך פאַרפאָלגט ביי טאָג און ביי נאַכט. קאָשמאַרן. מיין רוקן האָב איך געגעבן צו שלעגער און מיינע באַקן צו פליקער. כ׳האָב ניט פאַרבאָרגן מיין פנים פון שאַנדן און שפּייעכץ.

— דו מוזסט אַרויס פון דאַנען — האָט געזאָגט בל — וועסט דאָ פון זינען אַראָפּ צווישן די פיר נאַקעטע ווענט. קום מיט מיר, כ׳על דיך מיטנעמען אין „די ליכט פון כשדיא״, אין טרינקשטובן. וועסט זיך באַגעגענען מיט סופרים, דיכטער, מענטשן פון גייסט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— זיי וועלן דיך אָבער ניט פאַרשטיין — האָט ער אָנגעוויזן אויפן ליים טאָוול — בבל וועט דיך ניט פאַרשטיין.

— וועלכע בבל? — האָט ישעיה זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף — די וואָס פרעסן די יונגיטשקע פון די שאָף און זויפן ווײַן פון בעקנס?

— דאָס איז בבל. דאָס איז די וועלט!

— די שקלאַפן אין קייטן, די אָרעמע און באַשפּייטע וועלן מיך פאַרשטיין. די פאַרטריבענע פון זייערע היימען, די געטריבענע אין דורשט דורך הייסע מדבריות — זיי וועלן מיך פאַרשטיין.

— זיי זיינען שטויב אונטער די פיס — האָט געזאָגט בל.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אין דער ווייט האָבן געפינקלט די ליכטער פון דער אייבערשטער שטאָט.

— אָט אי׳ דאָס! — האָט ער מיט אַ מאָל אויסגערופן — דער גייסט פון חכמה האָט אַראָפּגענידערט אויף מיר און איך ווייס דעם סוף.

— וועגן וואָס רעדסטו?

— דיין געשיכטע איז גוט. זי פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. מען דאַרף נאָר צוגעבן אַ גוטן סוף. אַ גליקלעכן סוף! וואָס זאָגסטו, ישעיה?

ישעיה האָט גאָרניט געזאָגט.

בל האָט אַרומגעשפּרייזט, אַן אויפגערעגטער, אַהין און צוריק. ער איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— ער דאַרף אויפשטיין תחיית־המתים! — האָט ער אויסגערופן.

— וואָס מיינסטו? פאַר וואָס?

— דו כאַפּסט נאָך אַלץ ניט? דער סוף מוז זיין אַ גוטער. און ס'איז אין גייסט פון בבל. תּמוז שטאַרבט יעדן האַרבסט, און אין פרילינג שטייט ער אויף תּחיית־המתים. אין האַרבסט באַוויינען אים אַלטע ווייבער אין שוואַרצע קליידער, און אין פרילינג, ווען ער שטייט־אויף פון קבר, טאַנצן אַרום אים מיט געזאַנג יונגע בתולות מיט בלומען קראַנצן.

— יעדער יאָר?... — האָט ישעיה אַ מורמל געטאָן.

— ווער זאָגט, אַז ס'דאַרף זיין אַ גאַנץ יאָר? אַ חודש איז אויך גענוג, אַ וואָך, דריי טעג אַפּילו.

— ס'אַ שפּיל אַזאַ, וואָס?

— מיט אַ פריילעכן סוף.

— איך בין ניט אויסן קיין שפּיל. די חלכּאים ווייסן ניט פון קיין גוטן סוף. זיי ליידן און שטאַרבן, און זייערע קינדער ליידן און שטאַרבן.

— זיי דאַרפן האָבן אַ האָפענונג! אַ צוקונפט... עולם הבא!

— ווי קען איך זיי געבן האָפענונג? — האָט ישעיה געפירט זיין בליק פון דער מגילה צום טאַבלעט — כ'וויל זיי ניט פאַרפירן. אפשר איז בישטאָ קיין עתיד לבוא? פאַראַן אָבער אַ זינען. די ליידן גופא זיינען דער זינען.

— ליידן זיינען זינלאָז.

ישעיה איז צוגעגאַנגען צום טיש און שנעל געקריצט אויפן ראַנד פון ליים טאָוול. בל האָט געלייענט איבער זיינע אַקסלען: „ער איז פאַרוווּנדעט איבער אונדזערע פאַרברעכנס, ער ווערט צעדריקט צוליב אונדזערע זינד..."

— ס'איז נישט דאָס! — האָט ער געזאָגט — דאָס איז ניט וויכטיק.

ישעיה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— וואָס איז וויכטיק?

— דער גוטער סוף. אַז דער סוף איז גוט — — פאַרשטייסט? און אויב דו וועסט עס ניט טאָן, וועלן עס אַנדערע טאָן. זיי וועלן צוגעבן אַ גליקלעכן סוף צו דיין געשיכטע, און זי וועט דערציילט און איבערדערציילט ווערן איבער גאָר דער וועלט. פון סין ביז ספרד און אויף די וויטע אינדזלען פון ים.

ישעיה האָט צעשפּרייט זיינע אָרעמס: וואָס קען איך העלפן?

— דו ווילסט זיין אַ דורכפאַל, וואָס? — האָט בלאדן געשאָקלט מיטן קאָפּ — דיינע ווערטער וועלן זיין ווי פּלעוועס אין ווינט.

ישעיה האָט שווייגנדיק געקוקט אויף זיין פריינד. דערנאָך האָט ער גענומען זיין גריפל, האָט זיך איינגעבויגן איבערן ליים טאָוול און געשריבן.

בלאדן האָט אַריבערגעקוקט. ער האָט אויפגעהויבן זיין קול:

— וועסט שוין בלייבן אַ שלימזל, ישעיה. אַן אייביקער לא־יוצלח!

אינהאַלט

דער מאַן פון לע מיל 5
בערקע דער ישוב׳ניק אַנטדעקט די וועלט 21
איפכא מסתברא 52
נאָך אַ קאַלטן ווינטער 65
פאַר דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער 83
די נסיונות פון עווערגרינער מקובל 104
אויף דער בירזשע פון אייביקייט 131
די קושעטקע און די וואַנט 143
דער גוטער סוף 158